STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07228

FOL RIVER

L. Hindes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּאָל ריזשער—
אַ מאָל און הײַנט



ל. הינזס

8/24/59

פאָל ריווער—
א מאָל און היינט

זכרונות פון מיינע איבערלעבונגען אין יענער שטאָט
אין די יאָרן 1909 און 1910
און איינדרוקן פון אַ באַזוך 45 יאָר שפּעטער

פון ל. הינדעס

באָסטאָן, מאסאטשוזעטס
1959

Printed in Boston, Massachusetts
by the
Independent Press, Inc.

געווידמעט מײַן זוהן

דאַנק־אויסדרוק

מיין הארציגן דאַנק צו די חברים און פריינט וועלכע, מיט זייער פינאַנ־ציעלע און מאָראַלישע שטיצע, האָבן מיך געהאָלפן ארויסגעבן דעם בוך: מייער קאַנאָוויץ, אייזיק סורקעס, נייטן קאַצמאַן, דוד לאַש (לעשצינסקי), פּאָל ריווער; דזשאָזעף שניידער, דר. דזשאָזעף וויינרעבע, שמואל וועסטלמאַן, באָסטאָן; סאַלאָמאָן פישער, פּיבאדי, מאַסס.; בען סקלעיר, ביינגאַר, מעין; יצחק לעווין, פּיטסטאַון, פּענסילווייניע; סאָל גרינבערג, גרינסבאָראָ, נאָרט קאַראָליינאַ; דזשייקאָב סטיינער, ניו־בעדפּאָרד, מאַסס.; דזשוּאיש קאָמיוניטי קאונסל, פּאָל ריווער; מר. און מרס. וויקטאָר סאָקאָל, טשעלסי, מאַסס.; דר. זשיטלאָווסקי לייען־קרייז, טשעלסי, מאַסס.

אַ גרויסן דאַנק קומט אויך דעם סטעף פון דער באָסטאָן פּאָבליק לאַיברערי, די לאַיברערים פון פּאָל־ריווער און ניו־יאָרק, פאַר זייער אומשעצ־באַרע אינפאָרמאַציע, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט צו דערגאַנצן דעם בוך.

ל. ה.

פון די אַרויסגעבער

דער מחבר פון דעם בוך איז געקומען קיין אַמעריקע מיט דעם גרויסן עמיגראַציע־שטראָם פון רוסלאַנד אין 1905. ניט האָבנדיק קיין פאַך („טרייד") און ניט קענענדיק די לאַנד־שפּראַך, איז אים זייער שווער אָנגעקומען צוצופּאַסן זיך צו די נייע אומשטענדן און צום נייעם לאַנד. זיין קענטניש וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים — פּיער שפּראַכן און בוכהאַלטעריע — האָט אים גאָר ניט געהאָלפן, און ער איז אַוועק אַרבעטן אין ניו־יאָרק פאַר גאַנץ קליינע שכירות אין די לייכטע אינדוסטריעס. איינע פון די „לייכטע" אינדוסטריעס אין יענע יאָרן איז געווען די אויסאַרבעטונג פון לעדער אַרטיקלען, ווי פּאַקעט־בוקס (פּאָרטמאָנעס), פּרויען האַנט־טאַשן, פּאַסן און אַנדערע אַרטיקלען וואָס ווערן געמאַכט פון לעדער. אָבער אין די דאָזיגע פּאַקעט־בוק שעפּער איז געווען זייער אָפט „סלעק" (אַרבעטלאָזיקייט); האָבנדיק אָפּגעאַרבעט אין איין פאַב־ריקל אַ פינף אָדער זעקס וואָכן — און דער שאַפּ איז שוין פאַרמאַכט און די אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער האָבן געמוזט זוכן נייע פּלעצער צו אַרבעטן. דאָס זוכן „אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאָג" נייע דזשאָבס — און אָפט ניט געפינענ־דיג — איז אים נמאס געוואָרן, און ער איז אַוועק אין „קאָונטרי" — אין דער פּראָווינץ. אין די קאָונטרי־שטעטלאַך אָבער איז די לאַגע ניט געווען בעסער ווי אין ניו־יאָרק — סלעק, סלעק, סלעק און ווידער סלעק — אומעטום.

אַנשטאָט צו זוכן נייע דזשאָבס אין דעם זעלבן שטעטל, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ צווייטע, אַ דריטע קאָונטרי, און אַזוי האָט ער אין דריי יאָר צייט — פון 1906 ביז 1909 — אַרומגעוואַנדערט איבער פינף־און־צוואַנציג שטעטלאַך פון די שטאַטן מאַסאַטשוזעטס, ראָוד איילאַנד, מעין, ניו־העמפּשיר, דערנערנדיג זיך פון אַרבעטן, פון פּעדלען, פון אַרבעטן אַלס „וועיטער" (קעלנער) אין רעסטאָראַנען — און בּאַ וואָס עס האָט זיך געמאַכט — ביז ער האָט „אָנגעשפּאַרט" קיין פאַל־ריווער, וואו ער איז פאַרבליבן קנאַפּע צוויי יאָר.

דורך די יאָרן פון זיין וואַנדערונג איז דער שרייבער באַווירקט געוואָרן פון סאָציאַליסטישע אידעען, וואָס ער האָט געהערט פון רעדנער, און פון לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. באַזונדערס, די וועלט־באַרימטע ווערק, „אין הונדערט יאָר אַרום", פון דעם אַמעריקאַנעם גרויסן שרייבער, עדוואַרד בעלאַמי. אָבער אַ שטאַרקערן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט די לעבנס־באַשרייבונגען

פון די אַרויסגעבער

פון די רוסישע „נאַראָדנאָוואָלצעס" — די זין און טעכטער פון פאַרמעגלעכע און קולטורעלע פאַמיליעס — וועלכע זיינען אין די זיבעציגער און אכציגער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט אוועק „וונאַראָד" (צום פאָלק) — צו די אָרעמע אונטערדריקטע פויערים אין רוסלאַנד, און זיי געלערנט ווי צו לעבן סאַניטאַריש, זיי געלערנט לייענען און שרייבן און ווי אַזוי צו קעמפן געגן זייערע אונטערדריקער — די פּריצים און די צאַרסקע קליקע. דער פאַרפאַסער פון דעם בוך האָט אין די יאָרן פון זיין רייזן איבער די שטעטלאך נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון די דאָזיגע העלדישע „נאַראָדניקעס". ער איז מיט „גרינע" אַרבעטער, אידישע און ניט־אידישע, געגאַנגען צו דאָקטוירים; באַוואַכט זיי גאַנצע נעכט ווען זיי זיינען געלעגן קראַנק אין בעט; געגאַנגען מיט זיי זוכן אַרבעט אין ניט־אידישע שעפּער, וואו די פאַרוואַלטער האָבן גערעדט בלויז ענגליש; געלערנט זיי שרייבן אידיש, כדי זיי זאָלן קאָנען אַליין שרייבן בריוו צו זייערע קרובים אין דער אַלטער היים; זיי אויסגעלערנט צו לייענען ענגלישע בוכשטאַבן, זיי זאָלן קאָנען לייענען אַ שילד אויף אַ טראַמוואַי, איבער אַ סטאָר, איבער אַ גאַס, אַז זיי זאָלן ניט בלאָנדזשען, און אַרויסגעהאָלפן די הילפלאָזע אימיגראַנטישע יוגנט מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

אָט די הומאַניטאַרע אַרבעט לטובת די עלנטע אימיגראַנטן האָט ער פאָרגעזעצט קומענדיג אין פאָל־ריווער; און געטאָן האָט ער עס ווען ער אַליין איז געווען אין גרויס נויט. דורך די פאָר יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער שטאָט, האָט ער זיך גוט צוגעקוקט צו דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין און אַרום דער דעליקאַטעסן סטאָר, וואָס האָט אויך פאַרקויפט אידישע צייטונגען. לעבן דער דאָזיגער סטאָר פלעגן זיך אַרבעטער, פעדלערס און קליינע סטאָר־קיפּער יעדן זונטאג פרי און זומערדיגע פאַרנאַכטן צוזאַמענקלייבן און אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן און דיסקוטירט וועלט־פּראָבלעמען („פּאָליטיקס", האָבן זיי דאָס גערופן). די דאָזיגע אונטערגעהערטע געשפּרעכן ווערן פון דעם אוטאָר איבערגעגעבן אינעם בוך מיט אַלע דעטאַלן.

אַ באַדייטנדיגן פּלאַץ אין בוך פאַרנעמט אויך די בריליאַנטענע און לויבנסווערטע אַרבעט פון דעם קולטור־קאָמיטעט פון „אַרבעטער רינג", וועלכער האָט פאַר זיך גענומען דעם הייליגן צוועק צו פאַרשפּרייטן ליכט און אויפקלערונג צווישן די אימיגראַנטישע און אַמעריקאַניזירטע אידן פון שטאָט.

ריזיגד איז די שילדערונג פון אַ באַזוך וואָס דער שרייבער האָט געמאַכט אין שטאָט נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון איבער פיר־צענדליג יאָר — ווי די שטאָט האָט אויסגעזען נאָך אַ גרויסער שריפה; די נייע אינדוסטריעס, דער אַלטער

פון די אַרויסגעבער

אונטערגעגאַנגענער אידישער קוואַרטאַל און די „נייע אידישע געטאָ" — אויף די בערג; די באַגעגענישן און די געשפּרעכן מיט די געציילטע איבערגעבליבענע פריינט און נאָענטע שכנים.

דער בוך אַנטהאַלט אויך די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דער שטאָט, אָנפאַנגענדיג פונעם יאָר 1657 און די צוויי גרויסע פאַסירונגען אין די יאָרן 1892 און 1904 — פּאַסירונגען וועלכע זיינען באַוואוסט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט.

מיר זיינען מער ווי זיכער, אַז דאָס ווערק וועט זיין פון גרויס אינטערעס ניט נאָר פאַר די אידן פון פאָל־ריווער און די ניו־ענגלאַנדער שטאַטן און אַמעריקע, נאָר אויך פאַר אידישע לייענער אין אַנדערע לענדער.

דער ל. הינדעס בוך־קאָמיטעט

מאַקס האַיד, פּאָרזיצער

הערי לעווענסאָן, סעקרעטאַר

באָסטאָן, מאַי 1959

אינהאַלט

זייט

דאַנק אויסדרוק	XI
פון די אַרויסגעבער	IX
נעמען פון שרייבערס וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך	XIV
פּאָל ריוועד	3
דער גענעראַל סטרייק פון 23 טויזנט טעקסטיל אַרבעטער, וואָס האָט אָנ־געהאַלטן גאַנצע זעקס חדשים	11
די „שפּינדל" שטאָט	18
פּעדלערס, פּעדלערס, פּעדלערס, און ווידער פּעדלערס אויף העברייאישע לערערס	26
איך ווער אַריינגעצויגן אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט	31
דער אידישער געזעלשאַפטלעכער לעבן אין פּאָל ריווער פופציק יאָר צוריק	56
גלענצנדיגע קולטור אַרבעט פון די אידישע ראַדיקאַלן אין פּאָל ריווער	76
ליטמאַן פון שיקאַגאָ	81
דער אַנאַרכיסט ט. אייגעס	84
אַב. זוסמאַנ'ס „מאַכבעטאַיסי"	87
„שאַ", „שין", שואל יאַנאָווסקי	90
מ. קאַטץ און מ. זאַמעטקין	93
מ. זאַמעטקין	96
לאָקאַלע רעדנער	99
דער בעסטער אידישער טעאַטער און ענגלישער טעאַטער קומט אויף קיין פּאָל ריווער	103
„שעם"	107
„שעם" נומער 2	110
גלענצנדיגע קולטור־אַרבעט פון די פּוילישע ראַדיקאַלן אין פּאָל ריווער	117
אַ גאַליציאַנער פרומער איד, איגנאַץ דאַשינסקי, און „אפרים־יאָסל זאָל לעבן"	119

אינהאַלט

זייט

יציאת פּאָל ריווער 129
דער פּאָל ריוועך „סוואַניר" — מיין ערשטער געדרוקטער אַרטיקל
מיט מיין נאָמען 133
מיינע „מיסעסן" פאַרשטייען מיך ניט 140
פּאָל ריוועך הײַנט 144
פּאָל ריוועך ניט מער דער גרעסטער טעקסטיל צענטער אין אַמעריקע 147
באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט די „4" 151
באַגעגענישן און שמועסן מיט די באַשווינדלטע 160
ווידער — צוריק צו פּאָל ריוועך 170
אַמאָליגער אידישער קוואַרטאַל „אידן־ריין" 174
מר. ווײַנער דערציילט און בייזערט זיך 177
צוויי „אָלד טיימערס": מר. מינעס און יאַנקל קראַוואַיעוו 182
נחת פון קינדער 185
אַ געשפּרעך מיט׳ן וועלט־באַרימטן בלינדן חזן משה׳לע סורקעס 195
אין דער „נייער געטאָ" 199
דער וואונדער שטיין פון דעם גלאַציער פעריאָד 203

נעמען פון שרייבערס וואָס ווערן דערמאָנט
אין דעם בוך

הענריק איבסען
ט. אייגעס
שלום אַש

באַלזאַק
זשעראַלדיין באָנער
מיכאַיל באַקונין
שיינדל בעדריק
וויליאַם בלעיק
עדוואַרד בעלאַמי
וויקטאָר בערגער
דער בראָנזווילער סטאָליאַר

הערמאַן גאָלד
יעקב גאָרדין
מאַקסים גאָרקי
י. גוירבערג
מ. געלבאַרט
דר. י. געטער

מרדכי דאַנציס
איגנאַץ דאַשינסקי
הענרי דזשאָרדזש
ש. דייקסל
יודזשין וו. דעבס

פּראָפעסאָר הורוויטש
(יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי)
היינריך היינע
געראַהאַרד האופּטמאַן
קנוט האַמסון
דר. טהעאָדאָר הערצל
וויליאַם ד. העיוואָוד
העלמאַר הערים
אָסקאַר וואַילד
ז. ווענדראָוו
מאָריס ווינטשעווסקי

מ. זאַמעטקין
עמיל זיידל
באַראָנעסע בערטהא פון זיטנער
דר. חיים זשיטלאָווסקי

טאָלסטאָי
פריינק טהאָמפּסאָן
טורגעניעוו
מאַרק טווען

ש. יאַנאָווסקי
יהואש
ש. יודסאָן
בר יוסי

זישע לאַנדי
ב. לאַפּין
ז. ליבין
קאַרל ליבקנעכט
דעניעל דע ליאָן
ראָזא לוקסעמבורג
אפרים גאָטהאָלד לעסינג
דזשאָן לואיס
ווילהעלם ליבקנעכט
לענין

מאָליער
וויליאַם מאָריס
טאָמאַס מאָר
ל. מאַגיסטער
קאַרל מאַרקס
רעווערענד מאַסליאַנסקי
יעקב מאַרינאָוו
יעקב מילך
ל. מילער
מענדעלע מוכר ספרים

נעמען פון שרייבערס וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך

משה נאַדיר
ניעקראַסאָוו

דר. חיים ספּיוואַק
יענטע סערדאַצקי
הערבערט ספּענסער
יונה ספּיוואַק
העריעט בּיטשער סטאָואי

דוד עדלשטאַט

באַוועך־פּאַוועך
אַלעקסאַנדער פּיערסאָן
טהאָמאַס פּעין
פּשיבישעווסקי
י. ל. פּרץ
ש. פּרעס

וויליאַם ז. פאָסטער

דר. ק. פאַרנבערג
עליזאַבעט גוירלי פלין
ראָבערט פענער

דזשאָרדזש מ. קאַהאַן
דזשאָרדזש קאַהאַן
מ. קאַטץ
דר. אב. קאַספּע
יעקב קאַראַלסקי
מרים קאַרפּילאָוו
לעאָן קאַברין
קוצענאַגי
פּיליפּ קראַנץ
פּעטער קראָפּאָטקין

שלום־עליכם

אברהם רייזען
מאָרים ראָזענפעלד

פאָל ריווער

א פופציג מייל דרום־צו פון באָסטאָן, ביי די ברעגעס פון דעם אַט־לאַנטישן ים איינגוס, „מאונט האָופ", און ביים מויל פונם טייך, „טאונטאָן ריווער", צוואנציל מייל פון ניו־בעדפאָרד, 25 מייל פון דער היסטאָרישער שטעטל ניופּאָרט, ראָוד איילאנד, האלב אַרומגערינגלט פון פעלדער, שיטערע וועלדלאך, טייכלאך, דערפער, שטעטלאך — ליגט רחבות'דיג אויסגעשפּרייט איבער בערג און איבער טאָלן די אַלטע קאָלאָניאַלע שטאָט, פאָל ריווער, מיט אַ באַפעלקערונג פון אומגעפער 115 טויזנט, וועלכע איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען פאַרעכנט אַלס איינע פון די וויכטיגסטע האַפן שטעט און דער גרעסטער טעקסטיל צענטער אין אַמעריקע און דער דריטער גרעסטער אין דער וועלט (מאַנטשעסטער, ענגלאנד, לאָדזש, פּוילן, און פאָל ריווער אין אַמעריקע).

די אַמאָליגע באַרימטע „פאָל ריווער באָוט"

ביז מיט אַ דריי צענדליג יאָר צוריק איז די שטאָט געווען גוט באַקאַנט צו די איינוואוינער פון ניו־יאָרק און באָסטאָן. צווישן די צוויי שטעט — ניו יאָרק און פאָל ריווער — האָט פאַר יאָרן לאַנג קורסירט אַ לוקסוריעזע פּאַסאַזשיר שיף, געווען באַקאַנט אַלס די „פאָל ריווער באָוט", אָדער ווי מ'האָט עס גערופן: „דער שווימענדיגער פּאַלאַץ". אַט די דאָזיגע באָוט איז געווען אַ גרויסע באַקוועמלעכקייט פאַר קאָמי־וואָיאַזשאָרן און סתם טוריסטן צווישן ניויאָרק און באָסטאָן. אַנשטאַט צו שלעפּן זיך מיט דער באַן גאַנצע צען שעה, האָבן די דאָזיגע קאָמערציעלע רייזנדע און אַנדערע זיך באַנוצט מיט דער שיף, וועלכע פלעגט שווימען דורך דער נאַכט. אַ ניויאָרקער איז אַריין אין דער באָוט פאַרנאַכט, איבערגעשלאָפן די נאַכט אין אַ „סטייט רום" קאַבי־נע אָדער אין אַ בעט אין דעם באַקוועמען צווישן דעק. באַלד אינדערפרי איז די שיף אַריינגעקומען אין פאָל ריווער האַפן, וואו ריכטיג ביים ברעג האָט שוין געוואַרט די באַן וועלכע האָט אים אין אַ שעה צייט געבראַכט קיין באָסטאָן. און אַזוי איז דער רייזנדער אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַן אויסגע־שלאָפענער און אויסגערוטער און גרייט געווען צו דער אַרבעט. און אַזוי האָבן, פאַרשטייט זיך, געטאָן באָסטאָנער, וועלכע זיינען געפאָרן קיין ניו יאָרק — צוגעפאָרן מיט דער באַן אין איין שעה צייט צום פאָל ריווער האַפן, אַריין אין דער באָוט און אַוועק.

די פ. ר. באָוט האָט געהאַט אַ שם איבער גאַנץ אַמעריקע. מיט איר שיינקייט און גראַנדיעזקייט האָט זי דאָן טאַקע פאַרדינט, ווי שוין פריער באַ־

מערקט, דעם צונאָמען דער „שווימענדיגער פּאַלאַץ". די שטאַרקע עלעקטרישע באַלויכטונג, די שניי ווייסע ווענט, די באַגולטע גאַלעריען, די פאַנטאַסטישע קאָר לירפולע טעפּיכער, האָבן פּשוט געבלענדעט די אויגן, און ווען די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען, האָט דער גוטער אָרקעסטער „דערלאַנגט" אַנגענעם־פריילעכע מוזיק נומערן, אַזוי אַז יעדער נייער אַריינקומענדיג האָט דערפילט ווי ער קומט אַריין אויף אַ חתונה אָדער אויף אַן אַנדער היימישע שמחה . . . אַלע האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער דער לאַנגער און ברייטער „לאָבי" מיט אַ שמייכל אויפ'ן פּנים — אַפילו די וואָס זיינען געפאָרן זוכן פּרנסה האָבן די עטלעכע שעה אויף דער שיף פאַרגעסן זייערע זאָרגן און זייערע דאגות.

אָבער אין 1925 האָט די שיף קאָמפּאַני געמוזט ליקווידירן אירע געשעפטן. עס איז אָנגעקומען דער אויטאָמאָביל און דער „באַס", די קאָמערציעלע רייזענדע, אָדער, ווי מ'האָט זיי גערופן, „דראַמערס", מיט זייערע צענדליקע פּעק מוסטערן („סעמפּלס"), האָבן זיך איינגעשאַפט מאַשינען און דער פּשוט'ער עולם האָט גענומען פאָרן מיט די באַסעס. דער איינקונפט פון דער שיף געזעלשאַפט איז שטאַרק רעדוצירט געוואָרן, און די אַמאָליגע פאָל ריווער באָוט איז אַריין אין דער געשיכטע, אַזוי צו זאָגן.

אַ סך פון די „אָלד טיימערס", וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין אויטאָמאָבילן און קאָנען זיך ניט פאַרגינען צו פליען, בענקען נאָך ביז היינט צו טאָג נאָך דער באַקוועמער געשעפטס און לוסט רייזע מיט דער פ. ר. באָוט.

קינג פיליפ'ס מלחמות

פאָל ריווער האָט הינטער זיך אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע געשיכטע, כאָטש אין די רעגעלע שול־היסטאָריעס ווערט זי כמעט ניט דערמאָנט, און איך האָב געמוזט אָנקומען צו די אַזוי־גערופענע „ספּעציאַליזירטע געשיכטעס", וועלכע פאַרצייכענען געוויסע פאַזן פון דער שטאָט'ס פאַרגאַנגענהייט, אָדער די דעטאַלן פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען פון דעם באַטרעפנדיגן לאַנד אָדער שטאָט.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון דעם פּראָפעסער, מר. ראָבערט פענער, און אַנדערע, איז די שטאָט געגרינדעט געוואָרן אין דעם יאָר 1656 אַלס אַ טייל פון דער פּלימוטה'ער קאָלאָניע (פּלימאָוטה, ווי באַקאַנט, איז די שטעטל וואו די ערשטע פּילגרימס זיינען אָנגעקומען מיט דער זעגל־שיף „מעיפלאַוער" אין דעצעמבער 1621, ל. ה.). די אינדיאַנישע שבטים, וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט נאָך איידער די ענגלענדער זיינען דאָרט געקומען, האָבן זייער שטאָט

גערופן „קיקיטשען", וואָס מיינט אין דער אינדיאַנישער שפּראַך „פּאַלענדיגער טייך". די אָנגעקומענע פּילגרימס איז דער נאָמען „קיקיטשען" ניט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן זייער נייעם ישוב אַ נאָמען געגעבן „פאָל ריווער", צוליב אַ וואַסערפאַל וואָס געפינט זיך נאָך עד היום הינטערן שטאָט.

אין דער געשיכטע פון דער שטאָט ווערט אויך דערציילט, אַז די ניי־אָנגעקומענע ווייסע קאָלאָניסטן האָבן פון אָנפאַנג ניט געלעבט בשלום מיט זייערע אינדיאַנישע שכנים, וועלכע האָבן געהערט צו דעם שבט „וואַמפּאַנאָאַג", און פאַר גאַנצע צוואַנציג יאָר האָבן זיי אָנגעפירט בלוטיגע מלחמות צווישן זיך, ביז דער פירער פון די אינדיאַנישע אַרמייען, פיליפ, אַ זוהן פון דעם טשיעף פון וואַמפּאַנאָאַג, מאַסאַסאָיט, וועמען מ'האָט שפּעטער געקרוינט מיט'ן נאָמען „קינג פיליפּ", איז אין אַ שלאַכט דערשאָסן געוואָרן אין דעם יאָר 1676. און מיט דעם האָט זיך געענדיגט וואָס איז באַקאַנט אין דער אַמע־ריקאַנער געשיכטע די „קינג פיליפּ'ס מלחמות".

בריטישער פלאָט פאַרנעמט דעם האַפן און פאַרברענט אַ האַלבע שטאָט

די זעלביגע שרייבער פון דער געשיכטע פון פאָלריווער האָבן אויך צו דערציילן וועגן די שלאַכטן וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן די ענגלישע מחנות און די שטאָטישע איינוואוינער. אין דעם זומער פון 1778, ווערט איבער־געגעבן, האָט דער בריטישער פלאָט נאָך אַרומגעשוואומען איבער די וואַסערן אין די געגנטן פון ניופּאָרט, ראָוד אײלאַנד, און פאָל ריווער, און אָנגעטאָן גרויסע צרות דער באַפעלקערונג פון די צוויי שטעטלאַך. אין פ. ר. האָט דער פלאָט פאַרנומען דעם דאָרטיגן האַפן. די אונטערגעהעצטע און צעווילדעטע מאַטראָסן האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און פאַרברענט אַ העלפט פון אירע הייזער, קענטיג אויס ראַכע פאַר די פינצטערע מפּלות וואָס ענגלאַנד'ס לאַנד אַרמייען האָבן מיט צוויי יאָר פריער געליטן אין לעקסינגטאָן, קאָנקאָרד, באַנ־קער היל און באָסטאָן, פון וואַנעט זיי האָבן זיך מיט שאַנד געמוזט אָפּטראָגן דעם 17טן מערץ, 1776. (אין באָסטאָן ווערט דער 17טער מערץ געפייערט אַלס דער „איוועקיוואיישאַן דעי" (עוואַקואיר טאָג), וואָס פאַלט צופעליג אויס צוזאַמען מיט דעם אירישן יום־טוב „סעינט פּעטריק'ס דעי" — ל. ה.). אָבער די מער־דערישע אַריינדרינגער זיינען דאָרט לאַנג ניט פאַרבליבן. די שטאָטישע מיליץ, אונטער דער פירערשאַפט פון קאַפּיטאַן דזשאָזש ל. דוירפי, נאָך בלוטיגע שלאַכטן וואָס האָבן אָנגעהאַלטן איבער צוויי וואָכן, איז געלונגען צו פאַרטרייבן זיי, און זיי זיינען שוין צוריק ניט געקומען.

ל. הינדעס

דער דאָזיגער פּאַטריאָטישער קאַפּיטאַן דוירפי איז געווען דער יעניגער וואָס האָט איינגעפירט די טעקסטיל אינדוסטריע אין שטאָט און אין דעם יאָר 1812 האָט ער אויפגעבויט דעם ערשטן קאָטן מיל (בוימוואָל פאַבריק) און דעם ערשטן אין אַמעריקע, און אין 1895 האָט די שטאָט אויף זיין נאָמען געגרינדעט דעם ערשטן טעקסטיל אינסטיטוט, וואו סטודענטן פון מאַסאַטשו־זעטס סטייט קריגן פריי אונטעריכט אין דער וויסנשאַפט פון דער פּראָדוקציע פון פאַרשיידענע סאָרטן קאָטן קלאָט (בוימוואָל געוואַנט) און גראַדואירן אַלס טעקסטיל אינזשענירן און טעקסטיל כעמיקער.

די „פאָלריווער" לעגענדע": אַ מיליאָנערסקע טאָכטער דערהרג'ט מיט אַ האַק איר קאַרגן פאָטער און בייזע שטיף מוטער

אין אַ זומערדיגן טאָג פון יאָר 1892 איז די שטילע „שפּינדל שטאָט", ווי מ'האָט דאַן באַצייכנט פאָל ריווער, פּלוצים באַקאַנט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט צוליב אַ געהיימניספולן און העכסט סענסאַציאָנעלן צווייפאַכן מאָרד וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען אין דער הויז פון דעם מיליאָנער, ענדריו באָרדען.

אין דעם דאָזיגן סענסאַציאָנעלסטן מאָרד וואָס איז ווען עס איז פאָר־געקומען אין אַמעריקע אָדער אין אויסלאַנד, האָבן פיגורירט דריי פּערזאָנען: דער טעקסטיל מאַגנאַט ענדריו באָרדען, זיין פרוי (די צווייטע ביי אים) און זיין עלטסטע פון די צוויי טעכטער (פון דער ערשטער פרוי), עליזאַבעט, 32 יאָר אַלט, וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס „ליזי".

די געשיכטע פון דער „ליזי באָרדן אַפּעיר", ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין די באָסטאָנער צייטונגען, איז ווי פאָלגט:

אין דעם פרי־מאָרגן פון 2טן אויגוסט, 1892, זיינען די פּאָרל, מר. און מרס. באָרדען, געפונען געוואָרן אין זייער היים „צעהאַקטע" אין אַ טייך בלוט — ער אין עס צימער און זי אין אַ שלאָף צימער אויף אַ אויבערשטן פלאָר.

וואָכן־לאַנג האָט די פּאָליציי געזוכט און גענישטערט אין אַלע פאַר־דעכטיגע הייזער פון שטאָט און פון אַרומיגע שטעטלאַך, אָבער קיין שליאַד פון פאַרברעכער, און די פּאָליציי איז ענדלעך געקומען צום שלוס, אַז עליזאַבעט איז געווען די מערדערין פון איר פאָטער און שטיף מוטער.

די באַשולדיגונג האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט, קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבן אַז „ליזי,", די באַבריליטע 32 יאָריגע „ספּינסטער" (פאַר־זעסענע מיידל), אַ וואָלונטיר טוערין אין רעליגיעזע און פילאַנטראָפּישע געזעל־שאַפטן, זאָל האָבן באַגאַנגען אַזאַ שרעקלעכן פאַרברעכן!

פּאָל ריווער — אַמאָל און היינט

דער פּראָקוראָר און די פּאָליציי האָבן אָבער געטענהט, אַז די מיידל האָט געהאַט באַרעכטיגטע מאָטיוון צו באַגיין דעם צוויי־פּאַכן מאָרד.

1) דער מיליאָנער ענדריו באָרדען, דער אייגנטימער פון קאַטן מילס, פון אַ סך הייזער, פון פאַרמס, אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק און אַ שותּף צו אַ צאָל וויכטיגע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, איז געווען אַ שרעקליכער קמצן — אַ קאַרגער הונט. ער האָט זיך ניט פאַרגונען דאָס לעבן. ער איז געווען אַ מין „האַרפּאַגאָן”, וואָס דער קלאַסישער פראַנצויזישער שרייבער, מאָליער, שילדערט אין זיין באַרימטע קאָמעדיע „ל'אַוואַר”. געוואוינט האָט ער אין אַן אַלטע הויז ניט ווייט פון דעם סלאַם געגנט; קיינמאָל ניט געקויפט קיין נייע מעבל אָדער טעפּיכער; געגעסן די ביליגסטע שפּייזן וואָס ער אַליין פלעגט אומגיין מיט אַ קאָשעק איבער די סטאָרס איינקויפן „מציאות” . . . אַלס אַ געוועזענער „אַנדערטייקער” (קברן), איז ער שטענדיג געווען אָנגעטאָן אין זיין שווארצן זשאַקעט מיט'ן האַלבן שווארצן צילינדער; האָט קיינמאָל ניט געגעבן די טעכטער געגנוג געלט צו קליידן זיך ווי אירע חבר'טעס; ניט דערלויבט די מיידלעך צו איינאָרדענען בא זיך אין הויז „פּאַרטים” (פאַרוויילונגס אָוונטן); די מיידלעך האָבן זיך שטענדיג אַרומגעריסן מיט'ן טאַטן און זיין צווייטע פרוי, און קיין מאָל ניט געגעסן בא איין טיש.

און דער וויכטיגסטער מאָטיוו וואָס „ליזי” האָט געהאַט צו באַגיין דעם פאַרברעכן, לויט אַ דערקלערונג פון דער פּאָליציי, איז געווען וואָס איר פאָטער האָט אָפּגעשריבן אויף איר שטיף מאַמען אַ פאַרמעגן פון 200 טויזנט דאָלאַר.!

דער פּראָצעס — טענה'ס פון ביידע צדדים

אויפ'ן משפּט, וואָס איז מיט זעקס וואָכן שפּעטער פאָרגעקומען אין דער־בייאיגער שטאָט ניו־בעדפאָרד, האָט די באַשולדיגונג פּרובירט באַווייזן, אַז אויסער דעם וואָס „ליזי” האָט געהאַט באַרעכטיגטע מאָטיוון פאַר דעם פאַר־ברעכן, האָט זי טאַקע פאַקטיש באַגאַנגען דעם דאָפּלטן מאָרד.

ערשטנס, האָט דער פּראָקוראָר געטענה'ט, איז אין יענער שעה 10.30 פאַר מיטאָג, איז אויסער איר קיינער אין הויז ניט געווען, און קיינער פון די שכנים האָט ניט געזען עמיצן אַריינגיין אָדער אַרויסקומען פון דער באָרדען הויז. די דינסט מיידל, פּעגי סאַליוואַן, האָט זי אָוועקגעשיקט איינקויפן „באַרגנס” (מציאות) אויף אַ „סייל” (אויספאַרקויף) אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר אויף דער מעין סטריט.

דער צווייטער באַווייז איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן געפונען אַ שפּרינקל בלוט אויף דער האַק און וואָס מען האָט געשפּירט דעם גערוך פון די פאַר־ברענטע קליידער וואָס זי, ליזי, האָט אוספּעיעט אַראָפּצונעמען פון דער דער־מאָרדעטע פּאָרל.

ל. הינדעס

לאַיער זוכט צו צוטומלען אַ אידישן עדות

דער פאַרטיידיגער פון דער באַשולדיגטער יורש'טע האָט געזוכט צו באַווייזן אַז עמיצער אויסער איר איז געווען אין די באַרדען הויז אין דער פאַטאַלער שעה. האָט ער דורך דער פרעסע געבעטן אַלע וואָס זיינען געווען אָדער פאַרבייגעגאַנגען לעבן דער באַרדען רעזידענץ אין יענער שעה, צו קומען עדות זאָגן.

צווישן די וואָס האָבן געענטפערט דעם רוף פון דער פאַרטיידיגונג איז געווען אַ איד מיט'ן נאָמען הײמאַן לובינסקי, אַן אייזקרים פעדלער, וועלכער האָט יענעם פאַרמיטאָג געפעדלט אין דער נאָכבאַרשאַפט וואו די באַרדענס האָבן געוואוינט.

אויף דער פראַגע פון דעם פאַרטיידיגונגס לאַיער, דזשעניננגס, צי ער האָט געזען אין יענער שעה עמיצן אַריינגיין אָדער אַרויסקומען פון דער באַרדען וואוינונג, האָט ער געענטפערט אַז ער האָט ניט געזען.

„וואָס הייסט דו האָסט ניט געזען?״ — מאַכט צו אים דער לאַיער מיט געמאַכטן כעס.

„כ'האָב ניט געזען״ — ענטפערט לובינסקי אַ צווייטן מאָל.

„ניט געזען.?.!״ — בייזערט זיך ווידער דער לאַיער — טאָ אויף וואָס האָסטו אויגן אויב ניט אויף צו זען.?.!״

ווי אַלעקסאַנדער פּיערסאָן, דער פאַרפאַסער פון דער געשיכטע פון דעם ליזי באַרדען פּראָצעס, גיט איבער, האָט דער גאַנצער עולם אין געריכט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיגן געלעכטער, און לובינסקי איז צעטומלט געוואָרן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

דער ריכטער איז אים געקומען צו הילף און אים געזאָגט אַז ער דאַרף אויף אַזאַ „פראַגע״ ניט ענטפערן.

דעם זעלביגן „ניט געזען״ ענטפער האָבן געגעבן די אַלע אַנדערע עדות. און ווי באַלד אַז עס איז באַוויזן געוואָרן אַז קיינער אויסער ליזין איז ניט געווען אין הויז אין דער שעה ווען דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן, האָט דער פּראָקוראָר געטענה'ט, אַז זי איז די אמת'ע מערדערין. אָבער דער פיפיגער לאַיער האָט פאַר זיין קליענטין, וועלכע האָט אגב ניט עדות געזאָגט פאַר זיך, דערפונדן אַ מאָדנע „אליבי״ (אַפּוועזנקייט פון פּלאַץ אין די שעה וואו און ווען דער פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן); נעמלעך, אַז אין דער שעה, פון 10.30 ביז 11.30 פאַרמיטאָג, איז די באַשולדיגטע געווען אין דער „באַרן״ (שטאַל) און געזוכט געצייג צו פאַריכטן אַ פיש ווענטקע; און אויף דער באַ־

פּאָל ריווער — אַמאָל און היינט

שולדיגונג אַז זי האָט פאַרברענט די קליידער כדי צו פאַרווישן יעדן סימן פון מאָרד, האָט דער אַדוואָקאַט דזשענקינס דערקלערט, אַז פאַרברענען אַלטע קליידער איז פאַר יאָרן־לאַנג געווען אַ מנהג אין דער באָרדען פאַמיליע. . . .

ס׳איז באַ קיינעם קיין צווייפל ניט געווען, אַז די „אַליבּי" און די מאָדע פון פאַרברענען אַלטע קליידער זיינען געווען פלינק־אויסגעטראַכטע ליגנס. אָבער די „דזשורי" (די געשוואָרענע) האָט נאָך אַ באַראַטונג פון קנאַפּע פיר שטונדן אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל „ניט שולדיג".

אין פאָלריווער און ניו בעדפאָרד האָט מען זיך געשושקעט אַז די דזשורי לייט האָבן באַפרייט ליזין ניט דערפאַר וואָס זיי האָבן מיט איר סימפּאַטיזירט, נאָר דערפאַר וואָס איר פאָטער, דער מיזאַנטראָפּ, דער אַלטער ענדריו באָרדען מיט זיין צווייטע פרוי זיינען געווען פאַרהאַסט באַ דער גאַנצער באַפעלקערונג פוןביידע שטעט און די אַרומיגע שטעטלאַך.

מאַרק טווען אויפ׳ן פּראָצעס

די ליזי באָרדען אַפערע, מיט וועלכע עס האָט זיך געקאָכט גאַנץ אַמעריקע און אויסלאַנד און פון וועלכע מ׳האָט גערעדט אַזוי פיל ווי מיט זעקס יאָר שפּעטער וועגן דער דרייפוס אַפערע, האָט צוגעצויגן צו די פּרילימינערי פאַרהערן און צום משפט די גרעסטע דעמאָלטיגע זשורנאַליסטן. די צייטונגען האָבן כמעט יעדן טאָג געדרוקט מיט גרויסע קעפּ די באַריכטן פון דעם פּראָצעס און די פאַרהערן מיט די פאָטאָגראַפיעס פון צענדליגע מענטשן וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער „קעיס" — די באַשולדיגטע, די פּאָליציי באַאַמטע, די פּראָקוראָרן, די ריכטער, די טורמע וועכטער, די אַדוואָקאַטן, די עדות, און אַנדערע — אַלע אָנגעטאָן אין דער מאָדע פון יענע יאָרן: די מענער מיט בערד און הארטע שוואַרצע קאַפּעליושן און האַלבע צילינדער; און די פרויען — אין לאַנגע ברייטע קליידער „שלעפּעס", מיט וואוּאַלן אויפ׳ן פּנים.

צווישן די זשורנאַליסטן וואָס האָבן פאַרטראָטן גרויסע צייטונגען פון אַנדערע שטעט אויסער פּאָל ריווער, איז אויך געווען דער באַרימטער און באַליבטער אַמעריקאַנער שרייבער און הומאָריסט מאַרק טווען, וועלכער ווערט פאַרעכנט אַלס דער אַמעריקאַנער שלום־עליכם. ליידער איז ניט באַקאַנט צי ער האָט עפּעס געשריבן פון זיינע באַאָבאַכטונגען אין געריכט הויז, וואו ער האָט פאַרבראַכט, ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון מר. פּירסאָן, גאַנצע פיר טעג.

ל. הינדעס

די ליטעראַטור וועגן דער ליזי באָרדען אַפּערע

די טראַגעדיע אין דער מיליאָנערסקער ענדריו באָרדען פאַמיליע האָט געשאַפן אַ היפּשע ליטעראַטור: צוויי היסטאָרישע ווערק וואו עס ווערט איבער־געגעבן אַלע איינצלהייטן פון די פּאָליציי־אויספאָרשונגען, אויסצוגן פון רעדעס פון די פּראָקוראָרן און פון די לאָיערס פון דער פאַרטיידיגונג, מיינונגען און דיסקוסיעס פון ריכטער און פּראָמינענטע יוריסטן איבער דער גאַנצער פּראָ־צעדור; באַלאַדעס, צוויי נאָוועלן, איין דראַמע און אַ באַלעט מיט'ן נאָמען „פּאָל ריווער לעגענדע", פאָרגעשטעלט אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז אין פעברואַרי, 1948, אונטער דער רעזשי פון אַגנעס דע מילע און מילטאָן גילד, מיט דער באַרימטער אַמעריקאַנער טענצערין, נאָראַ קעי אַלס ליזי און מאַריעל בענטלי אַלס די שטיף מאַמע.

קריטיקער פון די נאָוועלן, פון דער דראַמע און פון באַלעט דערקלערן אַז די פאַרפאַסער פון די דערמאָנטע ווערק האָבן זיך ניט געהאַלטן בא די פאַקטן — זיי האָבן בלויז „ראָמאַנטיזירט" די ליזי באָרדען אַפּערע. אין דער ליברעטאָ פון דער טאַנץ־פאָרשטעלונג, וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצוקוקן, זאָגט זיך, אַז ליזי איז געטריבן געוואָרן צו „צעהאַקן" איר פאָטער און שטיף מוטער אין דעם מאָמענט ווען זי האָט דערזען ווי איר פאָטער נעמט אַרויס פון קאָמאָדע איר פאַרשטאָרבענער מאַמעס ווייסע טוך („סקאַרף") און טוט עס אָן אויף די פּלייצעס פון איר שטיף מאַמען. און דער באַלעט ווייזט אויך ווי די מערדערקע ווערט געפירט צו דער תליה באַגלייט פון אַ גלח.

ביידע ווייזונגען זיינען פאַלש: ניט די סצענע מיט דער „ווייסער טוך" איז געווען דער מאָטיוו פון איר פאַרברעכן, נאָר די 200 טויזנט דאָלער וואָס איר ביטערע שטיף מאַמע האָט אויסגענאַרט באַם האַרצלאָזן טאַטן; אַז ליזי איז קיינמאָל ניט געפירט געוואָרן צו דער תליה ווייל, ווי שוין באַוואוסט, איז זי באַפרייט געוואָרן פון דער דזשורי.

קענטיג אַז דער מחבר פון דעם באַלעט האָט אומישנע אַריינגעפלאָכטן די סענטימענטאַלע סצענע מיט דער „ווייסער טוך" כדי צו באַהאַלטן פון די צושויער דעם פאַקט אַז געלט — און בלויז געלט — (ווי אין אַלע טראַגעדיעס) האָט באַוואוינגן ליזין צו באַגיין דעם מורא'דיגן פאַרברעכן וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון קרימינאַלאָגיע אין אַמעריקע.

דער גענעראַל סטרייק פון 23 טויזנט טעקסטיל אַרבעטער וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע זעקס חדשים.

סענסאַציאָנעלע אויפדעקונגען דורך דער צייט פון סטרייק

מיט קנאַפע צוועלף יאָר שפּעטער, דעם 15טן יולי, 1904, איז פאָל ריווער און גאַנץ אַמעריקע אויפגערודערט געוואָרן פון אַ געוויסע פאַסירונג וואָס איז פאָרגעקומען אין שטאָט — אָבער אַ פאַסירונג וואָס איז גאָרניט ענלעך צו דער „פאָל ריווער לעגענדע". אין יענעם טאָג זיינען 23 טויזנט טעקסטיל אַרבעטער פון שטאָט און אַרומיגע שטעטלאַך, ווי איין מאַן, אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק אַלס פּראָטעסט געגן דעם לוין־שניט פון צוועלף און אַ האַלב פּראָצענט וואָס די טעקסטיל באַראָנען האָבן געזוכט אַרויפצוצווינגען אויף זיי. די פאַרדינסטן פון די קאָטן מיל אַרבעטער זיינען נאָך פריער געווען גענוג קלעגלעך, אָבער מיט דעם שניט אין די ווייִדזשעס איז שוין זייער לאַגע אינגאַנצן געוואָרן אומדערטרעגלעך. ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין די באַריכטן פון דעם גענעראַל סטרייק אין די באָסטאָנער און פאָל ריווער צייטונגען פון יענעם יאָר, האָבן די וועבער, איינע פון די קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין דער טעקסטיל אינדוסטריע, פאַרדינט בלויז זיבן דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַ צען שטונדיגן אַרבעטס טאָג. ליידער ווערט ניט אָנגעגעבן די פאַרדינסטן פון די ניט קוואַליפיצירטע אַרבעטער וועלכע זיינען, אגב, די מערהייט אין די קאָטן מילס. אָבער מיר קענען זיך פאָרשטעלן די „גליקן" פון די דאָזיגע ערגסטע עקספּלואַטירטע „פּראָסטע" אַרבעטער אין די דערמאָלטיגע קאָטן מילס אין פאָל ריווער. „זיי זיינען רעדוצירט געוואָרן", שרייבט אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „באָסטאָן גלאָוב", „צו דעם סטאַטוס פון בעטלער לוין שקלאַפן."

סטרייקערס קריגן שטיצע פון טויזנטער אָרגאַניזאַציעס און יחידים

דער גענעראַל סטרייק, געפירט פון דער דעמאָלטיגע יונגער „יונייטעד טעקסטיל וואָרקערס אָוו אַמעריקע", פון וועלכע דער פאַרשטאָרבענער דזשאָן גאָלדען איז געווען פּרעזידענט, איז געווען פּולקאָם אין אַלע הינזיכטן. אינ'ם פרימאָרגן ווען דער סטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן האָבן פון אַלע מיל געביידעס גענומען שטראָמען אַרבעטער — מענער, פרויען און מינדעריאָריגע —

און פאר גאנצע זעקס חדשים האט זיך קיין ראד ניט געדרייט און קיין רויך
האט ניט ארויסגעשפארט פון די קיילעכדיקע פאבריק קוימענס.

סוף קיטשענס פאר די סטרייקערס

די העלדישע סטרייקערס האבן געקראגן מאראלישע און ממשות׳דיגע
מאטעריעלע שטיצע פון א גרויסע צאל ארבעטער ארגאניזאציעס און פאלקס־
מענטשן פון א רייע שטעט איבערן גאנצן לאנד. די אמעריקן פעדעריישאן
אוו לייבאר קאנווענשאן אין סאן פראנציסקא אין נאוועמבער, 1904, האט
באוויליגט 25 טויזנט דאלער פאר די פאל ריווער קעמפער און האט ארויס־
געשיקט אפילס צו אלע אירע לאקאלס צו שטיצן זיי ווי ווייט מעגלעך. צום
ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון ארבעטער קאמפן זיינען געעפנט געווארן
„סוף קיטשנס" אין אלע ארבעטער קווארטאלן אין שטאט וואו סטרייקערס
האבן געקראגן זאטע מאלצייטן פאר זיך און זייערע פאמיליעס. קליינע ביזנעס־
לייט אין שטאט און פארמערס פון ארום האבן געבראכט צו די דאזיגע „סוף־
קיטשענס" אלץ וואס זיי האבן געקענט אפשפארן פון זיך. דער אייגנטימער
פון דעם גרעסטן טעאטער אין שטאט, מר. האריס מייערס, האט געגעבן זיין
טעאטער געביידע צו די סטרייקערס פריי פאר זייערע מאסן פארזאמלונגען און
אויך באדייטנדיגע געלט שטיצע. פון דער פלאטפארמע האט דער ברייט־
הארציגער טעאטער אייגנטימער איין מאל אויסגערופן, אז ווען די סטרייק־
קאמיטע וועט זיך נויטיגן אין געלט זאל זי זיך גארניט שעמען און קומען
גלייך צו אים, און האט פארזיכערט די פארזאמלטע אז די קאמיטע לייט וועלן
פון אים ניט אוועקגיין מיט ליידיגן.

ווען מר. מייערס האט פארענדיגט ריידן, שרייבט א רעפארטער פון דער
„באסטאן גלאוב", האט ער געקראגן אזא שטארקן אפלאוז, אז די ווענט פון
טעאטער האבן זיך אזש געטרייסלט. . . .

באסעס קענען ניט ברעכן די אייניקייט פון די סטרייקערס

ווי שוין פריער אנגעוויזן, האט דער סטרייק אנגעהאלטן איבער זעקס
מאנאטן. די באלעבאטים מיט ענדריו בארדען (א ווייטער קרוב פון דער „בארדען
לעגענדע") בראש, האבן מיט אלע מיטלען געזוכט צו ברעכן די אייניקייט פון
די ארבעטער, אבער אן דערפאלג. די טעקסטיל מאגנאטן האט זיך ניט איינ־
געגעבן אונטערצוקויפן דעם סטרייק פירער, דזשאן גאלדען, און די אנדערע
פירער, פרענק היבן און דזשיימס טאונסי. די דריי האבן זיך ארויסגעוויזן

פּאַל ריווער — אַמאָל און היינט

צו זיין אָרגאַניזירטע ארבעטער פירער, הגם קאָנסערוואַטיווע לעיבאָר לידערס פון גאָמפּערס'עס שניט.

געענדיגט האָט זיך דער לאַנג־פּאַרצויגענער היסטאָרישער טעקסטיל גע־נעראַל סטרייק דעם 18טן יאַנואַר, 1905, מיט אַ קאָמפּראָמיס — די סטרייקערס האָבן געפאָדערט צוריק דעם לוין־שניט פון צוועלף און אַ האַלב פּראָצענט און געקראָגן האָבן זיי בלויז פינף פּראָצענט, און דער גאָווערנאָר פון מאַסאַטשו־זעטס, וועלכער האָט זיך אריינגעמישט אין דעם סכסוך, האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע צו רעווידירן אַלע זעקס חדשים די קאָסטן פון די לעבנס מיטלען און ענדערן דעם ווידזש סקייל. די זעלבע קאָמיסיע איז אויך באַאויפטראַגט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ מינימום לוין פאַר די טעקסטיל אַרבעטער און פאַר אַלע אַנדערע ארבעטער פון אַנדערע אינדוסטריעס און פאַבן אין מאַסאַטשו־זעטס סטייט.

אַ מוסטער פון אַרבעטער סאָלידאַריטעט

ווי עס צו זען, איז דער זיג פון די סטרייקערס ניט געווען הונדערט פּראָ־צענט פולקאָם, אָבער די אייניקייט און די סאָלידאַריטעט פון די 23 טויזנט אַרבעטער דורך די ביטערע זעקס חדשים פון סטרייק האָבן געדינט אַלס אַ גוטער ביישפּיל פאַר די אַרבעטער פון דער קאַטן אינדוסטריע אין אַנדערע שטעט פון מאַסאַטשוזעטס, פון ראָוד איילאַנד און ניו־יאָרק, וועלכע האָבן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אָנגעפירט אַנטשלאָסענע קאַמפן געגן זייערע עקס־פּלואַטאַטאָרס. קיין איין איינציגער פון די איבער 23 טויזנט סטרייקערס אין פּאַל ריווער האָט ניט געענטפערט דעם רוף פון די באַלעבאַטים צו גיין צוריק צו דער אַרבעט. סקעבס האָבן זיי ניט געקענט קריגן. זיי האָבן יאָ געקראָגן אַ פּאָר צענדליג „סקעבס”, פון וועלכע מיר וועלן שפּעטער ריידן.

קינדער שטערבליכקייט און טובערקולאָזעס צווישן די קאַטן מיל אַרבעטער אין פּאַל ריווער

דער גרויסער גענעראַל סטרייק פון די קאַטן אַרבעטער אין דעם גרעסטן טעקסטיל צענטער פון אַמעריקע האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ צאָל באַרימטע אַמעריקאַנער ליבעראַלן, סאָציאָלאָגן, עקספּערטן איבער געזונט ענינים און סאָשעל וואָרקערס. די אונטערזוכונג וואָס די דאָזיגע געזעלשאַפט־לעכע טוער האָבן געמאַכט וועגן דעם געזונט־צושטאַנד אין שטאָט האָט אַרויס־געבראַכט שטוינענדיגע פאַקטן וועגן קינדער שטערבליכקייט („אינפענט מאָר־

טאליטי״) — די גרעסטע אין אמעריקע צווישן די שלעכט־באצאלטע טעקסטיל ארבעטער אין פאל ריווער, און וועגן אן אומגעהויערע גרויסע צאל פאלן פון טובערקולאזיס צווישן זיי.

די סיבה פון דער גרויסער צאל שטערבלעכקייט פון קינדער וואס זיינען נאך קיין יאר ניט אלט געווען, איז געווען וואס פארהייראטע יונגע פרויען האבן געמוזט ארבעטן אין די מילס, ווייל זייערע מענער האבן ניט פארדינט גענוג אויפצוהאלטן די הויז און א סך פון די דאזיגע יונגע ארבעטערינען האבן גע־ארבעט שוואנגערהייד ביז דער לעצטער וואך, און דער רעזולטאט איז געווען אז זיי האבן געבוירן שוואכע עופה׳לאך, וועלכע האבן ניט געהאט ניט נאר קיין לאנגע יארן, נאר אפילו ניט קיין לאנגע חדשים. . . .

טובערקולאזיס, די ווייסע מגפה, אדער, ווי מ׳האט די קראנקהייט שפעטער אנגערופן, די „פראלעטארישע קראנקהייט״, האט אויך, לויט די באריכטן פון די אונטערזוכער, פארשניטן א סך יונגע לעבנס צווישן די טעקסטיל אר־בעטער אין פאל ריווער, באזונדערס צווישן די וואס ארבעטן אין די „קארד רומס״, וואו די רויע קאטן ווערט גרייניגט פונם שטויב. (לײדער האב איך ניט בא דער האנט די גענויע ציפערן וואס די אונטערזוכער האבן פארעפנט־ליכט. ניט אלע צייטונגען האבן די ציפערן געדרוקט, און אין די צייטונגען פון וועלכע איך האב געקראגן אנדערע וויכטיגע אינפארמאציע האב איך די ציפערן ניט געפונען. אבער, ווי מ׳האט מיר איבערגעגעבן, האט דער באריכט פון די סאציאלאגן פאראורזאכט א גרויסן רושם אין גאנץ אמעריקע.)

דער „פול דינער פעיל״

קאפיטאליסטישע פאליטישנס האבן די טבע צו שלאגן פאליטישן קאפיטאל פון יעדן אומגליק וואס טרעפט אין א געוויסע שטאט אדער געגנט — אן אומגליק וואס באריהרט א גרויסע צאל מענטשן — ווי א שריפה, וואסער פארפלייצונג, עפידעמיעס, אינדוסטריעלער קריזיס, אדער אן אנדער אנשיקעניש. אין אזעלכע קריטישע צייטן קומען זיי ארויס מיט צוזאגן צו פארמיידן אין דער צוקונפט אזעלכע אומגליקן און פארשפרעכן הילף צו די געליטענע. און צוזאמען מיט די צוזאגן פראקלאמירן זיי פארפירערישע אפנארערישע און לעבערליכע לאזונגען, ווי פרעזידענט הואווער האט עס געטאן אין די קריזיס יארן פון 1932-33, ווען ער האט צוגעזאגט יעדן אמעריקאנער בירגער א „טשיקן אין יעדן טאפ״ און „אן אוטאמאביל אין יעדן גאראדזש״, אדער „העם ענד עגס״ (חזיר פלייש און אייער) פאר פרישטיק פאר יעדן אמעריקאנער.״ און די בורזשואזע פאליטישנס פון פאל ריווער און פון די אנדערע שטעט פון

מאַסאַטשוזעטס האָבן אויך אויסגענוצט די עלנטקייט פון די סטרייקערס און פּראָקלאַמירט דעם סלאָגאַן: „עי פול דינער פּעיל", אַ פולער טעפּל אָדער קעסעלע געקעכטס פאַר מיטאָג פאַר יעדן מיל אַרבעטער. (אין יענע יאָרן האָבן אַר־בעטער פרויען געטראָגן דעם געקאָכטן מאָלצייט צו זייערע מענער אין פאַבריק אין בלעכענע קיילעכדיגע קעסעלאַך מיט אַ צודעק וועלכע מ'האָט גערופן „פּעיל", כאָטש „פּעיל" איז ניט דער ריכטיגער נאָמען פון דער כלי, ווארום „פּעיל", אין ענגליש, מיינט אַ עמער אָדער צעבער; נאָר פאַר באַקוועמלעכ־קייט פון אויסדרוק, ווייזט אויס, האָט מען דעם גרויען בלעכענעם קעסעלע אַ נאָמען געגעבן „פּעיל"). ווען אַרבעטער פרויען האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט געקענט טראָגן דעם מיטאָג צום מאַן אין פאַבריק, האָבן זיי צוזאַמען געדונגען אַ סקול אינגל אין דער נאָכבאַרשאַפט וועלכער פלעגט די אַלע טעפּע־לעך אוועקפירן אין אַ וועגעלע צו די מענער אין מיל. דער אינגל וואָס האָט פאַרדינט אַן עקסטרא פאַר פעניס פון אַ „דזשאָב" האָט מען גערופן „דינער פּעיל באָי".

די דערמאָנטע „דינער פּעילס", וואָס די פרויען פלעגן צושיקן צו זייערע מענער און דערוואַקסענע קינדער אין די פאַבריקן, זיינען זעלטן געווען פול; ווייל זיי, די פרויען, האָבן נעבעך ניט געהאַט מיט וואָס אָנצופילן זיי; און די אַרבעטער זיינען שטענדיג געווען האַלב הונגעריג. . . .

די כיטרע קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס האָבן געוואוסט פון די האַלב־ליידיגע מיטאָג טעפּלאַך, און אין די מאַנאַטן פון פּאָליטישע קאַמפּאַניעס אין פאָל ריווער און אין אַנדערע טעקסטיל צענטערס פון מאַסאַטשוזעטס זיינען זיי אַרויס מיט'ן לאָזונג: „עי פול דינער פּעיל", מיינענדיג צו זאָגן די וויילערס: אויב איר וועט שטימען פאַר מיר וועט איר האָבן אָנגעפילטע טעפּעלאַך עסן פאַר מיטאָג. אָבער די זעלביגע פּאָליטישע משרתים פון די קאַפּיטאַליסטן האָבן מורא געהאַט צו זאָגן, אַז כדי צו קריגן אַ פולן טעפּל, דאַרף מען קריגן העכערע ווייד זשעס, פונקט ווי הואָווער האָט „פאַרגעסן" צו זאָגן אַז אַ טשיקן אין יעדן טאָפּ און אַ אוטאָמאָביל אין יעדן גאַראַדזש קאָנען נאָר קומען פון גרעסערע פאַרדינסטן.

די וויילער אין די טעקסטיל צענטערס האָבן זיך אויסגעלאַכט פון בלאָפערישן פולן טעפּל, און פאַר יאָרן לאַנג האָט מען זיך אין די טעקסטיל צענטערס געלעצ'ט איבער דעם לעכערלעכן לאָזונג. ווען דער פּאָליטישן האָט זיך באַוויזן אין אַן אַרבעטער קוואַרטאַל האָט מען געהערט די באַמערקונג: „היר קאַמז עי פול דינער פּעיל" (אָט קומט אַ פולער טאָפּ), און דאָס איז טאַקע געווען אַ פולער קיילעכדיגער טאָפּ — אַ חברה מאַן מיט אַ גראָבן בויך מיט אַ קיילעכדיגן רויטן פּנים — אין קעגנזאַץ צו די מאָגערע אויסגעהונגערטע פּנימ'ער פון די מיל אַרבעטער.

האַרוואַרד פּרעזידענט'ס „פילאָזאָפיע": „אַ סקעב איז אַ העלד"

די געשיכטע פון דעם גרויסן סטרייק אין פאָל ריווער האָט צו פאַרצייכענען נאָך אַ טרויעריגן פאַקט.

דורך די לאַנגע שווערע זעקס מאָנאַטן פון דעם קאַמף פון די טעקסטיל אַרבעטער געגן זייערע רויבער באַראָנען — אַ קאַמף אויף לעבן און טויט — האָט דער דעמאָלטיגער פּרעזידענט פון דעם באַרימטן האַרוואַרד אוניווערסיטעט, טשאַרלס עליאָט, פּראָקלאַמירט זיין טרויעריג־באַרימטע פילאָזאָפיע אַז אַ „סקעב איז אַ העלד". אָט דער רעאַקציאָנערער אַרבעטער פיינטלעכער אַקט מצד דעם פּרעזידענט פון דעם גרעסטן און באַרימטסטן קאַלעדזש אין אַמעריקע און אויסלאַנד, האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג ניט נאָר באַ די אַרבעטער פון גאַנץ אַמעריקע, נאָר אויך באַ אַלע רעכט־דיינקנדיקע מענער און פרויען איבערן לאַנד. זיין רעאַקציאָנערע פילאָזאָפיע איז פאַרדאַמט געוואָרן און אויסגעלאַכט אין אַלע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, און דער „געלערנטער" פּראָפעסאָר האָט זיך און די באַרימטע בילדונגס אינסטיטוציע באַדעקט מיט אייביגע שאַנדע.

ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען אַז דער האַרוואַרד קאַלעדזש פּרעזידענט האָט באַגאַנגען דעם מיאוסן פאַרברעכן געגן דעם אַמעריקאַנעם פּראָלעטאַריאַט און פאָלקס־מענטשן אויף דעם פאַרלאַנג, אָדער בעסער געזאָגט, אויף דער אויפפאָדערונג פון די פאָל ריווער קאַטן מאַנופעקטשורערס, וועלכע זיינען געווען מיטגלידער פון דעם האַרוואַרד קאָרפּאָריישאַן — די אמת'ע באַלעבאַטים פונ'ם אוניווערסיטעט.

זיי, די קאַטן באַראָנען, זיינען געווען פאַרצווייפלט. זיי האָבן דורך די לאַנגע מאָנאַטן פון סטרייק געליטן קאָלאָסאַלע פינאַנציעלע פאַרלוסטן. דאָס פאָלק איז געווען געגן זיי. זיי האָבן בשום אופן ניט געקענט ברעכן די סאָלידאַריטעט פון די סטרייקערס. נו, זיינען זיי געפאַלן אויף אַ פּלאַן: זיך צו ווענדן צו זייער „געלערנטן" וואַך־הונט ער זאָל זיי קומען צו הילף (אולי ירחם!), און דער אַלטער טשאַרלס עליאָט האָט זיך קענטיג ניט געלאָזט לאַנג בעטן, און האָט תיכף פּראָקלאַמירט זיין „גאָונישן געדאַנק". געדיינקט און געהאָפט האָבן די באַלעבאַטים, אַז די דאָזיגע פילאָזאָפיע פון אַזאַ „גרויסן מענטשן" וועט אָן צווייפל באַאיינפלוסן אַ צאָל פון די סטרייקערס, וועלן ווערן סקעבס און לויפן צוריק אין די פאַבריקן, און אויף זיי פאַרקוקנדיג וועלן שוין טויזנטע אַנדערע אַרבעטער גיין צוריק צו דער אַרבעט, און דער סטרייק וועט געבראָכן ווערן; אָדער טויזנטער יונגע מענטשן פון גאַנצן לאַנד, האָבן זיי געדיינקט, דערהערנדיג טשאַרלס עליאָט'ס „לאָזונג", וועלן קומען צופליען קיין פ. ר. און ווערן „העלדן" . . . אָבער פון די באָסעס האָפנונגען האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי שלום

עליכם זאָגט, א טייך. קיינער פון די סטרייקערס האָט ניט פאַראַטן זיינע קעמ־פערישע ברידער און שוועסטער און איז ניט געגאַנגען צוריק אין די מילס. און, ווי ס׳האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט זיך דעם האַרוואַרד פּרעזידענט׳ס „חכמה" ניט צוגעקלעפּט צו דער אַמעריקאַנער יוגנט, און קיינער איז ניט גע־קומען צופליען קיין פּ. ר. צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די אויסגעהונגערטע סטרייקערס — זיי האָבן פּשוט קיין חשק ניט געהאַט צו ווערן טש. עליאָט׳ס „העלדן".

די „סקעבס"

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָבן די באָסעס יאָ געקראָגן אביסל „סקעבס", דאָס זיינען געווען די פּרויען, די טעכטער און שניר פון די סופּעראינטענדענטס, אויפזעער, פּאָרלייטע און אַנדערע באַאַמטע פון די מילן, וועמען זיי האָבן פּשוט געצוואונגען אַריינגיין אינדערפרי און אַרויסקומען אין אָוונט פון די פאַבריקן, מאַכנדיג דעם אָנשטעל און ווייזן די פּיקעטס אַז מ׳אַרבעט שוין, אָבער קיינער פון די סטרייקערס האָט ניט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון די „לעידיס" וועלכע, ווי אַ רעפּאָרטער אין אַ באָסטאָנער צייטונג גיט איבער, זיינען געווען אָנגעטאָן אין אַרבעטער קליידער. . . .

און אַזוי האָבן די קאַטן באַראָנען געליטן די צווייטע און ענטגילטיגע מפּלה אין זייער פאַרזוך צו ברעכן די אייניקייט צווישן 23 טויזנט קאַטן אַר־בעטער, וועלכע האָבן העלדיש געקעמפט לאַנגע שווערע מאָנאַטן פאַר אַ גרעסערן שטיקל ברויט און פאַר אַ בעסערן לעבן.

אין דער דאָזיגער שטאָט שטאָט פּאָל ריווער מיט איר אינטערעסאַנטער געשיכטע, פון וועלכע איך האָב פריער גאָרנישט ניט געוואוסט, בין איך אָנגעקומען אין אַ זוניקן וואָכעדיגן פאַרמיטאָג אָנפאַנג יאַנואַר, 1909, און פאַרבליבן דאָרט קנאַפּע צוויי יאָר, פול מיט אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען.

די „שפינדל" שטאָט

מיין קומען און באַזעצן זיך אין פאָל ריווער איז געווען דורך אַ צופאַל. איך האָב ניט גערעכנט דאָרט צו פאַרבלייבן. געקומען בין איך דאָרט פון אַן אַנדער שטאָט אין מאַסאַטשוזעטס, צו נעמען די באַרימטע „באָוט" קיין ניו־יאָרק. יענע שטאָט האָב איך געמוזט פאַרלאָזן ווייל איך האָב שוין דאָרט קיין לעבן ניט געקענט מאַכן. דאָס איז געווען ענדע פון יאָר 1908, ווען די רעפּובליקאַנער האָבן געזיגט אין די וואַלן און וויליאַם האָוואַרד טאַפט איז דערווײַלט געוואָרן פּרעזידענט. אַ דריי חדשים פאַר דעם קאַמפּיין, האָבן די רעפּובליקאַנער געשאַפן אַ קינסטלעכע „פּראָספּעריטי", און דער „קליינער מענטשל" האָט ווי ניט איז זיך געקענט דורכמוטשען. אָבער אַזוי שנעל ווי די וואַלן זיינען פאַראיבער, איז די קורצע פּראָספּעריטי פאַרשוואונדן געוואָרן ווי אַ זייפן־בלאָז, און די לאַגע פון דעם דאָזיגן קליינעם מענטשל איז געוואָרן אומדערטרעגלעך.

ווען איינער אין דער גרויסער שטאָט פאַרלירט זיין חיונה, הויבט ער אָן אינסטינקטיוו צו טראַכטן וועגן דער קאָונטרי, דיינקענדיג און האָפנדיג, אַז אין דער קליינער שטאָט וועט אים אָפּגליקן און ער וועט זיך ווי עס איז צו עפּעס דערשלאָגן. און ווידער, פאַרקערט, ווען אַ קליינשטעטלדיגער פאַרלירט זיין פּרנסה אין דעם קליין שטעטל, הויבט ער אָן צו טראַכטן וועגן דער גרויסער שטאָט. אין כּרך, דיינקט ער, וואו מיליאָנען מענטשן לעבן, וועט נאָך זיין פּלאַץ פאַר אים אויך. . . .

און אַזוי האָב איך אויך באַשלאָסן צו גיין קיין ניו־יאָרק. אויפ'ן וועג פון באָסטאָן קיין ניו־יאָרק, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין פאָל ריווער צו נעמען די פּאָפּולערע פאָל ריווער באָוט, וואָס גייט קיין ניו־יאָרק. דער דאָזיגער „שווימענדיגער פּאַלאַץ" גייט אָפּ זעקס פאַרנאַכט, און איך האָב געדאַרפט וואַרטן אַכט שעה.. זיצנדיג אַזוי מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק אויפ'ן וואָגזאַל, איז מיר איינגעפאַלן נאָך אַ מאָל איבערצוציילן מיינע „פינאַנצן", און האָב אויסגעפונען אַז באַצאָלנדיג פאַר'ן בילעט אויף דער שיף, וועט מיר בלייבן זייער ווייניג געלט — אַזוי ווייניג, אַז אויב איך וועל ניט קריגן קיין באַשעפטיגונג אין ניו־יאָרק אין משך פון צוויי וואָכן, וועט מיר אויסקומען אַרומצוטראָגן זיך מיט דער „שווערסטער משא", און די שווערסטע משא, האָט דער גרויסער דייטשיש־אידישער פּאָעט און פילאָזאָף, היינריך היינע, געזאָגט, איז

פאַל ריווער — אַמאָל און היינט

א לײדיגע קעשענע . . . און דערצו נאָך אין די קאַלטע פראָסטיגע טעג פון יאַנואַר און פעברואַר, אין דער גרויסער ניו־יאָרק, אָן פריינט, אָן קרובים, אָן לאַנדסלייט! (ווען אימיצער ווערט פינאַנציעל געבראָכן, פאַרלירט ער תיכף אַלע זיינע פריינט, אַפילו קרובים. ווי האָט דערזעלביגער היינע געזאָגט: „אין נאָט זינד פרוינדע אויפ׳ן לאָט" (אין א נויט זיינען פריינט אויפ׳ן לעיט). קיין גרעסערן גיהנום ווי אַרומצוגיין געבראָכן אין ניו־יאָרק אין ווינטערדיגע טעג, האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. . . .

נאָך אַ קורצן ישוב הדעת מיט זיך אַליין, האָב איך באַשלאָסן ניט צו פאָרן ווייטער און פאַרבלייבן אין דער פרעמדער שטאָט, פאָל ריווער, און זוכן עפּעס צו טאָן צו מאַכן א לעבן.

אַוורעמל דער שוסטער באַקענט מיך מיט דער שטאָט

א גרינער אָדער אַמעריקאַניזירטער איד, וואָס פלעגט אריינקומען אין א פרעמדע שטאָט צו זוכן אַרבעט, האָט אים כמעט אומבאַוואוסטזיניגערהייד געצויגן צום שוסטער, ווייל שוסטערס, אַלס כלל, זיינען זייער פריינטלעך צו אורחים (ווי למשל כאַוועדפּאַוער׳ס „זלמן דער שוסטער"), און גרייט זיי צו באַהילפיג זיין ווי ווייט מעגלעך. און מיר האָט אויך געצויגן צום אידישן שוסטער. . . .

אויף דער פאַראַדנער זייט פון דער ברייטער רוישיגער מעין סטריט (די הויפּט גאַס), בין איך פאַרבייגעגאַנגען שיינע אימפּאָזאַנטע געביידעס פון האָטעלס, טעאַטערס, דעפּאַרטמענט סטאָרס, די צוויי איינדרוקספולע חנ׳וודיקע געביידעס פון די „יאַנג מענ׳ס קריסטשען אַסאָסיאיישאַן" („וואי עם סי איי", פאַרקירצט) און פון דער „פּובליק לייברערי" (שטאָט ביבליאָטעק), און אויך די פינף־שטאָקיגע רויטע געמויערטע אָפיס געביידע, וואָס ציט זיך אריין אין דער דורכשניידנדיגער פלעזענט סטריט, און געזוכט א אידישן שוסטער, אָבער ניט געפונען.

גייענדיג אָבער ווייטער, אויף דער צווייטער זייט פון דער מעין סטריט אריבער דער פלעזענט סטריט, וואו עס געפינען זיך קלענערע סטאָרס און אַלטע הילצערנע גרויע הייזער, האָב איך דערזען א שוי פענצטער פון א שיך פאַריכ־טער, וואו ס׳זיינען געלעגן אַ מאַסע שיך מיט די געלע פאָדעשוועס ארויף, און אויבן אויף דעם פענצטער האָב איך דערזען דעם נאָמען אין ענגליש, „א. סאַנדלער". „געוויס א איד", האָב איך געטראַכט.

דער אייגנטימער פון דעם שוסטער װאַרשטאַט, אין זיין לאַנג שוסטערשן לעדערנעם פאַרטוך, וועלכער איז אין שטאָט צווישן זיינע לאַנדסלייט געווען

ל. הינדעס

באַקאַנט אַלס „אָוורעמל דער שוסטער", אָדער, אין ענגליש, „אייב דער קאָבלער", אַ הויכער איד אין די דרייסיגער, מיט ליבלעכע טונקל־ברוינע אויגן אין זיין רונדן פּנים, האָט מיך געזען קוקנדיק אין זיין „ווינסטאָוו" און דערקענט אַז דער „קוקער" איז אַן אורח, און מיט'ן האַמער אין האַנט האָט ער מיר אַריינגערופן.

— קומט אַריין, לאַנדסמאַן, קומט אַריין, שעמט זיך ניט — האָט ער מיך פריינטלעך באַגריסט ווען איך האָב האַלב געעפנט די טיר. מר. סאַנדלער („כשמו כן הוא,, זיין נאָמען ווי זיין פאַך, און מסתמא אַ נאָמען נאָך דעם תנאי יוחנן הסנדלר פון דער גמרא, וועלכער איז געווען אַ שוסטער), האָט מיך צו־ערשט געפרעגט: „וואָס הערט זיך אין ניו־יאָרק?" אָט די פראַגע האָט ער גע־פרעגט ווייל פון דערפאַרונג ווייסט ער, אַז אַלע נע־ונד'ניקעס וועלכע קומען אַריין אין פאָל ריווער און פאַרבלאָנדזשען אין זיין סטאָר, קומען מיט דער „באָוט" — דאָס הייסט, פון ניו־יאָרק, און ער האָט זיך גאַרניט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז אין זיין שטאָט קענען אַריינקומען אורחים פון אַנדערע שטעט, ווי פון באָסטאָן און אַרום.

האָבנדיג אויסגעפרעגט, ווי דער שטייגער איז, פון וואַנעט אַ לאַנדסמאַן, וועגן פאַמיליע, האָט ער געוואָלט וויסן וואָס איז מיין „פּראָפעסיאָן". איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב ניט קיין פּראָפעסיע, נאָר איך בין געקומען אַהער זוכן עפּעס וואָס טאָן — באַ וואָס עס וועט זיך מאַכן.

דער גוט־מוטיגער „אייב דער קאָבלער" האָט מיט רחמנות אַ קוק געטאָן אויף מיינע הענט, אויף מיין פּנים, און זיך געטראַכט: וואָס קען אַזאַ איידעלער יונגערמאַן דאָ טאָן? אין די קאַטן מילס אַרבעטן ניט קיין אידן; שווערע פּראָסטע אַרבעט וועט איר אויך ניט קענען טאָן; ווערן אַ פּעדלער און שלעפּן אַ פּאַק סחורה אויף די פּלייצעס וועט איר אויך ניט קענען — און ווער ווייסט צי איר האָט גאָר גענוג געלט צו קויפן סחורה צו פּעדלען?

און אַזוי ווי דער איידעלער שוסטער האָט געטראַכט און געקוקט אויף מיר מיט רחמנות, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן צי ער קען אימיצן אין שטאָט וועלכער איז אַ מיטגליד פון „אַרבעטער רינג".

— אָט דאָ — האָט אָוורעמל אָנגעוויזן מיט'ן האַמער — די צווייטע סטאָר, די דזשועלערי סטאָר (צירונג געשעפט), די קאַפּלאַן ברידער.

סאַנדלער'ס פּנים האָט אויפגעלויכטן ווען ער האָט מיר דערציילט וועגן די צוויי ברידער קאַפּלאַן, באַזונדערס וועגן מאַקס'ן, וועלכער איז אַ טעטיגער מיטגליד פון אַ. ר. און וועלכער איז פּאָפּולער אין שטאָט צווישן דער אימי־גראַנטישער ראַדיקאַלער יוגנט. אָוורעמל האָט געוואוסט, אַז די מיטגלידער פון אַרבעטער רינג וועלן „טרייען" (באַמיען זיך) פאַר מיר צו געפינען עפּעס

פאַל ריוועד — אַמאָל און הײַנט

וואָס צו טאָן און וועלן מיר קומען צו הילף אין פאַל פון נויט.

(עס איז נויטיג צו באַמערקן, אַז ניט איך און ניט סאַנדלער זײַנען געוועזן מיטגלידער פון אַרבעטער רינג. איך בין יאָ געוועזן עטלעכע מאָל אַ „מעמבער", אָבער בין אַרויסגעפאַלן ווײַל איך האָט ניט געקענט צאָלן די „דיוס", די יאָרלעכע בײַשטייערונגען. איך בין אָבער פאַרבליבן אַן „אייגענער מענטש" אין דער דאָזיגער פראַטערנאַלער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.)

די ברידער קאַפּלאַן

אין דער קליינער אָבער ציכטיגער און שיין־פּאַרפּוצטער דזשולערי סטאָרקע האָב איך זיך באַקאַנט מיט אירע אייגנטימער, די צוויי ברידער קאַפּלאַן — מאַקס און סעם.

מאַקס (זײַן מוטער פּעלטע, האָט אים גערופן מיט'ן היימישן ביבלישן נאָמען אלקנה) איז געוועזן דער עלטערער פון די צוויי. אין די ערשטע צוואַנציגער, פון מיטל וואוקס, מיט אַ פּאָר לעבעדיגע בלויע אויגן אין זײַן לענגלעכן פּנים און מיט אַ טענאָר־שטימע פון אַ משורר אָדער אַ קלויזניק האָט ער געמאַכט זייער אַ סימפּאַטישן אײַנדרוק און איז אויך געוועזן באַרעדעוודיג. ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט מענטשן, באַזונדערס מיט אורחים. אין זײַן היים־שטעטל אין שערעשאָווע, גראָדנער גובערניע, ווײַס־רוסלאַנד, האָט ער דערציילט, איז ער געוועזן אַ בונדיסט, און קומענדיג אין אַמעריקע, אין 1905, האָט ער זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען אין פאַל ריוועד האָט זיך געגרינדעט אַ בראַנטש פון „אַרבעטער רינג", איז ער געוואָרן איינער פון די ערשטע מיטגלידער, און אין ביידע אָרגאַניזאַציעס איז ער געוועזן גאַנץ אַקטיוו. זײַן אַנגענעמע שטימע האָט מען גע־הערט אויף פּראָגרעסיווע פאַרזאַמלונגען אַלס פּראָגראַם־שטעלער אָדער אַלס פאָר־זיצער. ער איז אין אידישן קוואַרטאַל געוועזן באַקאַנט אַלס גוטער כלל־טוער. אַלע האָבן געקענט מאַקס'ן און שטענדיג אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל.

זײַן אינגערער ברודער, סעם, אָדער שמואל, ווי זײַנע עלטערן האָבן אים גערופן, אויך פון מיטלוואוקס און אין די צוואַנציגער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן אין זײַן קײַלעכדיגן פּנים, איז ער, אין געגנזאַץ צו זײַן עלטערן ברודער, געוועזן שווײַגנדיג און צוריקגעצויגן. מ'האָט אים שטענדיג געזען זיצנדיג אײַנגעבויגן איבער זײַן וואַרשטאַט מיט אַ שפּאַקטיוו און פּאָרקען מיט געצייג אין די געדערים פון די זייגערלאַך. ווי אַלע זייגער־מייסטערס, איז ער געוועזן אַזוי פאַרטיפט אין זײַן מלאכה אַז ס'האָט אויסגעזען אַז די גאַנצע וועלט מיט אירע מענטשן ליגט אין די „וואַטשקעס". . . . סעם איז ניט געגאַנגען אין די

ל. הינדעס

וועגן פון זיין עלטערן ברודער. ער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט סאָציאַלע פראַגן. מ'האָט אים קיינמאָל ניט געזען צו פאַרזאַמלונגען, צו לעקציעס — אפילו ניט צו קאָנצערטן. כאָטש א גוט־הארציגער פון דער נאַטור, האָט ער ניט געהאַט קיין פריינט מיט וועמען צו פאַרברייננגען; צו „גרין" געווען זיך צו חבר'ן מיט די אַמעריקאַנער־געבוירענע „באָיעס" און צווישן די אימיגראַנטישע יונגע לייט האָט ער ניט געקענט געפינען קיין פאַסנדיגע חברים. דער רעזולטאַט פון זיין צוריקגעצויגנקייט איז געווען אַז אין די זונטאָגס און די קריסטלעכע יום־טובים, ווען ער האָט ניט געאַרבעט, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך און ניט געהאַט וואו זיך אהינצוטאָן, און האָט זיך גאַנץ אָפט אַרומ־געטראָגן מיט פעסימיסטישע געדאַנקען. . . . איך האָב מיט אים סימפּאַטיזירט און ער איז אויך געוואָרן מיין פריינט.

(וועגן די צוויי ברידער קאַפּלאַן וועלן מיר נאָך האָבן צו דערציילן אין שפּעטערדיגע קאַפּיטלען.)

מיין שטומע „מיסעס"

דער גאַסט־פריינטלעכער שוסטער אברהם'ל סאַנדלער (אַלע שוסטערס, ווי איך האָב שפּעטער אויפגעפונען אויף מיינע רייזעס, זיינען אַלע גאַסט־פריינטלעך), וועלכער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע גוטע נאָענטע שכנים, די קאַפּלאַנס, האָט מיר געטאָן נאָך א טובה: ער האָט מיר נאָראיעט א לאָזשי (קוואַרטיר) בא זיין לאַנדסמאַן, זאַוול, אין אַן אַלטע דריי־שטאָקיגע, טונקעלע, הילצערנע הויז אויף וואַשינגטאָן סטריט, אין סאַמע האַרץ פון אידישן קוואַרטאַל. דער לאַנדסמאַן זאַוול, א שלאַנקער איד, אין די ערשטע פופציגער, מיט א טונקל־ברוינע קורץ־געשאָרענע בערדל, איז געווען א שמש אין א קליין שולכל און באַטאָג האָט ער געפּעדלט „רעגנס" מיט א פושקאַרט (שטופּ־וועגעלע). (די שולכ'ל, האָט ער מיר פאַרטרויט א סוד, איז געגרינדעט געוואָרן פון שוסטערס און רעגנס־פּעדלערס אויף צו להכעים דער גרויסער שול, וואו זיי האָבן ניט געהאַט קיין „טשאַנס". דאָרטן, אין דער „אַריסטאָקראַטישער" שול, האָט מען געגען זיי דיסקרימינירט; מ'האָט זיי קיינמאָל ניט צוגעלאָזט צום „עמוד" און ניט נעגעבן קיין לייטישע עליה — ל. ה.). פון די שמשות און רעגנס פּעד־לעריי האָט מיין נייער „באַלעבאָס" קיין פּרנסה ניט געהאַט, און ער איז געווען, ווי מ'פלעגט זאָגן אין דער אַלטער היים, „א געזונטער אָרעמאַן" — איינער וואָס האָט גאָר ניט.

אַלס א צוליג צו זיין דלות, האָט ער געהאַט א שטומע ווייב. א ברייטע קיילעכדיגע אידענע, אין די הויכע פערציגער, מיט א פּאָר שוואַרצע לעבעדיגע

אויגן איז זי געווען. זי איז אָבער געווען זייער אַ ציכטיגע. אין איר אָרעמע דירה, פון אַ גרויסע און ברייטע קיך מיט דריי שמאָלע שלאָף־צימערן, האָט אַלץ געבלאַנקט; און זי האָט אויך געהאַט אַ גוטן נאָמען אַלס אַ גוטע קעכין. זי האָט געקאָכט אויף חתונות און אויף אַנדערע היימישע שמחות. די דריי אָדער פיר חדשים וואָס איך האָב בא איר געוואוינט, האָב איך זיך געפילט גאַנץ באַקוועם, און פאַר דער צייט האָב איך זיך אויסגעלערנט צו „ריידן" אויף שטום־לשון. איך האָב פאַרשטאַנען כמעט אַלץ וואָס זי האָט צו מיר גערעדט — מיט די הענט.

זי האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז איר איינציגער זעכצן־יאָריגער זוהן, צוליב דעם וואָס ער האָט ניט געקענט פאַרנעמען די לימודים אין סקול און ניט געקאָנט קריגן קיין באַשעפטיגונג אין דער היים, האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די צירק־קאָמפּאַני, און זי האָט שוין פון אים ניט געהערט גאַנצע צוויי יאָר, זי ווייסט ניט וואו ער איז אַהינגעקומען. זי האָט מיר געוויזן אַ בריוו פון דעם באַרימטער „באַרנום ענד בעילי צירק קאָמפּאַני", אַז איר זוהן איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז'ן נייעם סעזאָן און ווייטער ווייסן זיי ניט פון אים.

(אין יענע יאָרן, האָבן יונגע בחורים פון אָרימע עלטערן, וועלכע זיינען געווען הינטערשטעליג אין סקול און ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט, און וועמעס עלטערן זיינען געווען צו אָרעם אויסצוהאַלטן זיי, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם צירק וואָס האָט באַזוכט די שטאָט. אין דעם צירק זיינען די דאָזיגע אָרעמע אינגלאַך גרויזאַם עקספּלואַטירט געוואָרן. פון די מאָגערע שכירות וואָס זיי האָבן באַקומען, האָבן זיי ניט געקענט איינשטיין אין האָטעלס אָדער אין אַנשטענדיגע מעבלירטע צימערן און האָבן געמוזט שלאָפן אין די פערד וואַגאָנען אויף שטרוי. דאָס ביסל געלט וואָס זיי האָבן געקענט שפּאָרן, האָט מען בא זיי מיט פאַרשיידענע קונצן אויסגענאַרט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז שעמענדיג זיך און ניט וועלנדיג צוריק צו קומען צו זייערע האָפנונגסלאָזע אָרעמע עלטערן מיט ליידיגן, האָבן זיי ניט געשריבן, און פאַר די עלטערן זיינען זיי פאַרלאָרן געגאַנגען.

דעם זעלביגן „מזל" האָבן אויך געהאַט די אָרעמע צוריקגעשטאַנענע בחורים וועלכע האָבן זיך „פרייוויליג" אָנגעשלאָסן אָן דער אַמעריקאַנער „נייווי" (פלאָט), אָדער די פּריוואַטע האַנדלס שיף קאָמפּאַני („מווירטשענט מארין".)

פאַר וואָס דאַוון איך ניט?

נאָכדעם ווי איך האָב בא דער שטומאַטשקע אָפּגעוואוינט עפּעס אַ דריי חדשים, האָט זי מיר פּלוצים אַ זונטאָג פאַר מיטאָג אַ „פרעג" געטאָן פאַר וואָס

ל. הינדעס

איך דאַוון ניט. די פראַגע האָט זי „אילוסטרירט" מיט ווייזן ווי מ'וויקלט אויף דער נאַקעטער לינקער האַנט די „רצעות" און אַ טאָפּ־טוענדיג מיין שטערן פאַר'ן „של ראש", און אָנווייזנדיג מיט'ן האַנט דעם דיל, מיינענדיג דערמיט, אַז איך וועל גיין אין גיהנום פאַר ניט זיין פרום, און פאַר ניט לייגן קיין תפילין. . . .

איך האָב זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיג אירע זשעסטיקולאַציעס, אָבער אירע צווי בלוי־אויגיגע ניין און זיבן יאָריגע טעכטערלאַך האָבן מיר דערקלערט וואָס זייער שטומע מאַמע האָט געוואָלט וויסן. ניט וועלנדיג אַריינצוגיין אין דיסקוסיעס איבער ענינים פון רעליגיע מיט דער אומוויסנדיגער שטומאַטשקע, וועלכע האָט מסתמא קיין מאָל ניט געוואוסט אַז ס'זיינען דאָ טויזנטער און טויזנטער פריידענקער אין דער וועלט, האָב איך געזאָגט די ריידנדיגע מיידעלאַך, אַז איך וויל אויף זייערע פראַגעס ניט ענטפערן.

אומגעפער אַ צוויי אָדער דריי וואָכן שפּעטער האָט מיר דער שמש־רענגס־פעדלער זאַוול אָנגעזאָגט די אומאנגענעמע בשורה, אַז זיין ווייב וויל פאַר מיר מער ניט קאָכן. (אין יענע יאָרן איז געווען אַזאַ מנהג אין קאַנטרי שטעטלאַך אַז ווען אַ באָרדער האָט געדונגען אַ צימער, איז עס געווען מיט דעם באַדינג אַז די „מיסעס" דאַרף קאָכן פאַר'ן קוואַרטיראַנט דעם פליישיגן מיטאָג. די באַלעבאָסטע פלעגט קויפן אַן עקסטרא האַלב פונט פלייש, וועלכן זי פלעגט אויסקאָכן צוזאַמען מיט איר מיטאָג. דער באָרדער, פאַרשטייט זיך, האָט באַ־צאָלט פאַר די פלייש און פאַר די גרויפּן און קאַרטאָפל. דער „פּאָבליעדניק", ווי מאַקסים גאָרקי רופט אָן אַ באָרדער, האָט געדאַרפט האָבן זיינע אייגענע ברויט אָדער בולקעס און צוקער פאַר טיי — ל. ה.) און אַזוי ווי עסן אין אידישן רעסטאָראַן וועט זיין פאַר מיר צו טייער, האָט ער מיר געראָטן צו זוכן אַ קוואַרטיר מיט קעסט.

ווען זאַוול האָט מיך געהייסן „מופּן" בין איך צוערשט געווען אונטער'ן איינדרוק אַז ער וויל מיך מער ניט האָבן אין זיין הויז צוליב דעם וואָס איך בין ניט פרום געגנוג פאַר אים און אַז דאָס קאָן נאָך אַמאָל שאַדן זיין שמשות, ווער ווייס? נאָר די פיר טעג וואָס איך בין דאָרט געשטאַנען איידער איך האָב געפונען אַ נייעם צימער, האָב איך באַמערקט די טרויעריגע ענדערונג אין דער הויז: אויפ'ן אויוון האָט זיך גאָרניט געקאָכט, מ'האָט שוין מער ניט געשפּירט די אַנגענאַמע ריחות פון דער שטומער'ס געשמאַקע געקעכצן. די קינדער, קומענדיג באַטאָג פון סקול, האָב איך געזען עסנדיג טרוקענע שטיקלעך ברויט מיט אַביסל וואַסערדיגע מילך. . . . קורץ, ס'איז פאַר מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די סיבה וואָס מיינע באַלעבאַטים האָבן מיר געבעטן אויסליידיגן די „רום", איז געווען ניט מיין אפּיקורסות, נאָר דאָס וואָס זיי האָבן נעבעך ניט געהאַט

וואָס צו קאָכן פאַר זיך; און קאָכן פאַר'ן באָרדער דאָס שטיקל פלייש האָט זיך זיי ניט געלוינט, און די קינדער, זעענדיג מיך עסן פלייש, וואָלטן געמאָנט זייער חלק. . . .

הכלל, אין דער הויז פון דעם שמש און רעגס פעדלער, זאוול, האָט גע־הערשט א שרעקלעכער דלות — א דלות פון וועלכן איך האָב אָפט געלייענט, אָבער קיין מאָל ניט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. ס'האָט מיר ווי געטאָן וואָס איך האָב זיי ניט געקענט העלפן. מיינע אייגענע פינאַנצן זיינען דאַן געווען גאָר לאַ'עלכמ'דיג.

פעדלערס, פעדלערס, פעדלערס, און ווידער פעדלערס
אויף העברייאישע לערערס

עס האָט ניט לאַנג גענומען ביז איך האָב אויסגעפונען אַז מיין נייע רעזידענץ שטאָט, פאָל ריווער — די אידישע פאָל ריווער — איז אַ שטאָט פון פעדלערס. די שטאָט איז ממש געווען פאַרפלייצט פון אַלערליי פעדלערס: דריי־גודס פעדלערס, פרוכט פעדלערס, דזשולערי (צירונגס) פעדלערס, אַמברעלאַ (פאַראַסאָלן) פעדלערס, פיקטשור פעדלערס, רעגס פעדלערס, און אַנדערע. די צאָל פון דאָזיגע „פיעכאַטנע סוחרים", ווי מ'האָט זיי גערופן אין אידישן קוואַרטאַל, איז געווען אַזוי גרויס אַז ווען מ'האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר עמיצן, איז מיין נייער באַקאַנטער געווען אַ פעדלער אָדער אַ העברייאישער לערער. די סיבה פון דער אויסערגעוויינלעך גרויסע צאָל פעדלער אין דער טעקסטיל שטאָט איז געווען וואָס אידישע יונגע בחורים, גרינע און אויסגעגרינטע, האָבן ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען. ניט געווען דאָרט קיין לייכטע אינדוסטריעס, ווי קליידער, שיך, פאַקעט־בוקס (פאַרטמאָנעס און פרויען האַנט טאַשן) פאַבריקן וואו זיי וואָלטן געקענט קריגן באַשעפטיגונג. אין די גרויסע קאָטן מילס האָבן אידן זיך ניט געקענט אַריינפּאַסן. די אַרבעט איז געווען צו שווער. אין יענע טעקסטיל פאַבריקן האָבן געאַרבעט, כמעט אויסשליסלעך, געוועזענע פאַר־אָרעמטע פאַרמערס פון קוויבעק, קאַנאַדע; פּורטוגעזער פון בראַזיל און די אַזאָר אינזלען (די דאָזיגע אינזלען געפינען זיך אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן, צוויי הונ־דערט מייל פון דער אייראָפּייאישער פאָרטוגאַל); דאָרפישע פּאָליאַקן פון רוסיש־פּוילן און גאַליציע, און אַ קליינע צאָל אירלאַנדער און ענגלענדער. האָבן די אידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען ניט געווען קיין היימישע בעל מלאכות, ווי שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרס, א.א.וו., האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו ווערן „טירן־קלאַפּערס" — אַן אַנדער נאָמען פאַר פעדלערס.

עס איז געווען נאָך אורזאַכן וואָס די פעדלעריי האָט „געבליט" אין פ. ר.: ניינציג פּראָצענט פון די מיל אַרבעטער זיינען געווען די דערמאָנטע פראַנצויזן, פּאָרטוגעזן, פּאָליאַקן, מייסטע פון זיי האָבן ניט געקענט ריידן קיין ענגליש, זיי האָבן זיך געשעמט צו גיין אין די סטאָרס קויפן, האָבן זיי פּאַטראָניזירט די פעדלערס, וועלכע האָבן, אַגב, פאַרקויפט אויף באָרג, אין וועלכע די שלעכט־באַצאָלטע מיל אַרבעטער האָבן זיך שטאַרק גענויטיגט.

די גרעסטע צאָל פון די פּוס־גייענדיגע ביזנעסלייט האָבן געפּעדלט מיט דריי־גודס. זיי פּלעגן איינקויפן פאַר צוואַנציג אָדער פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר

סחורה, ווי אונטערוועש, זאָקן, אויבער־העמדער, נאָז טיכלעך, שפּולקעס פּאָדים, שיך בענדלאך („שו לעיסעס”), „פּעטיקאָוטס” (אונטער קליידער), ראַפּערס (פרויען אויבערשטע הויז קליידער), סאַלפּעטקעס און אַנדערע קלייניקייטן; איינ־פּאַקן דעם באַגאַזש אין אַ צוגעפּאַסטן רענצל, פאַרבונדן מיט אַ לעדערנעם פּאַס; אַ נעם געטאָן דעם פּאַק אויף די פּלייצעס און זיך אַוועקגעלאָזן אין די אַרבעטער קוואַרטאַלן, געקראָכן די שטיגן אין די הילצערנע טענעמענט הייזער און קלאַפּן די טירן, אָנבאָטנדיג די באַלעבאָסטעס צו קויפן די סחורה וואָס ער טראָגט אין זיין פּאַק. (איך אונטערשטרייך די ווערטער „אַרבעטער קוואַרטאַלן”, ווייל אין די רייכערע גאַסן זיינען די פּעדלערס ניט געגאַנגען; די גביר׳טעס האָבן געוואוסט וואו די סטאָרס געפינען זיך און זיי האָבן זיך ניט גענויטיגט אין קרעדיט. די פּאָליציי האָט אַכטונג געגעבן, אַז די וואַנדערנדיגע געשעפטס לייט זאָלן חלילה ניט „פּאַרבלאָנדזשען” אין די רייכע רעזידענץ געגנטן צו שטערן די רו פון די לוידים.

די „שרייערס”

אַ באַדייטנדיגער טייל פון די אַריינגעקומענע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן נאָך פון דערהיים געוואוסט ווי אַזוי צו גיין אַרום פערד און האָבן געוואוסט ווי צו האַלטן אַ בייטש אין האַנט, האָבן זיך גענומען צו פּרוכט פּעדלעריי. זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אַ פערד און וואָגן, איינגעקויפט פאַר צען אָדער פופצן דאָלאַר פּרוכטן און גרינסן און אַרומגעפאָרן אין די גאַסן אַרום די מילס און געשריען מיט באַנומענע קולות די נעמען פון די סחורות און רופנדיג די באַלע־באָסטעס אַרויסקומען צו געבן זיי עפּעס צולייזן; און טאָמער האָט אַזאַ ניט געקענט גענוג שרייען, האָט ער געדונגען אַ יונגן אינגל וועלכער האָט עס פאַר אים געטאָן. . . .

די דזשולערי און אַמברעלאַ פּעדלערס זיינען געווען די היימישע „שיינע איידימס”, אָדער סתם געוועזענע „באַנק קוועטשערס”, ווי מ׳האָט גערופן די ישיבה בחורים, וועלכע האָבן געוואָלט ווערן רבנים. די ערשטע האָבן זיך אויסגעלערנט צו זיין מבינים אויף די ביליגע זייגערלאך און שמוק זאַכן; די צווייטע — צו וויסן דעם ווערט פון די געוואַנט אויף די נייע אַמברעלאַס און ווי אַזוי צו פאַריכטן די אַלטע. און די סאַמע צוריקגעשטאַנענע אידישע אימי־גראַנטן, וועמען די צאַרישע רעגירונג און זייערע אָרעמע עלטערן האָבן ניט געגעבן די געלעגנהייט צו לערנען און האָבן ניט געקענט ניט לייענען און ניט שרייבן, זיינען געוואָרן רעגס פּעדלערס. זיי פלעגן אַרומפאָרן מיט אַ פערד און וואָגן, אָדער מיט אַ פּושקאַרט און אויפקויפן (און אַמאָל קריגן אומזיסט) אַלטע

ל. הינדעס

שמאטעס, שטיקלאך ברוך־אייזן, אלטע צייטונגען, פלעשלאך און אנדערע זאכן וואס א הויז קען שוין ניט געברויכן. די דאזיגע „דזשאנק־מען", ווי מ'פלעגט זיי רופן, האבן ניט געקלאפט קיין טירן, זייער אריינקומען אין א גאס האבן זיי „אנאנסירט" דורך אויסשרייען און אויסזינגען: „רעגס, פייפערס, באטלס!" און די קליינע קונדסים אין דרויסן האבן זיי נאכגעמאכט און מיטגעזונגען, אזוי אז ס'איז אויסגעקומען א גאנצע קאפעליע, אדער א סימפאני, אדער, אויב איר ווילט, א פאלקס־כאר. . . .

און עס זיינען געווען אין שטאט א פינפטער סארט פעדלערס: די פיקטשור פעדלערס. זיי פלעגן ארומגיין זוכן קונדן וואס ווילן מאכן פון זייערע קליינע פאטאגראפיעס גרויסע בילדער איינגעפאסט אין גרויסע גאלדענע ראמען, פיער־עקיגע אדער קיילעכדיגע. די פארגרעסערטע בילדער זיינען געמאכט געווארן פון ארטיסטן, און דער „פיקטשור מען", ווי זיי זיינען געווען באקאנט אין שטאט, זיינען געווען די אומדירעקטע אגענטן פון די מאלערס. (אין יענע יארן איז פארגרעסערטע פאטאגראפיעס מיט גאלדענע ראמען געווען שטארק אין דער מאדע צווישן דער אימיגראנטישער באפעלקערונג איבער גאנץ אמעריקע. מיט די דאזיגע פיקטשורס פלעגן פאמיליעס דעקארירן זייערע פארלארס אדער אוועקשיקן א מתנה צו זייערע עלטערן אין דער אלטער היים). די דאזיגע פיקטשור קענוועסערס האבן ניט געטראגן קיין שווערע פעק מיט סחורה אויף די פלייצעס, זיי האבן בלויז געטראגן אין האנט אלס א מוסטער א גרויסן פרעכטיגן בילד איינגעוויקלט אין א ראל. איך, ניט האבנדיג גענוג געלט איינצוקויפן דריי־גודס און ניט פארמאגנדיג די קרעפטן צו קריכן די שטיגן מיט א משא, האב זיך גענומען צו דער דאזיגער „לייכטער פרנסה".

קורץ, אין שטאט זיינען געווען אזוי פיל פון די פארשיידענע פעדלערס, אז פאל ריווער, וועלכע האט דאן געהאט א אידישע באפעלקערונג פון אומגעפער 250 (צוויי הונדערט און פופציג) פאמיליעס, איז אין אנדערע שטעט געווען באקאנט אלס א „שטאט פון פעדלערס". ס'זיינען נאטירלעך געווען אין שטאט אביסל באלמעלאכעס, ווי שניידערס, שוסטערס, בעקערס און אנדערע, אבער זייער צאל איז געווען אזוי קליין און אומבאדייטנדיג, אז זיי האבן זיך וויניגוואס אנגעזען אין דער אידישער גאס.

עס זיינען אויך געווען, ווי שוין פריער אנגעוויזן, א פארהעלטניסמעסיג גרויסע צאל העברייאישע פריוואטע לערערס, אבער וועגן זיי, א צווייטן מאל.

היימישע ראַדיקאַלן באַוואַשן זיך מיט טרערן וואָס זיי מוזן פּעדלען

פּעדלעריי איז יענע יאָרן — און אפילו נאָך היינט אויך — געווען אַ נודנע אַרבעט, אַ באַשעפטיגונג וואָס פּלעגט שלאָגן צום האַרצן. צו קריגן כאָטש איין קאָסטימער, האָט דער פּעדלער געדאַרפט אָנקלאַפּן צו וויניגסטן צוואַנציג טירן. אַ סך הויז־פרויען האָבן אים ניט אַריינגעלאָזן אין הויז אפילו אָנצוקוקן זיינע סחורות. די אָפּזאָגנדיגע ענטפערס וואָס ער האָט געקראָגן פון די „גויעס" זיינען געווען: „נע פּאָבעזווע"! (איך דאַרף ניט, אין פראַנצויז); „נאָ, מאַנעלו!" (ניט, עמאַנועל!, אין פּאָרטוגעזיש); „ניץ יאַנקעל, ניץ"! (גאָר ניט, יאַנקעל, גאַרניט, אין פּויליש) און „נאַטהינג טודעי, דזשעק, נאַטהינג!" (ניט היינט, דזשעק, ניט היינט! אין ענגליש). די דאָזיגע ענטפערס זיינען געווען, קען מען זאָגן, איידעלע ענטפערס, כאָטש זיי האָבן געקלונגען ניט זייער אָנגענעם אין די אויערן פונם טירן קלאַפּער. אַנדערע האָבן נאָך גוט אָנגעזידלט אים פאַר שטערן זיי פון עסן אָדער פון רו.

דער פּשוט'ער חי וקים, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט'ן איינציגן ציל צו „מאַכן געלט", זיך אַרויפאַרבעטן און „לעבן אַ טאָג", אים האָט דאָס אָפּזאָגן און דאָס אָנזידלען פון די „גויעס" ניט געאַרט. האָט אים איינע אָנגעזידלט, האָט ער געענטערט צוריק מיט אַ קללה (אין אידיש) און איז אַוועק ווייטער קלאַפּן טירן.

ניט אַזוי אָבער איז געווען דער פּאַל מיט די היימישע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען אין אַלטן רוסלאַנד געווען „פּאַרטיינע" (זיי האָבן געהערט צו איינע פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען וועלכע האָבן געקעמפט געגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם) און וועלכע זיינען געקומען קיין אַמעריקע צו אַרבעטן, לערנען און פאַרזעצן זייער אַרבעט לטובת די אונטערדריקטע מאַסן און פאַר אַ בעסערע וועלט — אַט פאַר די דאָזיגע אידעאַליסטן צו ווערן אַ פּעדלער איז טאַקע געווען אַ טראַגעדיע. אין דער אַלטער היים האָבן זיי אַגיטירט, און די שטיקל צייט וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין ניו־יאָרק זיינען זיי געווען מיטגלידער פון אַרבעטער פאַראיינען, קולטור געזעלשאַפטן, געלייענט רעפעראַטן, אָנגעפירט דיסקוסיעס איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען, ליטעראַרישע ענינים, דעקלאַמירט — און דאָ דאַרפן זיי זיך אַרומטראָגן מיט אַ פּאַק און בעטן זיך בא די הויז־פרויען צו קויפן אַ פּאָר זאָקן, אַ העמד און אַנדערע קלייניקייטן, צו פאַרדינען אַ פּאָר סענט צו דערהאַלטן די נשמה! אַ פּאָר פון די דאָזיגע אינטעליגענטן האָבן מיר דערציילט, אַז ניט איין מאָל, נאָך אַ „גוטן" טאָג פון שווערע אַרבעט, ווען זיי האָבן גאַרניט פאַרדינט און נאָך געקראָגן, אַלס אַ צוליג, באַליידיגונגען,

ל. הינדעס

האָט זיי אַזוי פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אַז זיי זיינען אַוועק אויף אַ פעלד אָדער אויף אַ ליידיגן פּלאַץ לעבן די טענעמענט הייזער, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און זיך גוט אויסגעוויינט. . . .

זיי האָבן אָבער געמוזט אַנגיין מיט דער מיאוס׳ער פּעדלעריי, אַ ניט וואָלטן זיי אויסגעגאַנגען פון הונגער. אין ניו־יאָרק, פון וואַנען מייסטע פון זיי זיינען געקומען, האָט אין יענע יאָרן געהערשט אַ שרעקלעכע אַרבעטלאָזיקייט, מ׳האָט אפילו ניט געקענט „קויפן אַ דזשאָב״.

פריינט, קרובים און לאַנדסלייט פון די דאָזיגע אַנטוישטע און פאַר־צווייפלטע אידישע פּעדלערס האָבן זיי געטרייסט און דערמוטיגט. „איר וועט זיך נאָך אַרויפאַרבעטן״, האָבן זיי געזאָגט. „ניט אייביג וועט איר דאַרפן טראָגן דעם פּאַק אויף די פּלייצעס, מיט דער צייט וועט איר זיך איינשאַפן „סטעדי קאַסטימערס״ (שטענדיגע קונים); איר וועט אַרומפאָרן אין אַ „האָרס ענד באָגי״ (פערד און בריטשקע) צו נעמען אָרדערס און זיי דעליווערן, און שבת קאָלעקטירן די וועכנטלעכע צאָלונגען — ווערן אַ „קאַסטימער פּעדלער״.

די גוטע פריינטלעכע רייד פון די קרובים האָט אָבער די פאַרביטערטע פּעדלער גאָר ניט געהאָלפן. אמת, איינגע פון די דאָזיגע דרויסנדיגע סוחרים, ווי מ׳האָט זיי באַצייכנט, האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אויף „האָרס ענד באָגים״ און אַנדערע זיינען געוואָרן רייך, אָבער די מייסטע פון זיי, האָבן זיך אָראָפּ־געאַרבעט און ענדלעך געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

איך ווער אַריינגעצויגן אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט

אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן זיך איינצואָרדענען אין מיין נייע „פּראָפעסיע" און אָפּכאַפּן דעם אָטעם, בין איך גאָר אומדערוואַרטעט אַריינגע־צויגן געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אינעם אידישן קוואַרטאַל, וואו עס האָבן געוואוינט געציילטע פּוילישע און ווייס־רוסישע פאַמיליעס, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין שטאָט איז אָנגעקומען אַן „אויסגעגרינטער" יונ־גערמאַן וועלכער זעט ניט אויס ווי אַן אַרבעטער און דאָך חבר'ט ער זיך בלויז מיט די „פּראָסטע גרינע" באַלמעלאָכעס און פעדלערס (די אַמעריקאַנער גע־בוירענע יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די האַרעפּאַשנע אימיגראַנטן, האָבן ניט געקענט פאַרשטיין וואָס איך, אַ בחור וועלכער קוקט אויס ווי איינער וואָס קומט פון אַ היימישע באַלע־באַטישע פאַמיליע („גוד פעמילי"), פאַרקערט בלויז מיט די „גרינהאָרנס„); און ס'האָט זיך אויך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער דאָזיגער נייער שכן הערט אויס מיט אינטערעס און סימפּאַטיע יעדן איינעמס „טראָובלס„ (צרות), און מענטשן זיינען געקומען צו מיר זיך אויסרעדן דאָס האַרץ און פרעגן עצות. די מערסטע פון די וואָס זיינען געקומען נאָך עצות זיינען געווען פעדלערס, וועלכע, ווייסנדיג אַז איידער איך בין אָנגעקומען אין פאָל ריווער, האָב שוין געהאַט געוואוינט אין אַ רייע אַנדערע שטעט, האָבן מיר געבעטן צו רעקאָ־מענדירן זיי עפּעס אַ שטאָט וואו צו „מופּן", ווארים אין פאָל ריווער, האָבן זיי געקלאָגט, איז זיי שווער צו מאַכן אַ לעבן.

אַ דאָלמעטשער (אינטערפּרעטער) פאַר פּוילישע סטרייקערס

איין מאָל אַ זונטאג אינדערפרי איז, צו מיין איבעראַשונג, אַריינגעקומען צו מיר אין מיין שמאָלן צימער באַ דער „שטומאַטשקע" אַ גרופּע פּוילישע אַרבע־טער, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, דורך אַ צופאַל זיך דערוואוסט אַז איך רעד פּויליש, און געבעטן איך זאָל זיי אַרויסהעלפן אַלס דאָלמעטשער אין זייער סטרייק געגן דער אָפּן־שאַפּ מאַרשאַל העט קאָמפּאַני. זיי סטרייקן שוין, האָבן זיי געזאָגט, גאַנצע זעקס וואָכן, און די באַלעבאַטים זיינען איינגע'עקשנ'ט און ווילן אַפילו ניט אויפנעמען קיין קאָמיטע צו פאַרהאַנדלען וועגן זייערע

ל. הינדעס

נערעכטע פּאָדערונגען פאַר העכערע ווייִדזשעס, קורצערע ארבעטס שטונדן און בעסערע ארבעט באַדינגונגען.

אָפּזאָגן זיי האָב איך ניט געקענט און ניט געטאָרט. כ׳בין מיט די סטרייקערס געגאַנגען אויף דער פּיקעט־ליין, גערעדט מיט די ענגליש־רעדנדיגע ארבעטער און געבעטן זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן סטרייק; געגאַנגען מיט זיי צו די רעדאַקציעס פון די ענגלישע צייטונגען בעטן פּובליסיטי; געגאַנגען צו די פראַנצויזישע און פּאָרטוגעזישע גלחים בעטן זיי זאָלן אַריינשטעלן נאָטיצן אין זייערע קירכן בולעטינען וועגן זייער קאַמף געגן דער ארבעטער־פיינטלעכע מאַרשאַל העט קאָמפּאַני; געגאַנגען צום סיטי מעיאָר בעטן אַ „פּערמיט״ (דער־לויבעניש) אָפּצוהאַלטן אַן „אָפּען־עיר מיטינג״ (אַ דרויסנדיגע פאַרזאַמלונג) לעבן דער מאַרשאַל העט פעקטאָרי; און, צולעצט, געגאַנגען מיט אַ קאָמיטע צו דעם הויפּט באַלעבאָס פון דער מאַרשאַל העט פעקטאָרי בעטן צוצונעמען צוריק צו דער ארבעט אַ צאָל ארבעטער ווען דער סטריק איז שוין דערקלערט געוואָרן אַלס געענדיגט און, ליידער, פאַרלאָרן.

צו קריגן באַצאָלט פאַר מיין טרחה און פאַר די צעשלאָגענע צייט, איז גאָר קיין פראַגע ניט געווען. ניט איך האָב דערוואַרטעט און ניט איך האָב געבעטן, און ווען איך וואָלט אַפילו יאָ געבעטן וואָלט איך ניט געקראָגן, ווייל זיי, די סטרייקערס, האָבן אַליין אַ היפּש ביסל צוגעהונגערט. . . .

איך דערוויס זיך פון אַ „זיץ־סטרייק״

דורך דער צייט וואָס איך האָב אַרויסגעהאָלפן די פּוילישע סטרייקערס האָב איך צופעליג זיך דערוואוסט פון אַ מאָדנעם מיטל וואָס אַ גרופּע קוואַלי־פיצירטע ארבעטער פון דערזעלביגער מאַרשאַל העט פעקטאָרי האָבן אָנגע־ווענדעט געגן זייערע באַלעבאַטים צו געווינען גרעסערע ווייִדזשעס און אַנדערע בעסערע ארבעט באַדינגונגען — אַ מיטל וואָס האָט מיר דאַן אויסגעזען לחלוטין אומגלויבלעך און פאַנטאַסטיש — נעמלעך, אַ זיץ־סטרייק! אין אַנדערע ווער־טער: אַנשטאָט אַרויסצוגיין פון דער פאַבריק, אָרגאַניזירן אַ פּיקעט־לאַין און ניט דערלאָזן קיין סקעבס צו פאַרנעמען זייערע דזשאָבס, האָבן זיי, די ארבעטער, באַשלאָסן צו פאַרבלייבן זיצן אין דער פאַבריק. זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט בא די וואַרשטאַטן, אויף ביינקלעך לעבן די ארבעט טישן, און גאָר נישט ניט געטאָן — געשפּילט באָל, אָדער אַ קערטל און אַזוי זיך אַמוזירט. . . . דער־וואוסט האָב איך זיך פון דעם גראַטעסקן קאַמפּס־מיטל געגן באַלעבאַטים אונטער פאָלגנדיגע אומשטענדן: שטייענדיג אַזוי מיטאָג־שטונדע אויף דער פּיקעט־לאַין, אַ צוואַנציג טריט פון דער מאַרשאַל פאַבריק, איז צוגעקומען צו מיר אַן אַר־

בעטער, אין די דרייסיגער, מיט בלויע אויגן אין זיין קיילעכדיגן פּנים — אַ טיפּיטשנער איריש־אַמעריקאַנער בחור — אָנגעטאָן אין אַ בלויער אויבער־העמד און שוואַרצן שניפּס און פאַרפירט מיט מיר אַ געשפּרעך. ער האָט קענטיג פאַרשטאַנען, אַז איך בין ניט קיין סטרייקער נאָר אַ סימפּאַטיקער אָדער אַ צייטונגס רעפּאָרטער.

— אָט די לייטע — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיג מיט׳ן פינגער אויף די פּוילישע פּיקעטס — זיינען נאַראָנים („דהיז פּיפּל אַר פולס”).

— נאַראָנים?! — בין איך אין כעס געוואָרן — מיט וואָס זיינען זיי נאַראָנים?

— מיט דעם וואָס זיי זיינען אַרויס פון שאַפּ — איז געווען זיין ענטפער.

כ׳האָב אים אָנגעקוקט, ניט וויסנדיג וואָס ער מיינט.

— טאָ וואָס האָבן זיי געדאַרפט טאָן? —

— גאָר ניט — האָט דער איריש־אַמעריקאַנער בחור געענטפערט אין זיין באַסאָווע שטימע — זיצן אין שאַפּ מיט פאַרלייגטע הענט אָדער האַלטן די הענט אין די קעשענעס. —

ווידער האָב איך אים אָנגעקוקט, אָבער דעם מאָל מיט פאַרדאַכט. איך בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז ער איז צוגעקומען צו דער פּיקעט־לאַין אַביסל אָפּצולאַכן פון די „פאָריינערס”, אָדער ער איז אונטערגעשיקט געוואָרן פון די באָסעס אַריינצוברענגען צוטומלעניש אין די רייען פון די סטרייקערס. ער האָט מיר אָבער פאַרזיכערט אַז ער איז ניט אויסן פון עמיצן חוזק צו מאַכן און אַז ער איז ניט קיין אַגענט פון די מאַרשאַלס, און האָט מיר דערציילט פון אַ טשיקאַווע פאַסירונג וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם „פינישינג דעפּאַרטמענט” (וואו די העטס ווערן פאַרפערטיגט).

— מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק — האָט דער איירישער העט־מאַכער אָנגע־פאַנגען — האָבן די אַרבעטער פון מיין דעפּאַרטמענט דורכגעפירט אַ זיץ־סטרייק, ווען די קאָמפּאַני האָט זיך אָנטזאָגט נאָכצוגעבן זייערע פאָדערונגען פאַר העכ־ערע וויידזשעס. — מיר האָבן אוועקגעלייגט די געציַיג, זיך אוועקגעזעצט אויף די וואָרשטאַטן („בענטשעס”) און אויף די ביינקלעך געשפּילט באָל, געשפּילט קאָרטן, און אַנדערע האָבן געהאַלטן די הענט אין קעשענעס; אין דריי שטונדן שפּעטער איז דער סופּעראינטענדענט אַרויפגעקומען און געמאָלדן, אַז די קאָמ־פּאַני גיט נאָך די פאָדערונגען. —

אָבער ניט געקוקט אויף די ערנסטקייט מיט וועלכע דער איירישער „שייגעץ” האָט גערעדט וועגן זיין זיץ־סטרייק, האָב איך אים אינגאַנצן ניט געגלויבט. אין דער פּרעסע איז די טשיקאַווע פאַסירונג ניט דערמאָנט געוואָרן. אין אַרבעטער קרייזן האָט מען וועגן דעם ניט גערעדט. און אַזוי ווי איך אַליין,

ל. הינדעס

ווי פריער אָנגעוויזן, האָב ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו געווינען אַ סטרייק דורך זיצן אין דער פאַבריק מיט פאַרלייגטע הענט, האָב איך די פּיקעטס ווענן דעם גאַרניט דערציילט. איך האָב פּשוט מורא געהאַט אַז זיי וועלן זיך אויסלאַכן פון מיר . . . אָבער בלויז מיט ניין יאָר שפּעטער — אין 1918 — האָב איך אויסגעפונען מיין טעות. זיץ־סטרייקס זיינען יאָ מעגליך — אַזעלכע „סיט־דאַונס", ווי מ'האָט אַזעלכע סטרייקס דאַן אָנגערופן, זיינען פאָרגעקומען אין שפּעטערדיגע יאָרן ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

די „סיט דאַונס" אין שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט

ווי איך האָב פריער שוין אָנגעוויזן, האָב איך זייער שטאַרק געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט דורכצופירן אַ „זיץ־סטרייק" אַלס אַ מיטל צו געווינען אַ קאַמף פאַר העכערע שכירות און בעסערע אַרבעט באַדינגונגען. אָבער מיט ניין יאָר שפּעטער — אין 1918 — האָב איך אויסגעפונען מיין טעות: זיץ־סטרייקס זיינען יאָ מעגלעך און ווערן דורכגעפירט מיט דערפאָלג. איך אַליין בין געווען פאַרוויקלט אין אַזאַ „מאָדנעם" סטרייק.

דאָס איז געווען אין מאַרטש אָדער אַפּריל פון 1918, אין שיקאַגאָ. איך בין דאַן געווען באַשעפטיגט אַלס „לעיבאָר עדיטאָר" (אַרבעט רעדאַקטאָר) און נייעס־שרייבער אין דער דאַמאַלסדיגער קאָנסערוואַטיווע צייטונג דער „אידישער קוריער". דער הויפּט רעדאַקטאָר פון דער דאָזיגע צייטונג (וואָס אַגב עקזיס־טירט שוין ניט מער. מר. לעאָן זאָלאָטקאָף, פאַרלאַנגענדיג אַ העכערונג אין זיינע שכירות, האָט צוגעזאָגט דעם אַרויסגעבער, משה־פישל גינזבורג, אַז ער וועט ווערן מער „פּראָדוקטיוו" און דערמיט וועט ער, משה־פישל, קענען איינ־שפּאָרן די „וויידזשעס" פון אַן אַנדער שרייבער, מיט'ן נאָמען יונה ספּיוואַק. מר. גינזבורג האָט אַן וואַקלעניש אָנגענומען דעם פאָרעטערישן אָנבאָט און ספּיוואַק איז באַלד אָפּגעזאָגט געוואָרן.

אַט דער פינצטערער פאַראַט מצד דעם רעדאַקטאָר זאָלאָטקאָף האָט אויפ־גערודערט דעם גאַנצן שרייבער סטעף, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו סטרייקן אין סימפּאַטיע מיט דעם אָפּגעזאָגטן. אָבער אַנטשטאָט אַרויסצוגיין אין גאַס, זיינען אַלע שרייבערס געבליבן זיצן בּאַ זייערע שרייב־טישן, מיט די פעדערס פאַרשטעקט איבער די אויערן און געקוקט אויפ'ן סופית. . . .

פינף אַזייגער פאַרנאַכט, ווי געוויינליך, קומען אַרויף די זעצער נאָך „קאָפּיע" (געשריבענע מאַטעריאַל צום דרוקן); אָבער קיין קאָפּיע — מען שרייבט ניט!

פאַל ריווער — אַמאָל און היינט

ווען דער הויפט פאַרוואַלטער פון דער ציימונג, מר. הערי ליפּסקי (אַן איידים פון דעם אַרויסגעבער), אַ הויכער אַמעריקאַנער געבוירענער איד מיט שוואַרצע וואָנצעס, האָט זיך דערוואוסט פון דער „סיבה" וואָס די זעצער זיצן באַ די לויפנדיגע דרוק מאַשינען (לאַינאָטייפּס) און טוען גאָרניט, איז ער שנעל אַרויפגעלאָפן אין רעדאַקציע, אויפ'ן צווייטן שטאָק, צו זען וואָס „ס'טוט זיך דאָרטן". דער סיטי עדיטאָר (נייעס רעדאַקטאָר), מר. יעקב סיגל, האָט אים גלייך געלאָזט וויסן, אַז קיינער וועט ניט שרייבן ביז דער אָפּגעזאָגטער יונה ספּיוואַק וועט צוריק ניט אָנגעשטעלט ווערן.

מר. ליפּסקי, אין זיין באַסאָווע שטימע, האָט געמאַכט געוואַלדן, געשריען, געליאַרעמט, אַז די שרייבערס ווילן רואינירן זיין שווער'ס ביזנעס, אָבער עס האָט אים גאָרניט געהאָלפן. דער אָפּגעזאָגטער שרייבער, יונה ספּיוואַק, אַ איד אין די הויכע פערציגער, מיט גרויסע פאַרחלומטע שוואַרצע אויגן אין זיין פולן קיילעכדיגן פּנים, איז צוריק אָנגעשטעלט געוואָרן. ער האָט זיך אין יענער שעה געפונען אין דער רעדאַקציע (געשטאַנען אויף די פיס) און ער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט באַ זיין שרייב־טיש.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיגט דער שרייבער זיץ־סטרייק וואָס האָט גע־דויערט ווייניגער ווי אַ האַלבע שעה און וועלכן בלויז געציילטע מענטשן האָבן געוואוסט.

מר. זאָלטאַקאָף, וועלכער האָט געזוכט אַרויסצושטופּן זיין קאָלעגע, האָט אַ דריי מאָנאַטן שפּעטער פאַרלאָרן זיין שטעלע. די באַלעבאַטים פון „קוריער" האָבן אים אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך געווענדעט נאָך מאָראַלע שטיצע צו די אַנ־דערע מיטאַרבעטער, אָבער קיינער האָט קיין חשק ניט געהאַט זיך אָנצונעמען פאַר אים. אויף אים איז צוגעפּאַסט דער העברעישער גלייכווערטל: „באר כרה ויחפרהו" (ער האָט געגראָבן אַ גרוב פאַר יענעם און איז אַליין אַריינגעפאַלן אין איר).

אַ זיץ־סטרייק אין אַ שניידער שאַפּ

דעם דריטן מאָל וואָס איך האָב זיך דערוואוסט פון אַ „סיט־דאַון" סטרייק איז געווען אין אויגוסט, 1918, אויך אין שיקאַגאָ. איך בין שוין דאַן ניט געווען פאַרבונדן מיט'ן „קוריער" און בין געוואָרן אַ סאָבסטיטוט סיטי עדיטאָר (שטעל פאַרטרעטער פון נייעס רעדאַקטאָר) אין דער דעמאָליגער טעגלעכער אַרבעטער ציימונג, „די וועלט", אַרויסגעגעבן פון דער פעדעראַציע פון אידישע סאָציאַ־ליסטן און די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן, אונטער דער רעדאַקציע פון אונזער חשוב'ן חבר קלמן מרמר.

ל. הינדעס

איין מאָל, אין אַ הייסן זונטאָג פאַרמיטאָג, קומט אַריין אין רעדאַקציע אַ שניידער אַרבעטער, אין די פערציגער, מיט אַ פאַרזאָרגטן פּנים און זאָגט מיר אַז ער האָט וויכטיגע נייעס פאַר דער צייטונג. די וויכטיגקייט פון דער נייעס, האָט ער דערקלערט, איז וואָס אין זיין שאַפּ גייט אָן אַ „מאָדנער סטרייק".

— מיט וואָס איז ער „מאָדנע"? — פרעג איך אים.

— מיר זיינען ניט אַרויס אין סטריט — איז געווען זיין ענטפער — מיר פּיקעטן ניט.

— טאָ ווי אַזוי . . . ? — בין איך ווידער נייגעריג געווען צו וויסן.

— מיר זיצן אין שאַפּ! — האָט דער סטרייקער געזאָגט — מיר זיצן אויף די קאַטינג טישן, אויף די שטולן בא די ניי־מאַשינען, אויף די פּרעס־מאַשינען, און טוען גאָר ניט. מיר שמועסן, מיר שפּילן אַ קערטל, אַנדערע האַלטן די הענט אין די קעשענעס, די באָסעס ווערן צעפּלאַצט קוקנדיג ווי מיר טוען גאָר ניט — און מיר וועלן געווינען. ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „מיר וועלן געווינען", האָט דעם סטרייקער'ס פאַרזאָרגטער פּנים אויפגעלויכטן.

אויף מאָרגן איז די נייעס פון דעם שניידער זיץ־סטרייק דערשינען אין „די וועלט" אויף דער ערשטער זייט, מיט אַלע איינצלהייטן, אונטער דעם קעפּל: „זיי סטרייקן זיצנדיג".

ליידער האָב איך ניט בא זיך דעם אויסשניט פון דער צייטונג, און איך געדיינק ניט דעם נאָמען פון דעם שאַפּ און ניט דעם נאָמען פון דעם אַרבעטער וועלכער האָט מיר געבראַכט די אינפאָרמאַציע פון דער זעלטענער פּאַסירונג אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין שיקאַגאָ — און; אפשר פון גאַנץ אַמעריקע.

אַ כוואַליע פון זיץ־סטרייקס אין די 30־גער יאָרן אין אונגאַרן, פּאַריז, דעטראָיט און ניו־יאָרק

מיט יאָרן שפּעטער, אין די ערשטע דרייסיגער, האָט זיך די וועלט דערוואוסט פון אַ זיץ־סטרייק וואָס איז פאָרגעקומען אין אונגאַרן. די קוילן־גרעבער אין יענעם לאַנד האָבן דערקלערט אַ סטרייק געגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרס, די ענגלישע אייגנטימער פון די מיינס. זיי זיינען געזעסן אין די טיפע קוילן גרובן אַ פּאָר וואָכן ביז די באַלעבאַטים האָבן געמוזט נאָכגעבן זייערע גערעכטע פאָדערונגען פאַר העכערע שכירות און בעסערע אַרבעט באַדינגונגען.

אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער, האָבן מיר זיך דערוואוסט פון אַ זיץ־סטרייק אין אַ פּאַריזער דעפּאַרטמענט סטאָר, וואָס האָט געדויערט אויך אַ פּאָר וואָכן; און אין 1936, הערן מיר שוין פון „סיט־דאַונס" אין דעטראָיט אין די

פּאָל ריוועך — אַמאָל און היינט

אָטאָמאָביל פאַבריקן; און אין די ערשטע פערציגער, איז פאָרגעקומען אַ סענ־זאַציאָנעלער „סיט דאַון" אין אָ'הוירנ'ס דעפּאַרטמענט סטאָר אין ניו־יאָרק, וואו טויזנט אָנגעשטעלטע — מענער און פרויען — האָבן גאַנצע דריי וואָכן געסטרייקט זיצענדיג אין סטאָר. קיינער איז ניט ארויס אין גאַס. עסן האָט מען זיי צוגעפירט פון דער „קאָמיסארי" (אַ גאַר־קיך) וואָס די יוניאָן האָט איינ־געאָרדנט. דורך דער צייט פון סטרייק איז דאָרט אַפילו געפּראַוועט געוואָרן אַ חתונה, מיט אַ גלח און מיט אַלע פיטשעווקים.

אָט די אַלע „סיט־דאַונס", וועלכע זיינען, אגב, געוואונען געוואָרן, האָבן מיר איבערצייגט אַז בלייבנדיג זיצן אין די קוילן־גרובן, אין די פאַבריקן און אין די סטאָר, איז אַן עפעקטיווער מיטל וואָס די אַרבעטער קענען אָנווענדן צו געווינען בעסערע אַרבעט באַדינגונגען, און איך בין אויך איבערצייגט גע־וואָרן, אַז דער פּאָל ריווער העט־מאַכער האָט מיר קיין ליגן ניט געזאָגט

די גיהנום'דיגע לופט אין די העט פעקטאָרים

דורך די טעג וואָס איך האָב אַרויסגעהאָלפן די פוילישע סטרייקערס פון דער אַנטי־יוניאָן מאַרשאַל העט פעקטאָרי, ווי די לייענער ווייסן שוין, האָב איך זיך דערוואוסט פון דעם ערשטן זיץ־סטרייק אין אַמעריקע. אָבער דורך יענע אָנגעצויגענע טעג, האָב איך אויך געהאַט די „זעלטענע געלעגנהייט" צו זען מיט מיינע אויגן די שוידערלעכע באַדינגונגען אונטער וועלכע, צו ווע־ניגסטן, אַ טייל פון די העט מאַכער אַרבעטן.

דאָס איז געווען אין אַ זוניגן קאַלטן פּאַרמיטאָג, אַרום עלף אזייגער. נאָך איידער די פיקעטס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן, בין איך, אומבאַמערקט פון די וועכטער, אריין אין דער אָפּטיילונג וואו די קאַפּעליושן ווערן געפאַרבט און געוואַשן, אויפן ערשטן עטאַזש פון דער ריזיגער געמויערטער פאַבריק־געביידע. ווי איך האָב נאָר געעפנט די טיר, האָט מיר די שטיקנדיגע לופט אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים אַז איך בין שיר געפאַלן אין חלשות . . . דער גאַנצער לאַנגער און ברייטער צימער איז געווען אָנגעפילט מיט אַ געדיכטע גרויע פּאַרע. מענער און פרויען זיינען געשטאַנען אויף נאַסע הילצערנע קלאָדקעס בא די זודיגע קעסלען וואַסער און פאַרב, געוואַשן און געדרייט די העטס וואָס זיינען אַראָפּ־געלאָזן געוואָרן אין די קעסלען דורך דראָטענע עלעווייטאָרס. די פּאַרע פון די הייסע קעסלען האָט זיי געשפּאַרט אין פּנים אַריין. . . .

לאַנג פאַרבלייבן אין דעם דאָזיגן גיהנום האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט, און אַרויסגייענדיג אין דרויסן האָב איך זיך לאַנג געוואונדערט און ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן קענען שטונדן לאַנג, טאָג איין, טאָג

אוים, אויסשטיין אין אזא פארפעסטעטע לופט. און היינט צו טאָג, ווען איך פאס־אָן אַ „נייע קרוין" אויף מיין קאָפּ, דערמאָן איך זיך אָן דעם מורא'דיגן בילד וואָס איך האָב מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט צוריק געזען אין דער מארשאַל העט פאבריק און ס'באקומט מיר ניט דער פארגעניגן וואָס יעדער איינער פילט אָנטוענדיג אַ נייעם קאפעליוש. . . .

העברייאישע לערערס און בעקער־אַרבעטער באַקלאָגן זיך פאַר מיר

מיין פּאָפּולאַריטעט אין אידישן קווארטאל האט האט שנעל געוואקסן. אַ צאָל מענטשן האָבן מיך אָפּגעשטעלט אין גאַס אָדער געקומען צו מיר אין מיין צימער פרעגן עצות, בעטן טובות, אָדער אַזוי אַראָפּריידן זיך פון הארצן. „גרינע" — ניט לאַנג אַריבערגעקומענע — האָבן מיר געבעטן צו שרייבן בריוו אין ענגליש צו זייערע אַמעריקאַנער קרובים. איך האָב געמוזט גיין מיט די דאָזיגע נייע אימיגראַנטן צו דענטיסטן (אין יענע יאָרן זיינען אין שטאָט קיין אידישע ניט געווען. מעדיצינישע דאָקטוירים זיינען יאָ געווען, אָבער בלויז צוויי), און צו אַדוואָקאַטן (לאָיערס). מיט די ניי־אַריבערגעקומענע היימישע קאַמאַשן שטעפּער בין איך געפאָרן אין די נאָענטע שיך שטעטלאַך זוכן אַרבעט פאַר זיי. קורץ, איך האָב געטאָן אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען פאַר די הילפלאָזע אימיגראַנטן.

צווישן די וואָס זיינען געקומען צו מיר אויסדערציילן זייערע „טראָובלס", זיינען געווען די העברייאישע לערער, אָדער „היברו־טיטשערס", ווי מ'האָט זיי גערופן אין שטאָט. זייער צאָל איז געווען, ווי שוין אָנגעוויזן אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל, אַזוי גרוים ווי די צאָל פעדלערס. (די סיבה וואָס אין פאַל ריוועור איז דאָן געווען אַזאַ גרויסע צאָל העברייאישע לערער דערקלערט זיך דער מיט, וואָס אין שטאָט איז דאָן ניט געווען קיין תלמוד־תורה. ווען אידישע פאַמיליעס האָבן געוואָלט געבן זייערע קינדער אַ אידישע (רעליגיעזע) דערציאונג, „כדי „זיי זאָלן וויסן אַז זיי זיינען אידן", ווי אַנדערע האָבן זיך אויסגעדריקט, האָט די דאָזיגע פאַמיליע געדונגען אַ פּריוואַטן העברייאישן לערער).

אָט די „העברייער" זיינען ניט געווען קיין טרענירטע פּעדאַגאָגן; זיי זיינען געווען היימישע „גוטע בחורים", וועלכע האָבן שוין געלערנט גמרא, און זיי האָבן געלערנט מיט זייערע אַמעריקאַנער־געבוירענע תלמידים און תלמידות פּונקט ווי זייערע מלמדים אין דער אַלטער היים האָבן מיט זיי גע־לערנט — מיט דער ביינערנער טייטל, און „ויאמר האָט געזאָגט", „וידבר האָט גערעדט", א. א. וו. זיי פלעגן זיך פאַר מיר באַקלאָגן, אַז זייערע שילער און

פּאָל ריוועער — אַמאָל און היינט

שילערינען נעמען ניט קיין אינטערעס אינם לימוד, און אַז זייערע עלטערן קוקן אויף זיי פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אָרעמע בחורים . . . און אַז זיי זעען ניט קיין צוקונפט אין די מלמדות.

כאָטש אַליין דאָן אַ מיליטאַנטישער אַטהעאיסט, האָב איך פונדעסטוועגן מיט זיי סימפּאַטיזירט און זיי זיינען פאַרבליבן איינע פון מיינע בעסטע פּערזענליכע פריינט אין פּאָל ריוועער, אפילו נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט.

די אידישע בעקערס אין פּאָל ריוועער

פון די אַלע „גרינע" אידן וועלכע זיינען געקומען צו מיר נאָך עצות, נאָך טובות (ניט קיין פינאַנציעלע, חלילה, ווייל איך אַליין, ווי שוין פריער באַמערקט, בין דאָן געווען אין אַ לא עליכמ'דיגע לאַגע) זיינען די עטלעכע אידישע בעקערס געווען די „אַגרעסיווסטע", אויב מ'קען זיי אַזוי אָנרופן. זיי האָבן זיך אויף מיר פשוט „אָנגעזעצט" איך זאָל עפּעס טאָן פאַר זיי. זיי זיינען ניט געווען צופרידן מיט מיין סימפּאַטיע בלויז, נאָר טאָן עפּעס פאַר זיי ממשות'דיגעס, ווייל זיי קענען שוין מער ניט איבערטראָגן די ביטערע לאַגע אין וועלכע זיי געפינען זיך איצט.

— מיר זיינען אמת'ע שקלאַפן — האָבן זיי געקלאָגט — מיר אַרבעטן גאַנצענע נעכט און פאַרנאַכטן און מיר ווייסן גאָר ניט פון אָפּרוען זיך; מיר שלאָפן אין פינצטערע צימערן, אָן פענצטער, און מיר עסן דאָס ביליגסטע וואָס די באָסיכעס קריגן צו קויפן. (אומפּאַרהייראַטע בעקער אַרבעטער אין יענע יאָרן האָבן זיך פאַרדונגען צו די באַלעבאַטים מיט „קעסט", ווי אין דער אַלטער היים, און זיי האָבן געקראָגן שוין איינמאָל „קעסט"!). און וואָס קריגן מיר פאַר אונזער שווערע פּראַצע? — אפילו ניט גענוג צו קויפן זיך אַן אַנשטענדיגן בגד. מיר ווייסן גאָר ניט פון אַ לעבן צו זאָגן.

ווילן ווערן יוניאָן לייט

מיין עצה צו די געפּלאָגטע בעקער אַרבעטער איז געווען, ווי צו אַלע אַנדערע אַרבעטער וועלכע האָבן זיך פאַר מיר באַקלאָגט אויף זייער ביטערע לאַגע — זיך אָנצושליסן אָן דער יוניאָן פון זייער פאַך. אויב ס'איז ניטאָ קיין אידישע יוניאָן אין שטאָט וואו זיי אַרבעטן, זאָלן זיי פּרובירן אָרגאַניזירן אַזאַ אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. איך האָב זיי אויסדריקלעך דערקלערט, אַז בלויז דורך דער יוניאָן קאָנען זיי האָפן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע — קריגן העכערע ווײ־

ל. הינדעס

דזשעס, קירצערע ארבעט שטונדן און אנדערע בעסערע באדינגונגען.

מיין עצה, ווייזט אויס, איז שטארק געפעלן געווארן, און א פאר פון זיי האבן ענטוזיאסטיש אויסגעשריען: „אי גוט! טאקע גוט, מיר'ן ווערן יונע לייט! זאלן זיי ,די באסעס, טאקע וויסן, אז מיר זיינען ניט אליין, אז מיר זיינען ניט עלנט!"

אבער אזוי ווי אין שטאט איז ניט געווען קיין אידישע בעקער יוניאן און ניט גענוג ארבעטער צו גרינדן אן אייגענעם לאקאל, האב איך זיי געראטן אנצושליסן זיך אלס איינצעלנע מיטגלידער אין דער ניט־אידישער בעקער יוניאן, כאטש ניט וויסנדיג צי ס'איז פאראן אזא יוניאן אין שטאט.

ווידער איז מיין פלאן געפעלן געווארן דער פארזאמלטער גרופע אידישע בעקער ארבעטער, אבער דא איז אנטשטאנען א פראבלעם: ווער וועט גיין מיט זיי צו א מיטינג פון די „גויאישע" בעקערס? קיינער פון זיי רעדט ניט א ווארט ענגליש, און וויסן ניט וואו צו גיין. די פראבלעם איז אבער באלד געלייזט געווארן דורך דעם וואס איך האב זיך אונטערגענומען צו גיין מיט א קאמיטע צו א מיטינג פון דער ענגליש־ריידנדיגער בעקער יוניאן, אדער זיך דורכריידן מיט אירע באאמטע וועגן אריינעמען די אידישע בעקערס אין זייער ארגאניזאציע. איך האב אפגערעדט מיט דער צווייער קאמיטע צו טרעפן זיך פרייטאג נאכמיטאג אויף וואשינגטאן סטריט לעבן בעדריק'ס צייטונגן און דע־ליקאטעסן סטאר, און צוזאמען גיין צו די העדקוואדערס פון דעם ניט־אידישן בעקער ארבעטער לאקאל.

מיין ערשטע אנטוישונג: ניטא קיין בעקער יוניאן אין שטאט — מיין באגעגעניש מיט'ן פרעזידענט פון דער גרויסער טעקסטיל ארבעטער יוניאן

דער טאג — דאנערשטאג — איידער איך האב זיך געדארפט טרעפן מיט דער „צווייער קאמיטע" פון די אידישע בעקערס און צוזאמען גיין צו א מיטינג אדער צו די באאמטע פון דער ענגלישער בעקער יוניאן, האב איך זיך געכאפט אז איך ווייס ניט דעם אדרעס וואו די ענגלישע בעקערס האלטן אפ זייערע מיטינגען. אליין א נייער אין שטאט און ניט וויסנדיג „וואו א טיר עפנט זיך", האב איך גענומען פרעגן בא די געצייל טע נייע באקאנטע מיינע אין שטאט. אבער קיינער ווייסט ניט. אריינצוקוקן אין א טעלעפאן דירעקטארי אדער אין א סיטי דירעקטארי איז מיר ניט איינגעפאלן. איך בין דאן נאך ניט געווען „אויסגעגרינט" גענוג צו טאן אזא סארט „פארשונגס" ארבעט („ריסוירטש ווארק"). איך האב ווידער גענומען פרעגן, אבער לײדער אן דער־

פּאָלג, און איך בין פּשוט פאַרצווייפלט געוואָרן. דאָ וואַרט אויף מיר די קאַמיטע צו גיין מיט זיי צו דער ענגליש־רײדנדיגע בעקערס, און דאָ ווייס איך אַפילו ניט וואו צו גיין. אָבער דורך אַ מאָדנעם צופאַל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ וואו צו גיין — ניטאָ גאָר קיין יוניאָן פון די בעקער־אַרבעטער אין פּאָל ריוועער. אַלע בעקערייען אין פּאָל ריוועער — די ענגלישע פראַנצויזישע, פּאָרטוגעזישע און די פּוילישע זיינען „אָפּן שאָפּס" — ניט יוניאַניזירט.

דער דערמאָנטער „מאָדנער צופאַל" האָט אַזוי פּאַסירט:

פאַרבייגייענדיג אויף דער ברייטער פּלעזענט סטריט אַ פיר־שטאָקיגע לאַנגע טונקל־גרויע הילצערנע געביידע, האָב איך דעזען לעבן דער אַריינגאַנגס־טיר אַ קליינעם ווייסן שילדל מיט'ן אויפשריפט אין שוואַרצע אותיות: „נעשאַנעל העדקוואָרדערס אָוו די יוניייטעד טעקסטייל וואָירקערס יוניאָן אָוו אַמעריקע" (נאַציאָנאַלער אָפיס פון די פאַראייניגטע טעקסטיל אַרבעטער פון אַמעריקע). דאָ, האָב איך געטראַכט, וועט מיר געוויס אימעצער קענען זאָגן וואו צו גיין מיט „מיינע" בעקערס.

אין דעם לאַנגען און ברייטן זאַל אויפ'ן צווייטן פּלאָר האָט מיך אַ יונגע שוואַרץ־חנדיגע סעקרעטאַרשע אָפּגעשיקט מיט מיין פראַגע צום נאַציאָנאַלן פּרעזידענט פון די טעקסטיל אַרבעטער יוניאָן, מר. דזשאָן גאָלדען, וועלכער איז געזעסן אין זיין איבערגעצאַמטן ליכטיגן אָפיס אין רעכטן ווינקל פון זאַל. די טיר פון זיין אָפיס איז געווען האַלב אָפן און ער האָט מיך געזען צוגייענדיג. ער האָט אויך באַמערקט מיין שעמעוודיקייט.

— קומט אַריין, יונגער מאַן — האָט ער מיך איידל גערופן — קומט אַריין.

מר. גאָלדען, אַ הויכער פעסט־געבויטער מאַן, אין די הויכע זעכציגער, מיט שיינע זילבער־ווייסע האָר, מיט אַ פּאָר קלוגע גרויע אויגן הינטער זיינע „גאָלדענע" ברילן, האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען (ווען איך האָב גערעדט צו אים, האָט איך גאָר ניט געוואוסט אַז ער איז געווען דער הויפּט פירער פונ'ם היסטאָרישן טעקסטיל סטרייק מיט פינף יאָר פריער — ל. ה.)

נאָכדעם ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט און דערקלערט דעם צוועק פון מיין קומען צו אים, האָט דער באַרימטער אַרבעטער פירער זיך אומעטיג פאַרטראַכט . . . כ'האָב פון אָנפאַנג ניט געקענט פאַרשטיין זיין פאַרלעגנהייט, אָבער די האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין גינסטיגן ענטפער אויף מיין פראַגע. אָבער קומענדיג צו זיך, האָט ער מיר מיט באַדויערן אינפאָרמירט, אַז ס'איז ניטאָ קיין יוניאָן פון בעקער אַרבעטער אין פּאָל ריוועער. — צו אונזער שאַנד — האָט ער געקלאָגט — האָבן מיר דאָ ניט קיין בעקער יוניאָן; קיין מאָל

ל. הינדעס

ניט געווען און קיין מאָל איז אפילו קיין פאַרזוך ניט געמאַכט געוואָרן צו גרינדן אַזאַ יוניאָן.

מיט אַ שווערע האַרץ האָב איך זיך אויפגעהויבן פונ׳ם ווייכן שטול, און באַדאַנקענדיג אים פאַר זיין פריינטלעכע אויפנאַמע, האָב איז זיך געלאָזן צו דער טיר. אָבער מיין ניי־באַקאַנטער נאַציאָנאַל־באַרימטער לעיבאָר לידער, האָט מיך פאַרהאַלטן און פאַרפירט מיט מיר אַ לאַנגן שמועס.

ערשטנס, האָט ער געוואָלט וויסן ווי קום איך, אַליין ניט קיין בעקער און אפילו ניט קיין אַרבעטער (ער האָט אַ צווייטן מאָל אַ קוק געגעבן אויף מיינע הענט און אָפּגעמאָסטן מיט זיין שאַרפן בליק) נעמען אַזאַ ערנסטן אינטערעס אין דער לאַגע פון אַרבעטער. מיין ענטפער איז געווען, אַז איך פאָלג נאָך דעם ביישפיל פון די אַמאָליגע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען באַקאַנט אַלס „נאַראָדאָוואָלצעס" אָדער „נאַראָדניקעס", וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייערע רייכן היימען און די אוניווערסיטעטן און זיינען אַוועק „וונאַראָד", צום פאָלק — צו די אָרעמע פויערים און אַרבעטער; זיי געלערנט לייענען און שרייבן, ווי צו לעבן סאַניטאַריש און, איבערהויפּט, ווי צו קעמפן געגן זייערע עקספּלואַטאַ־טאָרס — די פּריצים און זייער לאַקעי דעם צאַר — פאַר מער לאַנד, פאַר פריי־הייט, פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן. אמת, האָב איך צוגעגעבן, איך קום ניט פון קיין רייכע פאַמיליע (בלויז פונ׳ם נידריגן שיכט פון מיטל־קלאַס); און ניט געקראָגן קיין אוניווערסיטעט בילדונג (בלויז פאָלקס־שול), און מיט מיין ביסל קענטניש, וואָס שליסט איין אויך פיר שפּראַכן — אידיש, רוסיש, דייטש און פויליש — באַמי איך זיך צו העלפן אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן וועלכע קעמפן פאַר העכערע שכירות, פאַר קירצערע אַרבעט שטונדן און, בכלל, פאַר בעסערע לעבנס באַדינגונגען, וועלכע נויטיגן זיך אין אַקטיווע מאָראַלישע שטיצע, און איך פאַרלאַנג ניט קיין געצאָלט דערפאַר. כ׳האָב אים אויך דער־ציילט פון מיינע באַמיאונגען פאַר די פוילישע סטרייקערס פון דער „אָפּן־שאָפּ" מאַרשאַל העט פעקטאָרי.

מר. גאָלדען האָט מיך אויפמערקזאַם און סימפּאַטיש אויסגעהערט און גענומען ריידן וועגן דער מעגליכקייט צו גרינדן אַ לאָקאַל פון די אידישע בעקער־אַרבעטער, אין דער האָפנונג אַז די בעקערס פון די אַנדערע נאַציאָ־נאַליטעטן אין שטאָט וועלן זיך אויף זיי פאַרקוקן און גרינדן זייערע שפּראַך לאָקאַלן; און ער האָט געוואָלט וויסן ווי די צאָל פון די אידישע בעקער געזעלן. (ווען איך בין געקומען צו אים פאַר אינפאָרמאַציע, האָב איך פאַרגעסן צו זאָגן אים, אַז אין שטאָט זיינען דאָ ניט מער ווי אַ האַלבער דוצנד אידישע בעקערס.)

— וויפיל זיינען זיי, אייערע אידישע בעקערס? — האָט ער געפרעגט.

— זעקס — איז געווען מיין ענטפער.

פּאָל ריוועער — אַמאָל און היינט

— בלויז זעקס?

— יעס, בלויז זעקס.

— שלעכט! — האָט ער אַרויסגעזיפצט.

— פאַר וואָס? —

— מ'דאַרף צו וועניגסטנס האָבן צען צו גרינדן אַ לאָקאַל.

ווידער האָב איך זיך אויפגעהויבן פון ווייכן שטול, אָבער מיט אַ שווערע האַרץ; ווידער באַדאַנקט מר. גאָלדען פאַר זיין סימפּאַטיע און פאַר זיינע באַמיאונגען, און אַוועקגעטראָגן די שלעכטע נייעס צו „מיינע" בעקערס, וועלכע האָבן שוין אויף מיר געוואַרט אויף וואַשינגטאָן סטריט לעבן בעדריק'ס סטאָר.

פון די פיר, וואָס האָבן אויף מיר געוואַרט, זיינען דריי געווען ביטער אַנטוישט. נאָר איינער פון זיי, אַ הויכער דאַרער בחור מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן הינטער זיינע ברילן מיט שוואַרצע רעמלאַך, זיין נאָמען איז געווען לואי דוואַרין. איז געווען באַקאַנט צווישן די בעקערס אַלס אַ „גרויסער שלעפּער" (דער טיטל „גרויסער שלעפּער" ווערט באַנוצט פון די בעקער אַרבעטער ווי „גרויסער שיסער" פון קלאָוק מאַכערס), לואיס האָט געראַטן זיינע ברידער אַרבעטער ניט צו פאַרלירן די האָפנונג צו האָבן אַ יוניאָן פון זייער פאַך, ווייל ער האָט אַן עצה.

— וואָס איז דיין עצה? — האָט איינער פון זיינע מיטאַרבעטער, אַ בלאָנדער בחור מיט אַ סך פרישטשעקלאַך אויף זיין ברייטן פּנים, געפרעגט.

און לואיס' „עצה" איז באַשטאַנען אין דעם וואָס, ווי ער האָט דערקלערט, ער ווייסט פון פיר פּוילישע בעקערס, מיט וועלכע ער האָט גערעדט, וועלן זיך אַנשליסן אין דער יוניאָן, און צוזאַמען וועלן זיי אויסמאַכן די נויטיגע צען.

— גוט! — האָבן אַלע מסכים געווען — גוט!

אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך ווידער אַוועק צו מר. גאָלדען, אָבער דעם מאָל מיט דער גוטער בשורה אַז ס'איז שוין דאָ דער „מנין".

— פיין, פיין! — האָט דער אַלטער לעיבאָר לידער געשמייכלט. און ניט פאַרלירנדיג קיין איין מינוט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט באַ זיין שרייב־מאַשינקע (טאַיפּראַיטער) און שנעל „אָפּגעקלאַפּט" אַ בריוו צו דעם פּרעזידענט פון דעם ניו ענגלאַנד דיסטריקט פון דער נאַציאָנאַלער בעקער, און קאָנפעקשיאָנערי יוניאָן אָוו אַמעריקע אין באָסטאָן, בעטנדיג אים צו שיקן אַזוי שנעל ווי מעגליך אַן אָרגאַניזער קיין פּאָל ריוועער צו אָרגאַניזירן אַ בעקער לאָקאַל אין שטאָט, און האָט מיר געגעבן דעם פאַרקלעפּטן בריוו אַריינצוואַרפן אין בריוו־קאַסטן.

— מיר'ן אינגיכן עסן יוניאָן ברויט — האָט מיך דער וועטעראַן אַרבעטער פירער אַרויסבאַגלייט אין זיין שיין־קלינגענדיגע אָראַטאָרישע שטימע פון זיין אָפּיס.

ל. הינדעס

די צווייטע אַנטוישונג

אָבער די פרייד וואָס האָט געהערשט צווישן די אידישע און פוילישע בעקער־געזעלן, אז באַלד, באַלד וועלן זיי האָבן אַ יוניאָן, האָט לײדער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווי דער לייענער וועט עס באַלד זען.

אומגעפער אַ וואָך נאָכדעם ווי איך האָב אַריינגעוואָרפן מר. גאָלדענ׳ס בריוו צו דעם פּרעזידענט פון דער ניו ענגלאַנד דיסטריקט פון דער בעקער יוניאָן אין באָסטאָן, אין אַ כמורנעם ווינטערדיגן פרייטאָג, ווען דער שניי איז נאָך געלעגן אויף די גאַסן, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין מיין שמאָלן צימער באַ די אייבראַמסעס, אַ מיטל־יאָריגער אַמעריקאַנער, אין אַ לאַנגען ברוינעם אויבעראָק, מיט אַ קורץ געשוירענע שיטערע גרויע בערדל אויף זיין קיילעכדיגן רויטן פּנים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס „מר. דזשעק", אַן אָרגאַניזער פון דעם באָסטאָנער דיסטריקט פון דער בעקער יוניאָן, און דערקלערט אַז ער איז געקומען מיט מיר ריידן וועגן דעם געפלאַנעוועטן לאָקאַל פון די אידישע און פוילישע בעקער אַרבעטער אין שטאָט. אַרויסנעמענדיק פון בוזים־קעשענע און אָנטועענדיג זיינע „גאָלדענע" ברילן, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ קליין שוואַרצן ביכל מיט דער קאָנסטיטוציע פון דער בעקערס יוניאָן. איין פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע איז מיר גאָר ניט געפעלן געוועןן. אין דעם פּונקט זאָגט זיך, אַז ווען אַ יוניאָן בעקער אַרבעטער באַזעצט זיך אין אַן אַנדער שטאָט, דאַרף ער וואַרטן גאַנצע זעקס מאָנאַטן ביז ער ווערט דערלויבט צו אַרבעטן אין די בעקערייען פון יענער שטאָט.

אין אַנדערע ווערטער: ווען אַ בעקער וויל פאַרבעסערן זיין לאַגע און קומט אין אַן אַנדער שטאָט זוכן אַרבעט, דאַרף ער פאַר אַ גאַנצן האַלב יאָר „וועקליינגן די ציינער אויף די פּאָליצעס" און וואַרטן. . . מר. דזשעק האָט צוגע־געבן, אַז אים אַליין געפעלט אויך ניט דער דאָזיגער פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע, און ער האָפט, אַז דער דאָזיגער אומדעמאָקראַטישער געזעץ וועט מיט דער צייט ליבעראַליזירט ווערן, אָדער אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן. ער האָט מיר געבעטן צו פאַרופן אַ מיטינג פון „מיינע" בעקערס אויף דעם קומענדיגן פרייטאָג נאָכ־מיטאָג, צו אָרגאַניזירן דעם לאָקאַל.

פון די זעקס איז געוואָרן פיר, פון די פיר איז געוואָרן צוויי — מר. דזשעק ווייזט זיך גאָרניט

אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג, ווען איך האָב געגעסן מיטאָג און שוין גע־האַלטן באַ די פלייש, קומט אַרויף צו מיר לואי דוואָרין און בעט מיך איך זאָל שוין קומען צום מיטינג אין „באָיס קלאָב" (אַ האַלבער בלאָק פון מיין הויז).

ער האָט מיך ניט געלאָזן ענדיגן מיין מאָלצייט. מרס. אייבראַמס האָט פּראָטעסטירט פאַר וואָס ער לאָזט מיך ניט אָפּעסן. איך האָב אָבער געפאָלגט און אַוועק. אריינקומענדיג אַ פארסאַפּעטער און הונגעריגער אין מיטינג לאָקאַל איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן! פון די זעקס אידן וואָס האָבן דאָרט געדאַרפט זיין, האָב איך געזען בלויז פיר. און פון די פיר פּאָליאַקן זיינען געקומען ניט מער ווי צוויי

— וואו זיינען די איבעריגע? — פרעג איך לואי׳ן.

— אָט באַלד קומען זיי — האָט ער געענטפערט אין אַ זיכערן טאָן — באַלד, באַלד. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט. —

— און מר. דזשעק, וואו איז מר. דזשעק? —

— ער׳ט אויך באַלד קומען — האָט מיר לואי פאַרזיכערט — מסתמא זיך פאַרשפּעטיגט. —

דורך דער צייט וואָס מיר זיינען געזעסן און געוואַרט, האָבן מיר די פּאָר פּוילישע בעקערס געבעטן צו דערקלערן זיי די פּרינציפּן פון טרייד יוניאָניזם.

נאָך מיין קורצער רעדע האָבן מיר זיך ווידער אַוועקגעזעצט וואַרטן. פון צוויי אַזייגער איז געוואָרן דריי, פון דריי איז געוואָרן פיר, און די ווייזערס פון גרויסן זייגער אין זאַל רוקן זיך שוין צו פינף, און קיינער פון די דערוואַרטעטע „פיר" יאַווען זיך ניט. ס׳הויבט אָן צו ווערן טונקל. די אידישע בעקערס מוזן גיין צו די באַלעבאַטים עסן די פרייטאָג צונאַכטיגע סעודה, און מ׳צעגייט זיך, ברוגז׳דיג איינער אויפ׳ן צווייטן. דער אויסערגעוויינלעך וואַרעמער רעגן אין דרויסן האָט פאַרוואַנדלט דעם ווייסן שניי אין בלאָטע, און דער גאַנצער דרויסן האָט אויסגעזען פונקט ווי מיר איז געווען אויפן הארצן....

פאַר וואָס זיינען זיי ניט געקומען?

ווי די לייענער ווייסן שוין, איז פון מיין פּלאַן צו אָרגאַניזירן די שרעקלעך-עקספּלואַטירטע אידישע און פּוילישע בעקער אַרבעטער, צו מיין טיפסטן באַדויערן, גאָרנישט ניט געוואָרן. פיר פון די נויטיגע צען זיינען ניט געקומען צום אָרגאַניזאַציע מיטינג, און דער אַמעריקאַנער אָרגאַנייזער פון באָסטאָן, מר. דזשעק, איז אויך געבליבן אין דער היים.

וואָס איז אָבער פאָרט געווען די סיבה, אָדער די סיבות, וואָס די פינף האָבן זיך ניט געיאַוועט? סיבות זיינען געווען אַ סך. די ערשטע איז געווען דאָס וואָס די בעקער באָסעס האָבן דערהערט אַז זייערע געזעלן גייען „מאַכן אַ יוניע", זיינען זיי געוואָרן ווילד-פאַרצווייפלט. זיי האָבן גענומען סטראַשען די „גרינע" אַז אויב זיי וועלן ווערן יוניאָן לייט, וועט מען זיי דערקלערן פאַר אַנאַרכיסטן, בונטאָווטשיקעס, און מ׳וועט זיי אַרויסשיקן פון לאַנד, לויט אַ געזעץ וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אין 1903, נאָכדעם ווי פּרעזידענט

מעק'קינלי איז דערשאָסן געוואָרן (דער געזעץ לויטעט אז אַן עמיגראַנטישער אַנאַרכיסט, וועלכער איז נאָך ניט קיין גאַנצע דריי יאָר אין אַמעריקע, קען אַרויס־געשיקט ווערן פון לאַנד — ל. ה.) און די באַסיכעס, די ווייבער פון די בעקער באַלעבאַטים, זיינען אויך געוואָרן „ביזי". זיי האָבן גענומען איינ'טענה'ן מיט די ווייבער פון די פאַר פאַרהייראַטע בעקער אַרבעטער, אַז אויב זיי וועלן זיך אַנשליסן אָן דער יוניאָן, וועלן זיי, די באַלעבאַטים, זיין געצוואונגען אויפ־צוגעבן זייערע ביזנעס אין פאַל ריוועך און די אַרבעטער וועלן דאַרפן זוכן אַרבעט אין אַנדערע שטעט — אַן אומגעהויערע גרויסע שוועריקייט פאַר אַ פאַמיליע.

קיינע „הינטעלאַך" אויף כשר'ע ברויטן!

איין בעקער באַס, האָבן מיר זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט געמאַכט געוואַלדן, אַז די בונטאָוושטשיקעס ווילן אַרויפקלעפּן די „הינטעלאַך" (די צאַצקע אויף דעם לעיבל פון די בעקערס יוניאָן) אויף אידישע כשר'ע ברויטלאַך. דער געשריי איז נאַטירלעך געווען אַ היפּאָקריטישער געשריי, וואָרום די „הינ־טעלעך" זיינען פאַר יאָרן־לאַנג געווען אויף די אידישע כשר'ע ברויטלעך אין אַלע גרויסע שטעט וואו די בעקער יוניאָן האָט פונקציאָנירט, און צענדליגע טויזנטער אידן, אפילו רבנים, האָבן געגעסן ברויט מיט די הינטעלאַך. דער צבועק'ישער געשריי האָט אָבער לײדער שלעכט געווירקט אויף די ניי אַריבער־געקומענע אידן, וועלכע האָבן קיין מאָל ניט געוואוינט אין קיין גרויסע שטאָט אין אַמעריקע, האָבן קיינמאָל ניט געזען קיין בעקערס יוניאָן לייבל, און ניט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס. און די דאָזיגע גרינע אידן האָבן זיך טאַקע דערשראָקן פאַר די געדרוקטע הינטעלאַך אויף די אידישע ברויטלאַך, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען. . . .

אַ „פאָרמאַן" האָט געוואָלט אַ קאָאָפּעראַטיווע — ניט קיין יוניאָן

עפּעס אַ פאָר וואָכן נאָך דעם אומעטיגן פרייטאָג נאָך מיטאָג, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַ „פאָרמאַן" (אַ שיבער) פון איין בעקעריי האָט אין דער שטיל געגראָבן דער געפּלאַנטער יוניאָן. ער האָט בעסער געוואָלט אַ קאָאָפּע־ראַטיווע בעקעריי (אין יענע יאָרן איז אין מאַסאַטשוזעטס סטייט אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען און בוטשער סטאָרס. אין אַ רייע שטעט פון סטייט, ווי לין, בראָקטאָן, ניו בעדפאָרד און, אויב איך

האָב קיין טעות ניט, אין ספרינגפיעלד, זיינען שוין געווען אַזעלכע „קאָאָפּע־ראַטיוון", ווי מ'האָט דעמאָלט אָנגערופן די דאָזיגע אונטערנעמונגען — ל. ה.) און ער האָט געהאָפט צו ווערן דאָרט דער גאַנצער מאַכער; און אפשר, שפּעטער צו — ווען די בעקעריי וואָלט ניט געווען קיין דערפאָלג — און ער וואָלט שוין געזען אַז דאָס זאָל פּאַסירן — איבערנעמען די „פּעקאַרניע" אויף זיין אייגענעם רעכענונג און ווערן אַ באַס פאַר זיך. און דער זעלביגער „פּאָרמאַן", אַ קיילעכ־דיגער אידל, אין די דרייסיגער, מיט טונקל־ברוינע אויגן, האָט אין דער זעל־ביגער צייט געוואָרפן אַן אויג אויף דער דריטער בעקעריי אין שטאָט, וועמעס אייגנטימער האָט געמוזט אויפגעבן. און צוליב די דערמאָנטע פאַרשטענדלעכע אורזאַכן, איז דער שיבער אַרויסגעטראָטן געגן דער אָרגאַניזירונג פון אַ יוניאָן פון די בעקער אַרבעטער. און ווי מ'האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז אין איין פּעקאַרניע פאָרגעקומען בלוטיגע געשלעגן צווישן דעם צוקונפטיגן באַלעבאָס מיט די געזעלן.

שטראָפט מיך פאַר „באַדערן זיך" מיט די „סמאַרקאַטשעס"

דער דערמאָנטער שיבער, מיט געדיכטע האָר אויף זיין ברוסט, האָט טאַקע אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום אָפּגעקויפט די דריטע בעקעריי, און ווען ער פלעגט מיך באַגעגענען אין גאַס, האָט ער קיין מאָל ניט פאַרפעלט צו שטראָפן מיך פאַר וואָס איך גיב זיך אָפּ, פאַר וואָס איך אינטערעסיר זיך אַזוי פיל מיט די בעקער אַרבעטער, וועלכע ער האָט באַצייכנט מיט דעם באַליידיגנ־דיגען נאָמען „סמאַרקאַטשעס". — צו וואָס — האָט ער מיך געמוסר'ט — דאַרפט איר, אַזאַ פיינער, איידעלער און „עדזשוקייטעטער" יונגערמאַן זיך „באַדערן" מיט די חברה, די סמאַרקאַטשעס, אויך מיר מענטשן? —

מיין ענטפער צו דעם נייעם חוצפה'דיגן באַס איז געווען דאָס וואָס איך האָב אים געהאָלפן אָפּפרישן זיין קורצן זכרון: אַז גאָר ניט לאַנג צוריק איז ער אַליין געווען אַ סמאַרקאַטש און געזוכט מיין הילף צו פאַרבעסערן זיין לאַגע. איך האָב אין פּשוט'ע ווערטער פאַרזיכערט, אַז, ווי פריער, וועל איך פאַר־זעצן צו אינטערעסירן זיך מיט די שרעקלעך עקספּלואַטירטע בעקער־געזעלן, און וועל זיי שטענדיג העלפן מיט וואָס נאָר איך וועל קענען.

אָט דער קיילעכדיגער אידל, דער שיבער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר די „אויבערשטע פון שטויסל" אין דעם בעקער פאַך, צוזאַמען מיט די באָסיכעס, האָבן צעשטערט מיין פּלאַן צו גרינדן די יוניאָן, דורך וועלכע די אַרבעטער וואָלטן געוויס פאַרבעסערט זייער כמעט אומדערטרעגלעכע לאַגע.

ל. הינדעס

מיינע באַמיאונגען ניט אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן

אָבער ניט געקוקט אויף דעם וואָס מיר האָט זיך ניט איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן די אידישע בעקער אַרבעטער אין אַ יוניאָן אַלס אַ מיטל צו פאַר־בעסערן זייער לאַגע, זיינען מיינע באַמיאונגען פונדעסטוועגן ניט אינגאַנצן גע־גאַנגען לאיבוד. די באַסעס האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק פון אַ „יונע" און האָבן פרייווילליג געגעבן אַ קליינע העכערונג אין די שכירות; די באַלעבאָסטעס האָבן געגעבן בעסערע אָנבייסנס, בעסערע וועטשערעס, און זיי האָבן זיך אויך אויסגעלערנט צו ריידן צו די אַרבעטער ווי צו מענטשן און ניט ווי צו אָרעמע בחורים און געהאַרזאַמע שקלאַפן. ווענן אָט די פאַרבעסע־רונגען אינ'ם מצב פון די בעקער־געזעלן, האָב איך זיך דערוואוסט פון די איינגנטימער אַליין — דאָס הייסט, „אינפאָרמאַציע פון דער ערשטער האַנט".

פאַרבייגייענדיג איינמאָל אַ נאָכמיטאָג די סטאָר פון דעם נייעם באַ־לעבאָס, דער געוועזענער שיבער, וועלכער האָט איבערגענומען די דריטע בע־קעריי, האָט מיך זיין פרוי, אין די הויכע דרייסיגער, פעסט געבויט, מיט פלוימיגע שוואַרצע אויגן, אַריינגערופן כלומרשט אָנצוקוקן איר נייע ברויט־סטאָר; מכבד געווען מיט אַ קיכל און אַ קאַלטן טרונק און באַלד זיך גענומען באַקלאָגן פאַר מיר אויף איר ביטערע מערכה זינט זי איז געוואָרן אַ באַסיכע.

— ניט אויסצוהאַלטן פון זיי (די בעקער־אַרבעטער)! — האָט זי געקלאָגט.

— וואָסי? — פרעג איך איר.

— אַז וואָס איך זאָל זיי ניט געבן צו עסן געפעלט זיי ניט — כאָטש מאַך פאַר זיי מאַרציפאַנעס!

— און נאָך אַ זאַך — האָט די געוועזענע שיבערקע ווידער געקלאָגט — זיי האָבן זיך איינגעוואוינט צו ריידן גאָר אָנטקעגן!

מיין ענטפער אויף דער נייער באַלעבאָסטע'ס „קלאָגעס" איז געווען, אַז די בעקערס, וועלכע אַרבעטן שווער און ביטער טעג און נעכט אין די אונטער־אירדישע פעקאַרניעס, זיינען באַרעכטיגט צו גוטע נאַרהאַפטע שפייזן, און אַז די באַלעבאַטים און די באַלעבאָסטע וועלן צו זיי ריידן ווי מענטשן צו מענטשן, וועלן זיי ניט זיין קיין „שקצים" און ניט ריידן אָנטקעגן.

מיין ענטפער איז איר קענטיג ניט געפעלן געוואָרן און זי האָט זיך פאַרכליפעט. . . .

כ'האָב אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מינוטן ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט, און גענומען גיין צו דער טיר, אָבער זי האָט מיך פאַרהאַלטן, און אויסווישנדיג די טרערן מיט איר ווייסן פאַרטוך, האָט זי מיר געבעטן זיך „אָפּצוטשעפּן" פון

די „יונגען" — ניט האָבן מיט זיי קיין מגע ומשא און, איבערהויפּט, „מ'דאַרף צו זיי ניט ריידן".

איר בקשה האָב איך אויפ'ן שטעל צוריקגעוויזן, דערקלערנדיק, אַז פּונקט ווי איך האָב „גערעדט" צו איר מאַן, ווען ער האָט געאַרבעט פאַר יענעם, אַזוי וועל איך פאָרזעצן צו ריידן צו די וואָס אַרבעטן נאָך היינט־צו־טאָג פאַר באַלעבאַטים.

בעקער־באָס'עס זינדל כאַפּט זיך צו מיר שלאָגן אין מיטן גאַס

אַ צווייטן גרוס, אַז די פריערדיגע שרעקלעך־עקספּלואַטירטע, די דער־נידריגטע, די באַליידיגטע אידישע „בעקער יונגען" זיינען געוואָרן שטאָלץ ביי זיך, ווייזן אַרויס מוט און לאָזן זיך שוין מער ניט טרעטן מיט די פיס פון די באַלעבאַטים ווי פריער, האָב איך געקראָגן דורך אַ מאָדנעם צופאַל: שטייענדיג איינמאָל אַ פאַרנאַכט אויף ספּרינג סטריט (די גרעסטע גאַס אין אידישן קוואַרטאַל), פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַ פּאָר פּראָגרעסיווע פריינט וועגן די לעצטע וויכטיגע וועלט געשעענישן, איז צו מיר צוגעקומען אַן אַמעריקאַנער־געבוירענער זוהן פון אַ בעקער באָס, אַ הויכער דאַרער בחור, אין די צוואַנציגער, מיט אַ טענה, אַז איך בין געקומען קיין פּאָל ריוועָר צו מאַכן אַ תל („טו קראָש") פון זיין טאַטנ'ס ביזנעס; און זיינע טיפע שוואַרצע אויגן פול מיט צאָרן, געשריען, אַז איך, ניט זייענדיג קיין בעקער, האָב קיין רעכט ניט זיך „צו מישן" מיט די בעקער אַרבעטער.

כ'האָב אים געבעטן צו ריידן אַביסל געלאַסן און דערקלערן ווי אַזוי מיין אָנקומען קיין פּאָל ריוועָר רואינירט זיין פאָטער'ס געשעפטן.

— וועל — האָט זיך דעם בעקער־באָס' יורש געקרימט — אַזוי שנעל ווי איר האָט גענומען ריידן צו זיי (די בעקער אַרבעטער) וועגן אַ יוניאָן, זיינען זיי גאָר געוואָרן „אינדעפּענדענט" (אומאָפּהענגיגג, שטאָלץ באַ זיך). —

אויף מיין פראַגע, מיט וואָס אָדער אין וואָס באַשטייט זייער „אינדע־פּענדענס", האָט ער גענומען אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל „קריוודעס" וואָס ער האָט צו זיין פאָטער'ס געזעלן.

— ערשטנס — האָט ער געקלאָגט — ווילן זיי ניט אַרבעטן קיין „אָווער־טאַים"; צווייטנס, געפעלט זיי ניט דאָס עסן וואָס מען גיט זיי; און דריטנס, זיי האָבן אָנגעהויבן צו ריידן אַנטקעגן („טאָק בעק"), וואָס מיר האָבן פריער גאָר ניט געהערט.

און ריידנדיג ווידער מיט כעס, האָט ער געפרעגט: ווי אַזוי קען מען פירן אַ ביזנעס ווען די „העלפּ" ריידן צוריק?.

ל. הינדעס

ענטפערנדיג אויף די אלע „עוולות" וואס די נידריג־באצאלטע בעקערס באגייען געגן זיין פאטער, האב איך אים דערקלערט, אז די סיבה פון דעם וואס זיי ווילן ניט ארבעטן קיין אווערטאים, איז דאס וואס זיי קריגן ניט באצאלט געגוג פאר די עקסטרא שטונדן אדער זיי זיינען צו מיד פון די אזוי אויך לאנגע רעגעלע ארבעט־שטונדן און, אז דאס וואס זיי ענטפערן צוריק, איז וואס מען רעדט ניט צו זיי ווי מענטש צו מענטשן נאר ווי צו הילפלאזע שקלאפן. מען מוז ריידן צו זיי איידל, זאג איך אים, און די וואס ווייסן ניט ווי צו ריידן איידל צו ארבעטער, דארפן גיין אין סקול זיך לערנען. . . .

מיין לעצטע באמערקונג, אדער בעסער געזאגט, מיין „עצה", האט דעם בעקער באס'עס בן'אק ארויסגעבראכט פון די כלים און ער האט זיך געכאפט צו מיר שלאגן. אבער די צוויי יונגע בחורים, מיט וועלכע איך האב גערעדט, האבן אים צוריקגעהאלטן, און זיי האבן מיך באגלייט צו דער מעין סטריט.

טאלסטאי'ס צוואה

איך בין צו ענדע מיט מיינע דערפארונגען מיט די פוילישע ארבעטער און די אידישע בעקער־ארבעטער — דערפארונגען וועלכע איך וועל קיינמאל ניט פארגעסן. מיט דעם וואס איך האב זיך אונטערנומען צו באהילפיג זיין די פוילישע סטרייקערס פון דער „אפן־שאפ" מארשאל העט פעקטארי, און דעם האלבן דוצענד אידישע בעקערס, האב איך זיך אונטערנומען צו טאן עטוואס צו וואס איך בין אבסאלוט ניט געווען צוגעפאסט. פריינט האבן מיר געגעבן צו פארשטיין, אז נאר א בעקער קען ארגאניזירן בעקערס און ניט קיין אנדערער; און צו העלפן די פוילישע העט־מאכער דארף זיין איינער פון דעם פאך, און דערצו נאך, אליין ניט קיין ארבעטער. און אזוי ווי איך בין ניט געווען ניט דאס ערשטע און ניט די צווייטע, וועלן מיינע באמיאונגען אומפארמיידלעך זיין א דורכפאל. און איך גיב צו, אז זיי, די פריינט, זיינען טיילוויז געווען גערעכט: בלויז א פראלעטאריער קען זיך באטיילן אין דירעקטע פראלעטארישע אקציעס — ארגאניזירן ארבעטער און ארויסהעלפן סטרייקערס; און איינער פון מיינע ניי־דערוואַרבענע פריינט, וועלכער איז געווען באקאנט אין אידישן קוואר־טאל אלס „פרידמאן דער פעיפער הענגער" — א בחור אין די הויכע צוואנציגער, מיט גרויסע בלויע אויגן אין זיין ברייטן בלאסן פנים, א פארברענטער ווילנער בונדיסט, האט מיך באטראכט אלס פאנטאזיאר, אן אוטאפיסט, א דאן קיכאט.

דער דאזיגער געגאסע פרידמאן האט אבער געהאט א טעות. ער האט מיך געקאנט אלס היימישן באלעבאטישן בחור מיט אביסל בילדונג און אלס איינער וואס האט קיינמאל ניט געארבעט אין א „שאפ — ניט אין דער היים

און ניט אין אַמעריקע. דאָס, ווי געזאָגט, איז געווען אַ טעות פון מיין פריינט פרידמאַן; איך האָב יאָ געאַרבעט די ערשטע פּאָר יאָר (פון 1905 ביז 1907) און פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעטן אין אַ פאַבריק און קענען געלערנט די לאַגע פון׳ם לוין־אַרבעטער. איך האָב געאַרבעט צווייַ יאָר אין צוואַנציג פאַרשיידענע שטעט און אין צוואַנציג פאַרשיידענע פאַבריקן און אונטערנעמונגען אַלס אַ ניט־קוואַליפיצירטער באַלמעלאָכע, און ערגעץ ניט אַרויסגעוויזן באַזונדערע פייאיקייטן אין די שווערע אַרבעט, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָב איך געדאַרפט זוכן אַ נייעם דזשאָב און, גאַנץ אָפט, אין נייע שטעט. . . . פון אַ סך דזשאָבס האָט מען מיך אָפּגעזאָגט ווייל איך האָב געאַרבעט „ניט שנעל גענוג”; פון אַנדערע בין איך אַליין אַוועק ווייל די אַרבעט איז געווען גאָר ניט פאַר מיינע פיזישע קרעפטן — אַן אַרבעט, למשל, ווי צו פירן אַ טאַטשקע ברוך־אייזן פון אַ שפּייכלער צו דער „פאַונדרי” (אייזן־גיסעריי), וואו ס׳האָט געהערשט אַ גיהנום׳דיגע ברענענדיגע לופט; און נאָך אַנדערע האָב איך געמוזט אויפגעבן דערפאַר וואָס דער לעבן פאַר מיר אין די קליינע קאָונטרי־שטעטלאַך איז געווען דערדריקנד אומעטיג, ניט געקוקט אויף די גרינע פעלדער, וועלדער, בערגלאַך, טייכן און אַנדערע פּרעכטיגע נאַטור־בילדער וואָס מ׳זעט אין די פּראָווינציעלע שטעטלאַך אין מעין, ניו העמפּשיר און מאַסאַטשוזעטס, און אויך די געזונטע לופט דאָרט, פון וועלכע האָרעפּאַשנע אידן אין דער גרויסער שטאָט שטאָט האָבן תמיד גע׳חלומ׳ט.

קומענדיג אין דער גרעסערער שטאָט און ניט געפינענדיג קיין פּאַסנ־דיגע לייכטע אַרבעט און דערזעענדיג שוין „דעם וואָלף פאַר דער טיר”, בין איך געווען געצוואונגען צו זוכן צו מאַכן אַ לעבן, ווי מ׳זאָגט, „אויסערן שאָפּ”, און בין געוואָרן אַ „טירן קלאַפּער”, ווי ס׳האָבן געטאָן טויזנטער אַנדערע אימיגראַנטישע יונגע בחורים, וועלכע האָבן זיך, צוליב פאַרשיידענע סיבות, ניט געקענט אַריינפּאַסן אין די דאַמאָלטיגע שווערע אינדוסטריעס אָדער אין ניו־יאָרקער סוועט־שעפּער.

אייניגע פון מיינע באַקאַנטע האָבן, אויס קנאה אָדער שנאה, מיך חושד געווען אַז מיט׳ן פאַרלאָזן דעם שאַפּ, „שנייד איך זיך צו ווערן אַ בורזשוי”, כאָטש די זעלביגע „פריינט” האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פון מיינע ניט־פּראָלעטאַרישע פּראָפעסיעס האָב איך, ווי די לייענער וועיסן שוין, גאַנץ אָפט אַ היפּשע ביסל צוגעהונגערט. . . .

דער ניו־יאָרקער בלאַסער קלעפּער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז איך בין יאָ געווען אַ „פּראָסטאָי ראַבאָטשי”, האָט צוגעגעבן אַז איך בין טאַקע גוט באַקאַנט מיט דער ביטערער לאַגע פון די שרעקליך־עקספּלואַטירטע אַר־

ל. הינדעס

בעטער. ער האָט אויך ניט געצווייפלט אין מיין ערנסטקייט און אין מיין באַגער צו העלפן זיי צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלן מצב.

— פונדעסטוועגן — מאַכט ער צו מיר אין אַ טאָן ווי ער וואָלט געוועזן הונדערט פּראָצענט גערעכט — זענט איר פּאָרט ניט דער מענטש דערצו. (מיינענדיג דאָס אָרגאַניזירן אַרבעטער און פירן זיי אין קאַמף געגן די באַלעבאַטים).

— פאַר וואָס?

— בלויז אַ בעקער — האָט ער געענטפערט — קען מיט דערפאָלג אָרגאַניזירן בעקערס. ער קען ריידן זייער שפּראַך, זייער וואָקאַבולאַר; ער קען דעם „טרעיד" (דעם פאַך); ער פאַרשטייט זייערע ספּעציפישע נויטן און ער קען פאַרהאַנדלען מיט די באָסעס, וויל ער ווייסט ווי צו ריידן צו זיי.

— און דאָס זעלבע — האָט פרידמאַן אַרגומענטירט — איז דער פאַל מיט פוילישע סטרייקערס פון דער מאַרשאַל העט פעקטאָרי: ניט האָבנדיג געאַרבעט אין דער דאָזיגער פאַבריק אָדער אין אַן ענלעכע פעקטאָרי אין אַן אַנדער שטאָט, קען ער ניט גענוי פאַרשטיין די פּראָבלעמען פון די אַרבעטער אין די פאַרשיידענע דעפּאַרטמענטס פון דער אונטערנעמונג, און דעריבער קענען זיינע אָנשטרענגונגען פון זייערטוועגן ניט ברענגען די געווינטשטע רעזולטאַטן.

אויף אַלע פרידמאַנ'ס „גערעכטע" טענות האָב איך אים געגעבן דעמזעלבן ענטפער וואָס איך האָב געגעבן מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער דעם פּרעזידענט פון די אַמעריקאַנער טעקסטיל אַרבעטער יוניאָן, מר. גאָלדען, ווען ער האָט מיך געפרעגט ווי קום איך, ניט קיין אַרבעטער, נעמען אַזאַ ערנסטן אינטערעס אין אַרבעטער קאַמפּן, נעמלעך, אַז איך פאָלג נאָך דעם ביישפּיל פון די רוסישע „נאַראָדנאָוואָלצעס" פון די זיבעציגער און די אַכציגער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, וועלכע זיינען אַוועק אין דאָרף צו די אָרעמע אונטערדריקטע פּויערים און זיי געלערנט ווי צו לעבן מער סאַניטאַריש, זיי געלערנט שרייבן און לייענען און אויך ווי צו קעמפן געגן די פּריצים און געגן זייער צאַריסטישער רעגירונג, און פאַר מער לאַנד און מער פרייהייט.

מיר ווייסן ניט, האָב איך אים ווייטער געזאָגט, ווי גרויס עס איז געווען דער דערפאָלג פון די דערמאָנטע נאַראָדנאָוואָלצעס, אָבער די געשיכטע פון דער באַפרייאונג באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד גלאָריפיצירט אַזעלכע העלדינען און העלדן ווי סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, ווערא פיגנער, ווערא זאַסוליטש, זשעליאַבאָוו, ריסאַקאָוו, און די טויזנטע אַנדערע פון זייערע חברים, אפשר ניט פאַר זייערע גרויסע דערפאָלגן ווי פאַר זייער פאַרזוך דורצופירן די הייליגע אויפגאַבע אין לעבן, ווארום עס איז אַן אַלטער כלל, אַז יעדער פּרואוו צו טאָן

עפּעס גוטעס פאַר דער אונטערדריקטער מענטשהייט, מוז ענדלעך ברייננען פּרוכט. ווי האָט דאָרט טאָלסטאָי געזאָגט:

„מיסל בלאַגאָראָדנאיאַ ניע מאָזשעט ביט ניעפּלאָדאָטוואָרנאַ" (אַן איידעלער געדאַנק (אָדער טאַט) קען ניט זיין אומפּרוכטבאַר).

יעס, האָב איך איינגע'טענה'ט מיט דעם ניו־יאָרקער פּעיפּערהענגער, מיין פאַרזוך לטובת דעם האַלבן דוצנד אידישע בעקערס איז ניט געגאַנגען אין ניוועץ. איך האָב אים דערציילט — וואָס ער האָט ניט געוואוסט — אַז די הייפּעלע שלעכט־באַצאָלטע, דערנידריגטע אידישע בעקער געזעלן, וועלכע אַרבעטן באַנאַכט און שלאָפן באַטאָג, און מוזן מאַכן דעם „זויער" פּאַרנאַכט, און האָבן זעלטן די געלעגנהייט זיך צו זען מיט מענטשן — אָט די פאַרשטויסענע אַנגעשראָקענע יונגע אידישע אימיגראַנטן — האָבן, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די יוניאָן באַוועגונג, אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיי האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען ניט עלנט, ניט אַליין; אַז אין שטאָט געפינט זיך צווועניגסטנס איין יונגער מאַן מיט אַ באַדייטנדיגן איינפלוס אויף די ראַדיקאַלע עלעמענטן פון שטאָט, וועלכער איז שטענדיג גרייט אויסצוהערן זייערע קריוודעס געגן די באַלעבטים און אָנצונעמען זיך פאַר זיי. כ'האָב דעם גענאָסע פרידמאַן אויך דערציילט — וואָס ער האָט פריער ניט געוואוסט — אַז די באָסעס און די באָסיכעס קלאָגן אויף דעם וואָס זייערע יונגע זיינען געוואָרן „פרעך", זיי ריידן אַנטקעגן, און אַז זיי ווילן שוין מער ניט אַרבעטן קיין „אָווער טאַים" צו מאַכן דעם זויער פּאַרנאַכט. „זאָלן די באָסעס אַליין — האָבן זיי געזאָגט — מאַכן דעם „זויער", מיר ווילן בעסער די פּאָר שעה זיין אויף דער לופט און זיך זען מיט מענטשן." און ווי מ'האָט שפּעטער מיר איבערגעגעבן, האָבן אַ פּאָר בעקער באָסעס, וועלכע האָבן זיך באַרימט אַז זיי באַקן סטריקטלי כשרה ברויט, האָבן אַליין געמוזט מאַכן דעם „זויער" אפילו שבתים און יום־טובים אַ סך פריער ווי זונען־אונטערגאַנג . . . און זיי האָבן טאַקע זיך באַקלאָגט, אַז צוליב די „בונטאָווטשיקעס מוזן זיי מחלל שבת זיין און מחלל יום־טוב זיין, צוגרייטנדיג דעם טייג פאַר מנחה — נאָך איידער עס איז געוואָרן אויס שבת און אויס יום־טוב. . . . (דאָס וואָס די אַרבעטער האָבן אַלע יאָרן מחלל שבת געווען האָט זיי, די באָסעס, הפּנים, ניט געאַרט).

און מיט פאַקטן האָב איך מיין ניו־יאָרקער פריינט באַוויזן, אַז מיינע באַמיאונגען פאַר די פּוילישע סטרייקערס פון דעם מאַרשאַל סקעב־שאַפּ זיינען אויך ניט געגאַנגען לאיבוד. די דאָזיגע האָרעפּאַשנע יונגע פּאָליאַקן האָבן דורך מיינע אָנשטריינגונגען פאַר זייערעטוועגן, זיך דערוואוסט אַז סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן זיינען ניט בלויז „סימפּאַטיקער" פון אַרבעטער, נאָר זיינען אויך גערן צו באַטייליגן זיך אין זייערע טאָג־טעגלעכע קאַמפּן פאַר בעסערע

לעבנס־באַדינגונגען. און דער פֿאַקט וואָס איך בין אַ איד האָט באַדייטנדיג געהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון די וואָסערע דריי הונדערט אידישע פֿאַמיליעס אין פֿאָל ריווער. צווישן די קנאַפּע פֿופֿציג פּוילישע סטרייקערס, האָבן זיך געפֿונען צוויי ווייס־רוסישע אַרבעטער. מיט זיי האָב איך גערעדט אין רוסיש. כ'האָב זיי אין קורצן דערקלערט די פֿילאָזאָפֿיע פֿון סאָציאַליזם — פֿון אַ וועלט אָן רייכע און אָרעמע, אָן עקספּלואַטאַטארס און אָן עקספּלואַטירטע; אַלע רייכטימער פֿון לאַנד, ווי די ערד, די פֿאַבריקן, די אייזנבאַנען, די שיפֿן, א. א. וו., וועלן געהערן צום פֿאָלק, און יעדער געזונטער מענטש וועט מוזן אַרבעטן, און ווי באַלד אַלע וועלן אַרבעטן, וועט מען פּראָדוצירן אַזוי פֿיל — אַזוי פֿיל שפּייז און סחורות — אַז די אַרבעטער וועלן שוין ניט דאַרפֿן פּראַצעווען די שווערע ניין אָדער צען שטונדן אַ טאָג — דריי אָדער פֿיר שעה אַ טאָג וועט זיין מער ווי גענוג. די איבעריגע צייט וועט ער קענען פֿאַרברייגען אויף דער פֿרישער לופֿט, גע־ניסן פֿון דער שיינקייט פֿון דער נאַטור און דערווערבן אַ העכערע בילדונג. כ'האָב זיי דערמאָנט נעמען פֿון קאַרל מאַרקס, פּיאָטר קראַפּאָטקין, מיכאַאיל באַקונין, טאָלסטאָי, גאָרקי, טשעכאָוו, און אַנדערע באַרימטע רוסישע שרייבער און רעוואָלוציאָנערן (פֿון לענינ'ען און סטאַלינ'ען און די אַנדערע סאָוועטישע פֿירער האָט מען דאַן לחלוטין גאָר נישט ניט געוואוסט — ל. ה.). די צוויי יונגע ווייס־רוסן פֿון מינסקער גובערניע, זיינען קענטיג געווען איבעראַשט פֿון מיין „רעדע" און זיי האָבן זיך אויף אַ מאָמענט איבערגעקוקט מיט פֿאַרשנדיגע בליקן, און איינער פֿון זיי, אַ הויכער בחור נאָענט צו דרייסיג, מיט זאַמד־קאָלירנדיגע האָר, מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן, האָט, אויסמיידנדיג מיין בליק, אַ זאָג געטאָן צו זיין חבר און לאַנדסמאַן: „וואָט טיעביע אי יעווריעי!" (אָט האָסטו זיך אַ אידן!). געמיינט אָט דעם ווייס־רוסישן פּויער'ס זוהן צו זאָגן, אַז צום ערשטן מאָל הערט ער פֿון אַ אידן אַזעלכע רייד. אין זיין דאָרף האָט ער בלויז געקענט דעם אָרעמען פֿרומען ישובניק, דעם קאָראַבעלניק און דעם קרעמער אין דעם שכניש'ן שטעטל; און דאָ, אין פֿאָל ריווער, האָט ער אויך בלויז געקענט דעם אידישן קרעמער און דעם פּעדלער, וועלכער פֿלעגט אים פֿאַרקויפֿן סחורה אויף אָפּצאָלן און קומען שבת קאָלעקטירן די וועכנטלעכע צאָלונגען; און פֿון די אידן — ניט פֿון דער היים און ניט פֿון אַמעריקע — האָט ער ווען עס איז געהערט אַזעלכע ווערטער.

כ'האָב דעם גענאָסע פֿרידמאַן אויך דערקלערט, אַז צו טאָן עפּעס גוטעס פֿאַר אַ יחיד אָדער פֿאַר'ן כלל איז גאָר ניט נויטיג דערפֿאַרונג, אָנווייזנדיג אים אויף דעם פֿאַקט וואָס די נאַראָדנאָוואָלצעס האָבן אויך ניט געהאַט קיין „עקס־פּיריענס" ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין די דערפֿער צו העלפֿן די אומ־ברחמנות'דיג־אונטערדריקטע פּויערים, וועלכע דער באַרימטער רוסישע פּאָעט

פּאַל ריוועך — אַמאָל און היינט

ניעקראַסאָוו שילדערט אין זיין אומשטערבליכן ליד, „אוקאַזשי מניע טאַקויו אָביטיעל, יאַ טאַקאָוואַ אוגלאַ ניע ווידאַל, גדיע בי סעיאַטיעל טוואַי אי כראַניטיעל, גדיע בי רוסקי מוזשיק ניע סטאָנאַל", דער גוטער ווילן, האָב איך אים גע־זאָגט, און די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פּאַר אַ הייליגן אידעאַל פּאַרנעמען דעם פּלאַץ פון „עקספּיריענס".

גענאָסע פרידמאַן, דער אומקאָמפּראָמיסלערער בונדיסט, דער ערנסטער בחור וועלכן מ'האָט קיין מאָל ניט געזען שמייכלענדיג, וועלכער האָט קיין מאָל ניט מיטגעלאַכט אפילו פון אַ טרעפלעכן וויץ פון אַ פּלאַטפאָרמע רעדנער, האָט דעם מאָל שמייכלענדיג צוגעגעבן אַז איך בין גערעכט.

דער אידישער געזעלשאַפטלעכער לעבן אין פאַל ריווער פופציק יאָר צוריק

די גרעסטע מערהייט פון קנאַפּע דריי הונדערט אידישע פאַמיליעס אין שטאָט, באַשטייענד כמעט אויסשליסלעך פון באַלעמעלאָכעס, העברייאישע לערער, פּעדלערס, קליינע קרעמער, און אַנדערע פאָלקס־מענטשן, האָט געוואוינט אין דער אידישער „געטאָ", ווי מ'האָט דאַן גערופן דעם אידישן קוואַרטאַל. די דאָזיגע „געטאָ" האָט פאַרנומען דריי לאַנגע פּאַראַלעל גאַסן, באַרג־אַראָפּ פון צענטראַלן געגנט פון דער מעין סטריט, מיט אַ צאָל דורכשניידנדיגע שמאָלע געסלאַך. סאַי די לאַנגע גאַסן און סאַי די קלענערע גאַסן זיינען געווען שיטער־לאַך פאַרבויט פון צוויי און דריי־שטאָקיגע הילצערנע הייזער. אַ סך פון די דאָזיגע הילצערנע טענעמענט הייזער האָבן זיך דאַן שטאַרק גענויטיגט אין דער האַנט און אין דער באַרשט פון אַ פּעינטער (מאַליאַר). . . . אין די דערמאָנטע דריי לאַנגע גאַסן — ספּרינג סטריט, פּערי סטריט און קאָלאָמביאַ סטריט — און אויף איין זייטיגער גאַס — וואַשינגטאָן סטריט — האָבן זיך געפונען צוויי שולן, איין שולכ'ל, די אידישע בעקערייען, די בוטשער סטאָרס (יאַטקעס), די „מילכיגע" סטאָרס, די דעליקאַטעסן סטאָרס, און אַנדערע קרעמלאַך.

דער געזעלשאַפטלעכער לעבן פון די אימיגראַנטישע אידן האָט זיך קאָנ־צענטרירט הויפּטזעכלעך אין איין בלאָק פון וואַשינגטאָן סטריט, צווישן ספּרינג און פּערי סטריט, לעבן בעדריק'ס סטאָר, וועלכע, אויסער דעליקאַטעסן, האָט אויך פאַרקויפט אידישע צייטונגען. אָט לעבן דער דאָזיגער בעדריק'ס סטאָר, האָבן אַלע פאַרנאַכט און זונטאָג פאַר מיטאָג זיך צוזאַמענגעקליבן קרייזלאַך מענטשן וועלכע האָבן גערעדט און דעבאַטירט, אַמאָל געלאַכט און אַמאָל פאַר־קערט, איבער אַלץ אין דער וועלט. פּרוכט־פּעדלערס האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די האָלסעילערס (הורטאָוונע געשעפטסלייט) באַרייסן זיי אין די פּרייזן פאַר פּרוכט און גרינצייג; רעגס־פּעדלער האָבן זיך אויך באַקלאָגט אויף די „גרויסע" דזשאַנק דילערס, וואָס ווילן אַז זיי, די פּעדלערס, זאָלן זיי אָוועקגעבן די סחורה אומזיסט; די שוסטערס און די שניידערס, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר זיך, האָבן זיך באַקלאָגט אויף די לעדער פאַרקויפער און די „טרימינג דילערס" (הענדלער פון שניידערשע צודאַטן), אַז זיי באַרייסן זיי; און די זעלביגע

„אינדעפּענדענט״ (אומאָפּהענגיגע) שוסטערס און שניידערס האָבן זיך אויך באַקלאָגט, אַז זייערע סטאָרקעס ווערן אָפּט פאַרוואַנדלט אין „קלובן״ פאַר יונגע באָמס, פאַר ליידיג־גייער און גלאַט מענטשן מיט צעבראָכענע נשמות, וועלכע האָבן ניט וואו אהין צו טאָן זיך און ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. . . . די דאָזיגע אומגעוווינטשטע און אומגעבעטענע „געסט״ קומען אריין אין די סטאָרס, זעצן זיך אוועק שמועסן און אָפּטמאָל נעמען זיי זיך קריגן און לאָזן זיי, די באַלעמעלאָכעס, ניט נעמען אַ „נאָדל אָדער אַ האַמער אין האַנט.״ „ס׳העלפּט ניט דאָס ארויסטרייבן זיי״, האָט איינער יאוש׳דיג געזאָגט, „זיי קומען צוריק.״ (אין יענע יאָרן זיינען די דערמאָנטע באָמס און די סתם ליידיג־גייער געווען אַ שווערע פּראָבלעם פאַר די שוסטערס און שניידערס וועלכע האָבן געהאַט זייערע סטאָרקעס אין די זייטיגע גאַסן. (דער שרייבער ווייסט פון איין פאַל פון אַ אידישן שוסטער, וועלכער האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן פון די אַנ־שיקענישן און האָט פאַרקויפט זיין סטאָר צו אַ קריסט, וועלכער האָט געוואוסט ווי זיך צו „ספּראַווען״ מיט די „געסט״. מיט׳ן האַמער אין האַנט האָט ער זיי פּשוט ארויסגעטריבן ווי מ׳טרייבט ארויס ראַצן. די ארויסגעטריבענע האָבן שוין מער ניט געוואַגט צוריקצוקומען. היינטיגע יאָרן האָבן זיי שוין ניט, די שו־רעפּעירערס און די שניידער־קלינערס, די זעלבע פּראָבלעם ווי זייערע קאָלעגן האָבן געהאַט אַמאָליגע יאָרן. זיי האָבן געפונען אָדער, בעסער געזאָגט, דער־פונדן אַ מיטל געגן דעם מעגלעכן „גאַסט״: אויף אַלע שטולן און די בענק הארט ביים וואַנט ליגן זיי אוועק „ארבעט״, און אַט די פאַרלייגטע שטולן און בענקלאך זיינען אַ גוטע שטומע אָנצוהערעניש, אַז ער, דער אומגעבעטענער „באַזוכער״, זאָל וואָס שנעלער גיין צוריק „פון וואַנען ער איז געקומען״, ווארום ניט האָבנדיג וואו זיך אוועקצוזעצן, קען ער דאָרט לאַנג ניט פאַרבלייבן. ל. ה.)

אינטערעסאַנטע דעבאַטעס

אויף דער זעלביגער „אָפּן עיר״ (דרויסנדיגע) בירזשע האָט מען גאַנץ אָפּט גערעדט פון טרעיד־יוניאָן פּראָבלעמען, אין פאַרבינדונג מיט די סטרייקס און אָרגאַניזיר קאַמפּאַניעס פון די לַיידיס ווייסט מייקערס אין ניו־יאָרק. די ראַדיקאַלן — סאָציאַליסטן און אַנארכיסטן — האָבן פאַרדאַמט די פאַלשע טהעאָריע אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך, און האָבן גערופן די פּראָגרעסיווע ארבעטער צו קעמפן געגן דער שול אַזוי גוט ווי געגן קאַפּיטאַל און רעאַקציע בכלל, אָנווייזנדיג אויף דעם פאַקט וואָס די דעמאָלטיגע צוויי אַזוי־גערופענע כל־ישראל צייטונגען, דער „אידישער טאַגעבלאַט״ און דער „מאָרגן זשורנאַל״, האָבן אָפן און אומברחמנות׳דיג אַטאַקירט די אויסגעהונגערטע לַיידיס ווייסט

מיקערס סטרייקערס. טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון זיינען די כוליגאַנישע און פּראָוואָצירנדיגע „קעפּ״ אויף די ערשטע זייטן פון זייערע בלעטער, ווי „מען שנאָרט שוין ווידער!״ און „זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן נאָך אַ שנאָר!״ מיט׳ן צוועק, נאַטירלעך, צו שאַדן די געלט־זאַמלונגען צווישן די אַרבעטער פון אַנדערע טרעידס און סימפּאַטיקער. די דערמאָנטע צוויי „פרומע״ צייטונגען, ווי באַקאַנט, זיינען שוין לאַנג אויף דער „אמת׳ער וועלט״. מיר האָבן אַריינגעשטעלט דעם וואָרט „פרומע״ אין געזעצן פּיסלאַך, ווייל עס איז שטענדיג געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז סאַי די שרייבערס און סאַי די דרוקערס פלעגן אַריינקומען אין רעדאַקציע שבת און אפילו יום־כפור אַ שטיק פאַר מנחה צו צוגרייטן די צייטונג פאַר מאָרגנדיגן טאָג, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אַרויסשיקן אין אָוונט מיט דער אייזנבאַן־פּאָוסט אין די שטעט אויסער ניו־יאָרק. — ל. ה.)

אין די קרייזלעך האָט מען גערעדט מיט באַדויער וועגן דעם פריצייטיגן טויט פון דעם העלדישן באַרימטן אידיש־רוסישן רעוואָלוציאָנער, גריגאָרי גערשוני, וועלכער איז אַנטלאָפן געוואָרן פון אַ סיבירער טורמע אין אַ פעסל קרויט — אַ העלדן־טאַט וואָס האָט דאַן — אין 1907 — פאַראורזאַכט אַ גרויסן רושם איבער דער גאָרער וועלט. מ׳האָט אויך געשמועסט וועגן דעם ניי־אָנגעקומענעם גאַסט אין אַמעריקע — דער באַרימטער רוסישער רעוואָלוציאָנער ניקאָלאַי בורצעוו — וועלכער האָט אויפגעדעקט די פּרצופים פון די צוויי טרויעריג־באַרימטע שפּיאָנען־פּראָוואָקאַטאָרן, אַזעוו און קאַפּלאַנסקי. ער איז אַהער געקומען, האָט מען געשמועסט, אויפצודעקן די רוסישע שפּיאָנען, וועלכע די „אָכראַנקע״ האָט אַריינגעשיקט קיין אַמעריקע צו טאָן אַלץ אין דער וועלט צו שטערן אַנטי־צאַריסטישע פּראָטעסט־מיטינגען און צו דיסקרעדיטירן די רוסישע און אידישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געשטיצט פינאַנציעל און מאָראַליש די רעוואָלוציאָנערן וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין „סילקע״ (פאַרשיקונג) אין סיביר און אין אַנדערע ווייטערע געגענטן פון דער דעמאָלטיגער גרויסער רוסישער אימפּעריע.

די דערמאָנטע צאַרישע שפּיאָנען־פּראָוואָקאַטאָרן האָבן זיך דאַן געפונען אין אַ גאַנץ גרויסע צאָל, באַזונדערס האָבן זיי זיך באַוויזן אויף אַלע גרויסע מאַס־מיטינגען לכבוד די ניי־אָנגעקומענע באַרימטע פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905. אייניגע פון זיי, די „אָכראַניקעס״, זיינען געקומען צו די פאַרזאַמלונגען פאַרשטעלט אַלס „מיסיאָנערן״ צו „שמדן״ אידישע רעוואָלוציאָנערע יונגע לייט. (טאַקע געטראָפן דעם אָרט וועמען צו באַקערן צום קריסטנטום!); און אַנדערע פון די „זובאַטאָוועס״, ווי מ׳האָט באַצייכנט די פאַרעטער, זיינען געקומען פּראָסט און פּשוט צו פּראָוואָצירן געשלעגן און דערמיט שטערן די פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע די אָנוועזנדע האָבן זיך געפילט גאָר

יום־טוב׳דיג. מיר אַליין איז אויסגעקומען צו זען אַזאַ פּאַרזוך פון אַ צאַריסטישן שפּיאָן צו פּראָוואָצירן אַ געשלעג אויף מאַקסים גאָרקי׳ס אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין דעם אַקאַדעמי אָוו מוזיק זאַל אין ברוקלין אין אַ געוויסן אָוונט אין מאַי אָדער יוני, 1906.

דער גרויסער אַקאַדעמי אָוו מוזיק, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, איז געווען געפּאַקט, מ׳איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. די שטולן זיינען גע־שטאַנען אַזוי ענג איינע לעבן די אַנדערע, אַז די זיצערס האָבן ניט געקענט אפילו אַ דריי טאָן מיט דער האַנט . . . אַלע האָבן געהאַלטן די האַרטע שוואַרצע און ברוינע העטס אין האַנט. אַן אימיגראַנטישער יונגער מאַן פון אינטעלי־גענטן אויסזען, וועלכער האָט גערעדט אַ גוטן רוסיש און אידיש, איז געזעסן לעבן מיר. צופעליג האָט ער באַדאַרפט באַפרייען די לינקע האַנט כדי אַרויס־צונעמען עפּעס פון זיין בוזים־קעשענע. ניט האָבנדיג וואו אַוועקצולייגן די העט, האָט ער זי אויף אַ רגע אָנגעטאָן. אַזוי שנעל ווי ער האָט געהאַט די העט אויפ׳ן קאָפּ, האָט אַ העסליך אויסזעענדיגער פּאַרשוין, וועלכער איז גע־זעסן ריכטיג הינטער אים, דערלאַנגט אים אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און צעבראָכן די העט!

דער געמיינער אַקט פון דעם נפש האָט דערצאָרנט די אַנדערע מענער און פרויען וועלכע זיינען געזעסן לעבן אים, אָבער מיין נאָענטער שכן, וועלכער האָט קענטיג, נאָך פון דער אַלטער היים געוואוסט און געהערט פון פּראָוואָ־קאַטאָרן און פון זייערע טייוואָלאַנישע מעשים, האָט באַלד פאַרשטאַנען ווער זיין שלעגער איז און דעם צוועק פון זיין קומען צו דער פאַרזאַמלונג, און מיט אַ וואונק האָט ער געבעטן די אַנדערע צושויער פון דעם „אינצידענט״, וועלכער איז, אגב, פאַרגעקומען נאָך איידער דער מיטינג איז אָפיציעל דערעפנט געוואָרן, ניט צו מאַכן קיין גערודער; און די גרויסע ענטוזיאַסטישע אויפנאַם פאַר׳ן גרויסן גאַסט, מאַקסים גאָרקי, איז אַריבער איינגאַנצן אומגעשטערט.

אין ניו־הייווען, האָט מען מיר דערציילט, האָבן די זעלבע באַפּטע באַנדיטן־שפּיאָנען געזוכט צו שטערן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פאַר גריגאָרי גערשוני. אָבער דער גרויסער העלדישער רוסישער רעוואָלוציאָנער האָט זיי געלאַסן גע־ענטפערט: „מי וואַם זנאַיעם, מי וואַם זנאַיעם״ (מיר קענען אייך, מיר קענען אייך); מיר ווייסן וואָס פאַר אַ לומפּיגע נשמות איר זייט.״

ווי גרויס די צאָל פון די צאַרסקע אַגענטן פון דער „אָכראַנקע״ (די אמע־ריקאַנער „עף־בי־אַי״) וואָס בורצעוו האָט אויפגעדעקט, ווייסן מיר לײדער ניט. מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז מיט בורצעוו׳ס אָנקומען זיינען זיך די אַגענטן צעפלויגן ווי פּאַרסמטע מייז, און מ׳האָט פון זיי מער ניט געהערט.

(עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז דער גרויסער בורצעוו, וועלכער האָט

ל. הינדעס

מיט זיינע אויפדעקונגען פון די צארסקע שפּיאָנען אין רוסלאַנד און אין אויס־לאַנד, אַזוי פיל אויפגעטאָן און בייגעטראָגן צו דעם קאַמף געגן דעם צאַר און די פּריצים און פאַר אַ פרייע רוסלאַנד, איז צוגלייך מיט אַ צאָל מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן אָפּן ארויסגעטראָטן געגן דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פון 7טן נאָוועמבער, 1917 — אַ מורא׳דיגער פּאַראַדאָקס, אָבער אַזוי איז עס געשעען.)

„קען איך די קאָנסטיטוציע עסן?"

צו די דעבאַטירנדיגע קרייזלאַך אונטערן פרייען הימל פלעגן אָפט צו־קומען „ארויפגעאַרבעטע" דזשאָנק און פּרוכט פּעדלערס. (אַן ארויפגעאַרבעטער פּעדלער איז באַטראַכט געוואָרן איינער וואָס האָט שוין פּאַרמאָגט אַן אייגענע הויז מיט אַ שטאַל („באַרן") פאַר׳ן פערד און וואָגן, וואו זיי האָבן געקענט אָוועקלייגן ניט־פאַרקויפטע סחורה. זיי האָבן זיך באַטראַכט אַלס „אינדע־פּענדענט" (אומאָפּהענגיג), און אַ פּאָר פון זיי האָבן זיך אַזוי „ארויפגעאַרבעט" אַז זיי זיינען געוואָרן גאַנצע מאַכערס אין שול — אַלס פּרעזידענטן, וויס־פּרעזידענטן, אָדער גבאים וואָס טיילן אויס די עליות). די דאָזיגע פּעדלערשע אַלרייטניקעס איז גאָר ניט געפעלן געוואָרן וואָס די אימיגראַנטישע אידישע יוגנט רעדט אַזוי מיט באַגייסטערונג פון סאָציאַליזם. מיט אַ ציניש שמייכל אויף די גראָבע ליפּן האָבן זיי זיך צוגעהערט ווי מ׳רעדט פון דעבס׳ן, וועלכער האָט אין יאָר 1908 געצויגן נאָענט צו אַ מיליאָן שטימען; פון וויקטאָר בערגער פון מילוואָקי, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן צום קאָנגרעס; פון עמיל זיידל, וועלכער איז דערוויילט געוואָרן מעיאָר פון דער גרויסער שטאָט מילוואָקי; און פון אַנדערע סאָציאַליסטישע זיגן אין אַנדערע שטעט אין אַמעריקע און אין אייראָפּאַ. איינער פון די דאָזיגע „ארויפגעאַרבעטע" פּעדלערס, אַ הויכער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט רויטע האָר אויף זיין קיילעכדיגן קאָפּ, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שמייכלען ציניש און איז פּשוט אָנגעפאַלן אויף די דעבאַטאַנטן.

— גרינהאָרנס — האָט ער געשריען — גרינהאָרנס וואָס איר זייט! צו וואָס דאַרפט איר דאָ „סאָשעליזם"? מיר האָבן די קאָנסטיטוציע — די קאָנ־סטיטושאַן אָוו יונייטעד סטייטס — וואָס נאָך דאַרפט איר? — און האָט זיך גלייך פאַנאַנדערגעלאַכט פון זיין אייגענער „חכמה".

צווישן די דעבאַטאַנטן האָט זיך צופעליג געפונען אַ יונגער בחור, אין די הויכע צוואַנציגער, וועמעס פּנים און זיינע קליידער האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז שוין אַרבעטסלאָז פאַר אַ לאַנגער צייט. ער קומט פון ניו־יאָרק, און אויפ׳ן וועג קיין באָסטאָן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג אין פּאָל־

פאַל ריווער — אַמאָל און היינט

ריווער, און דער דאָזיגער ניו־יאָרקער דורכפאָרער האָט דעם אָלרייטניק ניש־קשה'דיג „דערלאַנגט".

— וואָס טויג מיר די קאָנסטיטוציע? — פרעג איך אים — אז איך האָב ניט קיין דזשאָב? צו דער קאָנסטיטוציע דאַרף מען דאָך אויך א דזשאָב. קען איך דען די קאָנסטיטוציע עסן? —

די פאַרזאַמלטע האָבן הארציג געלאַכט פונ'ם קלוגן און לאַגישן ענטפער וואָס דער אַרבעטסלאָזער יונגערמאַן האָט געגעבן דעם „חכמ'דיגן" אויפגע־קומענעם גביר. דער לעצטער האָט זיך א קרים געטאָן און א מאַך טוענדיג מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זאָגן: „מיט היינטיגע גרינע קען מען זיך גאָרניט אויס־טענה'ן", האָט ער, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

אורחים און פייקערס באַ דער „בירזשע"

צו די זונטאַגדיגע פאַרזאַמלונגען לעבן דער בעדריק'ס סטאָר, וואו, ווי שוין פריער באַמערקט, בעל מלאכות, פעדלער און אַנדערע פאָלקס־מענטשן זיינען געקומען אביסל זיך אָראָפּריידן פון הארצן, אָדער „ארומריידן די וועלט", אָדער דיסקוטירן איבער געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן, פלעגן גאַנץ אָפט צוקומען אורחים „וואָס די באָוט האָט געבראַכט", מיינענדיג וואַנדרער פון ניו־יאָרק. מייסטע פון די דאָזיגע געסט זיינען געווען „געבראָכענע מעמ־בערס", וועלכע זיינען געפאָרן זוכן זייער „גליק", חיונה, אין אַנדערע שטעט, און געבעטן באַ די פאַרזאַמלטע א פּאָר סענט צו העלפן זיי „פאָרן ווייטער".

דער פּראָפעסיאָנעלער הוסטער

צווישן די דאָזיגע אורחים אָבער האָבן זיך אויך געפונען שווינדלערס און פייקערס, וועלכע זיינען געקומען מיט פּרעטענזיעס, ווי שלום עליכם האָט באַצייכנט אַזעלכע אידן. איינער פון די דאָזיגע „פּרעטענזיעניקעס", א הויכער מאַן, אין די פערציגער, מיט א טונקעלן אומגעוואַשענעם פּנים, האָט זיך אוועק־געשטעלט אויפ'ן „סיידוואָק" (טראַטואַר) ריכטיג אַנטקעגן דעם געזעמל און גענומען הוסטן — אַזוי הוסטן אומאויפהערליך, אַז ער האָט אויפגערודערט ניט נאָר די וואָס זיינען געשטאַנען אַנטקעגן, נאָר אויך די איינוואוינער אין די טענעמענט הייזער פון גאַנצן בלאָק.

— א קאָנסאַמפּשאַניק, א קאָנסאַמפּשאַניק — האָט מען זיך געשושקעט — א רחמנות נעבאך! (א „קאָנסאַמפּשאַניק" האָט דער עמכא גערופן איינעם וואָס איז געווען א קרבן פון דער אַזוי גערופענער ווייסער מגפה — קאָנסאַמפּ־

שאַן, שווינדזוכט, טשאַכאַטקע; אָדער, ווי דער אידישער באַרימטער פּאָעט, יהואש, האָט עס באַצייכנט: „די קאַטוטע"). דער קאָנסאַמפּטיווער אורח, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, האָט געהאַלטן אין איין הוסטן, און די פאַרזאַמלטע אידן, רחמנים בני רחמנים, האָבן געוואָרפן זייערע ניקלס און דאַימס. (נאָענט איז קיינער צו אים ניט צוגעגאַנגען, ווייל אין יענע יאָרן איז מען געווען אונטער'ן פאַלשן איינדרוק, אַז ריידן מיט אַ קאָנסאַמפּטיוו, אָדער שטיין נאָענט לעבן אים, איז מען אין געפאַר אַליין אָנגעשטעקט צו ווערן פון דער שרעקליכער קראַנקהייט — ל. ה.). אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט צוזאַמענגעקליבן די צור־געוואָרפענע מטבעות האָט ער זיך געלאָזן גיין אַ דריי אָדער פיר בלאָק צו דער מעין סטריט. אויפ'ן וועג האָט ער שוין מער ניט געהוסט . . . און מענטשן וועלכע האָבן דעם „קאָנסאַמפּטיוו" דעם צווייטן טאָג באַגעגנט שפּאַצירנדיג אין צענטער פון שטאָט, האָבן אים ניט געהערט הוסטנדיג. . . .

ס'איז שפּעטער פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דער „שווינדזיכטיגער" גאַסט איז געווען אַ פּשוט'ער פעיקער. מיט זיין הוסטן האָט ער געשפּילט די זעלביגע ראָל פון דעם פּראָפעסיאָנעלן חלושער, וועלכער פלעגט „חלוש'ן פון הונגער" לעבן אַ רעסטאָראַנט אָדער דעליקאַטעסן סטאָר, ווי משה נאַדיר שילדערט אין איינע פון זיינע באַרימטע דערציילונגען, און דערביי „מאַכן" אַ פּאָר סענט און קריגן אַן אומזיסטיגן מאָלצייט אַ צוליג.

אין יענע יאָרן — אין דעם ערשטן צענדליג פון היינטיגן יאָר הונדערט — האָבן אידן שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט די קרבנות פון דער ווייסער מגפה, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ באַדייטנדיגע צאָל אַרבעטער אין די קליידער פאַבריקן, נאָך איידער די יוניאָנס פון די נאָדל פאַכן האָבן זיך באַוויזן צו באַפעסטיגן דאָרט; און זיי, די גאַרמענט אַרבעטער, האָבן געאַרבעט לאַנגע שטונדן אין פאַרשטיקטע סוועט־שעפּער פאַר אַ קלעגלעכן לוין און האָבן געוואוינט אין ענגע לופטלאָזע טענעמענט הייזער; און לעבנדיג אונטער אַזעלכע באַדינגונגען זיינען זיי, ווי שוין פריער באַמערקט, געוואָרן „קאַטוטניקעס". אַ בלאַסער אויסגעדאַרטער פּנים אין די אידישע געטאָס פון די גרויסע שטעט איז ניט געווען קיין זעלטנהייט. . . . אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען האָט מען אויסגעמידן צו ריידן צו אַזעלכע, אוים מורא. . . .

די פריע אידישע סאַנאַטאָריומס אין דענווער קאָלאָראַדאָ

פונדעסטוועגן האָבן אידישע אָרעמע קאָנסאַמפּטיווס ניט געדאַרפט אַרומ־גיין אָדער אַרומפאָרן בעטלען. אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, האָבן שוין דאַן פונק־ציאָנירט דריי אידישע שפּיטאָלן פאַר שווינדזיכטיגע — „דער נעשאָנאַל

דזשואיש האָספּיטאַל״, דער „דזשיי. סי. אַר. עס.״״ (דזשואיש קאָנסאַמפּטיוו רעליעף סאָסייעטי) און דער „עקס־פּיישענטס' טובערקולאַר האָום״. אַט די דריי אינסטיטוציעס פאַר אָרעמע שווינדזיכטיגע אידן זיינען געווען, און זיינען, אַבסאָליט פריי פאַר די וואָס קענען ניט צאָלן. די מאָטאָ פון די דאָזיגע „סאַנאַטאָריומס״, ווי מען רופט זיי, איז: „דער וואָס קען צאָלן גייט ניט אַריין, דער וואָס גייט אַריין צאָלט ניט.״ דער ערשטער שפּיטאָל, דער „נעשאָנאַל״, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1890 פון די דייטשישע יהודים; דער צווייטער, דער „דזשיי סי אר עס״ — אין 1904, פון דעם בארימטן דאָקטאָר חיים ספּיוואַק, פון פילאַדעלפיע, וועלכער איז אויך געווען אַ וויכטיגער געזעלשאַפטלעכער טוער, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון דעם דעמאָלטיגן באַקאַנטן מגיד, רעוו. צבי מאַסליאַנסקי; יעקב מאַרינאָוו, אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דעם הומאָריסטישן וואָכנבליכן זשורנאַל „דער קונדוס״; פון דעם באַרימטן פּאָעט יהואש, און פון אַנדערע. און דער דריטער, „דער עקס־פּיישענטס״, איז געגרינדעט געוואָרן פון דר. אברהם משה בלומבערג, וועלכער, איידער ער איז געוואָרן דאָקטאָר, האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ תלמוד־תורה פּרינציפּאַל אין באַלטימאָר.

(ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז רבנים אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט האָבן זיך געוויצלט איבער מאַסליאַנסקי'ס אומדערמידלעכע טעטיקייט און איבערגעבנהייט צו בויען און אויפהאַלטן דעם דזשואיש קאָמסאָמפּטיוו רעליעף סאָסייעטי האָספּיטאָל. זיי האָבן געטענה'ט אַז פון זיינע, מאַסליאַנסקי'ס דרשות יעדן פרייטאַג צו נאַכט אין עדיוקיישאַנאַל אַליענס האָבן אַ סך פון זיינע צוהערער, היימישע שניידערס, געקראָגן קאָנסאַמפּשאַן. . . . דאָס איז טאַקע ניט מער אַ וויץ, צוגעטראַכט פון רבנים (ווייל רעוו. מאַסליאַנסקי איז געווען אַ שטאַרקער קאָנקורענט) ענלעך צו דעם וויץ וואָס איז פאַר אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען אין ניו־יאָרק וועגן דר. חיים זשיטלאָווסקי; מ'האָט געשמועסט, אַז פון זיינע לעקציעס איבער „אידייען פאַרבינדונגען״ זיינען אַ סך מענטשן אַרויס מיט אַזאַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג אַז זיי האָבן דעם צווייטן טאָג ניט געקענט גיין אַרבעטן און געמוזט ליגן צו בעט . . .).

דער ״צעשניטענער״

אַ צווייטער פּיקער וועלכער האָט „פאַרבלאָנדזשעט״ אין פּאָל ריוועָר אידישן קוואַרטאַל אין אַ זומערדיגן זונטאָג פאַרנאַכט, לעבן די דיסקוסיע קרייזלאַך אַנטקעגן בעדריק'ס סטאָר, איז געווען אַ הויכער געזונטער בחור אין די דרייסיגער, מיט בלאָנדע האָר און מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן. ער איז

ל. חינדעס

צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פּאַרזאַמלטע, אַ סימפּאַטישער יונגער מאַן, אים אוועקגערופן אָן אַ זייט, און אים פּאַרטרויט אַ סוד, אַז ער איז קראַנק; ניט לאַנג נאָך אַן אָפּעראַציע אויף „פּענדיסייטעס" (אַ פּאָפּולערע קראַנקהייט אין יענע יאָרן) און איז „טויט־געבראָכן", און אַז ער מוז פּאַר אים שאַפן אַביסל געלט. און ווען דער יונגערמאַן האָט געצווייפלט אין זיין קראַנקשאַפט, האָט ער, דער „אורח", כמעט מיט געוואַלט, אים אַריינגעשלעפּט אין אַ טונקל־באַלויכטענעם קאָרידאָר און אים געוויזן אויפ׳ן לייב די בלויע צייכנס פון די שניטן פון דער אָפּעראַציע און אים געצוואונגען אַרויסצוגיין צו די פּאַרזאַמלטע „מאַכן אַ קאָלעקשאַן", און נאָכדעם ווי דער „צעשניטענער" גאַסט האָט אַריינגעלייגט אין קעשענע דעם צענדליג ניקלס און דאַימס האָט ער גענומען שפּרייזן אין דער ריכטונג פון דער מעין סטריט, און געשפּרייזט האָט ער גאָר ניט ווי איינער נאָך אַן אָפּעראַציע. . . . די וואָס האָבן געזען דעם „הוסטער" זיינען געקומען צום שלום, אַז ווייזן סמנים פון אַן אַמאָליגער אָפּעראַציע איז אויך אַ „סחורה" מיט וועלכע מ׳קען שפּילן אויף די רחמנות געפילן פון די אידישע פּאָלקס־מאַסן.

דער „יורש"

דער דריטער שווינדלער וואָס האָט זיך באַוויזן אין שטאָט איז געווען גאָר ניט ענלעך צו דעם אָרעם געקליידעטן „הוסטער", אָדער צו דעם הויכן גע־זונטן „צעשניטענעם" בחור. ער איז געווען ניט פון די וואָס די „באָוט לאָזט אַראָפּ". ער איז געווען אַ צייטווייליגער תושב און געהאַט דאָרט משפּחה, און מיט אים האָב איך געהאַט אַ מאָדנע פּערזענלעכע דערפאַרונג.

פון מיטלוואוקס, אין די הויכע צוואַנציגער, נעט געקליידעט, מיט אַ פּאָר גרויסע לעבעדיגע שוואַרצע אויגן און אין גאָלדענע ברילן און לאַנגע געקרייזלטע האָר, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געלערנטן יונגן מאַן. ווען איך האָב זיך מיט אים דעם ערשטן מאָל באַקאַנט, האָט ער זיך באַרימט אַז ער איז געווען אַ בונדיסטישער פירער אין ווילנע. אָבער ער איז קיינמאָל ניט צוגעקומען צו דער „בירזשע", לעבן בעדריק׳ס סטאָר. ווען איך האָב אים איין מאָל געפרעגט פּאַר וואָס מ׳זעט אים ניט באַ די „אָפן פאָרומס", וואו ער וואָלט געקענט אַנטייל נעמען אין די פּאָליטישע דיסקוסיעס, האָט ער געענט־פערט אַז אים „פּאַסט ניט צו חבר׳ן זיך מיט די גרינע, וואָס ווייסן גאָרניט."

אַ בונדיסטישער פירער, האָב איך געטראַכט, וואָס שעמט זיך מיט אַר־בעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן — עפּעס מוז זיין דער מער מיט אים! כ׳האָב צו אים מער ניט גערעדט און זייער זעלטן אים באַגעגנט. נאָר איין מאָל, אין אַ זומערדיגן זונטאָג מיטאָג־שטונדע, טרעף איך אים אין גריכישן רעסטאָראַן

אויף דער מעין סטריט. ער איז צוגעקומען צו מיר און אַריינגערוימט אין אויער, אַז ער וויל מיט מיר „ריידן ביזנעס".

— מיט מיר ריידן ביזנעס? — פרעג איך אים דערשטוינט — איך בין דאָך ניט קיין ביזנעסמאַן. איך קויף דאָך גאָר ניט, און פאַרקויף דאָך גאָר ניט. —

אַזוי ווי לעבן מיר פון ביידע זייטן „קאַונטער" זיינען געזעסן אַנדערע עסערס, האָט ער מיך געבעטן, אַז נאָכדעם ווי איך וועל האָבן אָפּגעגעסן, זאָל איך אַרויסקומען אין דרויסן לעבן דעם רעסטאָראַן און דאָרט וועט ער מיר דערקלערן וואָס דאָס איז פאַר אַ „ביזנעס" וואָס ער וויל מיט מיר ריידן.

אַ מומע'ס ירושה, אַ רייכער פעטער — און די פינף־און־צוואַנציגער

און אַזוי שטייענדיק אויפ'ן טראָטואַר, לעבן דעם ברייטן שוי־פענצטער פונ'ם רעסטאָראַן, האָט ער מיר גענומען דערציילן די ביזנעס וואָס ער האָט געוואָלט ריידן מיט מיר ביים עסן. אָבער איידער ער איז צוגעקומען „צום פּונקט", האָט ער מיר געגעבן אַ לעקציע אין ענגליש; נעמלעך, אַז דער אויס־דרוק „טאָקן ביזנעס" („ריידן ביזנעס", אין אידיש) מיינט ניט אַלע מאָל קויפן און פאַרקויפן, און אַז דער דאָזיגער אויסדרוק האָט נאָך אַ באַדייטונג.

— צום ביישפּיל? —

— מאַכן אַ פּראָפּאָזישאַן — איז געווען זיין ענטפער.

— אַ „פּראָפּאָזישאַן"?! " — וואונדער איך זיך — וואָס איז דאָס אַזוינס? —

דער „ספּאָרט" (ער איז געווען אָנגעטאָן טאַקע ווי אַ פראַנט) האָט אויף דעם מאָמענט ניט געוואוסט דעם אידישן טייטש פון דעם וואָרט „פּראָפּאָזישאַן". איך האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז דאָס מיינט אַן אָנבאָט.

— יעס, יעס — האָט ער זיך געפרייט — דאַט'ס רייט, דאַט'ס רייט — (דאָס איז ריכטיג, דאָס איז ריכטיג).

ווען איך האָב אים געפרעגט צי דער „אָנבאָט" האָט ניט קיין שייכות צו געשעפטס אַנגעלעגנהייטן — קויפן און פאַרקויפן — האָט ער פאַרדרייט דעם נאָז און געזאָגט: „ניין!"

— טאָ וואָס איז עס? — בין איך שוין נייגעריג געווען צו וויסן.

און דאָ איז דער ווילנער „יחסן" אַרויסגעקומען מיט זיין „פּראָפּאָזישאַן".

— כ'האָב דאָ אַ רייכן אָנקל — האָט ער אָנגעפאַנגען — און —

ל. הינדעס

איך האָב אונטערבראָכן מיט דער באַמערקונג, אַז מיר אינטערעסירט ניט זיין רייכער פעטער און אַז איך וויל גאָרניט הערן פון אים.

— וואַרט אַ ווײַלע — בעט ער זיך.

איך האָב באַווילִיגט זיין פאַרלאַנג.

— איך און מיין אָנקל — האָט ער ווידער אָנגעהויבן — דערוואַרטן אַ ירושה פון אַ מומען אין ניו־יאָרק. —

ווידער שלאָג איך אים איבער מיט דער זעלבער באַמערקונג, אַז ניט זיין רייכער פעטער און ניט זיין מומע'ס ירושה ליגן מיר אין דער לינקער פּואה, און איך פרעג אים שטרענג: „צו וואָס זאָל איך דאָס אַלץ וויסן און וואָס וועט מיר אַרויסקומען דערפון?"

— וואַרט זשע אַ ווײַלע — בעט ער זיך ווידער — וואָס האָט איר קיין צייט ניט! —

האָב איך ווידער געוואַרט.

און וואַרטנדיג האָט מיר דער „יורש" אַרויסגעגעבן דעם גאַנצן „סוד" פון זיין פּראָפּאָזישאַן, נעמלעך, אַז זיין חלק ירושה וועט ער קריגן אין דריי אָדער פיר חדשים אַרום, אָבער דערווײַלע נויטיגט ער זיך אין געלט, און אויב איך וועל אים לייען אַ 25־גער וועט ער מיר אָפּצאָלן טאָפּלט (כפל כפלים).

איך האָב זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן פון לאַכן, און בשעת מעשה געקלערט: ווער איז געווען דער לץ וואָס האָט אים איינגעשמועסט אַז איך, וואָס איז שולדיג זיין אָרעמער מיסעס רענט; וועמעס שיך נויטיגן זיך שוין פון לאַנג אין דער האַנט פון אַ גוטן שוסטער; באַ וועמען די שוי־פענצטער פון די דעליקאַטעסן סטאָרס, מיט די ווייסע בולקעלעך, ווייסע קעזלעך און די פּאַר־שיידענע וואורסטן זיינען באַ אים די שענסטע „וויסטאַוועס" — אַז אַזאַ איינער האָט געלט צו פאַרלייען?! איך בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז עמיצער האָט אים דאָ אָפּגעטאָן אַ נישקשה'דיגן שפּיצל. . . .

דער פּייקער־יורש האָט גאָר ניט „רעאַגירט" אויף מיין לאַכן. ער האָט זיך קענטיג, ניט וויסנדיג געמאַכט, און זעענדיג אַז איך קום ניט אַרויס מיט דעם פינף־און־צוואַנציגער, האָט ער גענומען אַראָפּלאָזן פון דער אָריגינעלער סומע צו פופצן, צו צען, צו פינף, ביז ער איז געקומען צו $2.50. דאָ, האָט ער גערייינקט, האָט ער מיך שוין — אַזאַ קליינע הלוואה!

דער אויסגעפּוצטער „בונדיסט" האָט, ווייזט אויס, נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון יענעם כיטרען בעטלער, וועלכער האָט געהאַלטן פון דעם פּרינציפּ, אַז ווען דו בעטסט אַ סך קריגסטו אַביסל; און ווען דו בעטסט אַביסל, קריגסטו גאָר ניט. (אין ענגליש: „ווען יו עסק מאַטש, יו געט עי ליטל; ענד ווען יו עסק עי ליטל, יו געט נאַטינג"). אָבער אין מיין פאַל האָט דער „גאַסן־בעטלער"

(אָדער „פּען־הענדלער") „פּרינציפּ" ניט אויסגעהאַלטן . . . ער האָט, פאַרשטייט זיך, די געבעטענע „דריטהאַלבן" ניט געקראָגן.

אנשטאט צו זאָגן אים אַז ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער „ניט־ריכטיגער טיר", און כדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון דעם אָנשיקעניש, האָב איך אים אָפּגעשיקט צום פּרעזידענט פון דער רוסישער שול, „אפשר", האָב איך אים געטרייסט, „וועט ער עפּעס טאָן פאַר דיר."

ווי נאָר ער האָט דערהערט די ווערטער „פּרעזידענט פון דער רוסישער שול", איז ער געוואָרן אַן אָנגעצונדענער און אָנגעפאַלן אויף מיר מיט זידלעריי.

— גרינהאָרן — האָט ער געשריען — פאַרדאַמטער גרינהאָרן, איר וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסגרינען, איר וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אַמעריקאַניזירן, איר וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסלערנען אונזער שפּראַך. — (איך בין שוין דאַן געווען אַ פּריוואַט לערער אין ענגליש — ל. ה.)

די סיבה וואָס האָט דער „קרוק" (שווינדלער) איז אַרויפגעפאַלן אויף מיר איז געווען (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט) וואָס איך האָב אים, ניט ווויסנדיג, אָפּגעשיקט טאַקע צום „ריכטיגן מאַן" — דער פּרעזידענט פון דער רוסישער שול איז געווען זיין רייכער פעטער, וועלכער האָט אים אַרויסגעטריבן דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעליען גמילות חסדים באַ באַקאַנטע אויף זיין רעכנונג. . . .

צוויי „פּייקערס" אין ניו־יאָרק ווילן מיר פאַרקויפן אַ „גאָלדענעם זייגערל" פאַר אַ מציאה ווען מיינע קעשענעס זיינען כמעט ליידיק

ס'איז שוין אַן אַלטער כלל אַזאַ: ווען מ'רעדט אָדער מ'דערציילט פון איין שווינדלער דערמאָנט מען זיך פון אַ צווייטן און פון אַ דריטן. און אַזוי פּאַסירט מיט מיר איצט. האָבנדיג נאָר וואָס זיך געטיילט מיט די לייענער פון מיין „דערפאַרונג" מיט דעם „יורש" פון פּאָל ריווער, קומט מיר אויף די געדאַנקען אַן ענלעכער „אינצידענט" מיט אַ פּאָר אַפּעריסטן אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן געזוכט אויסצונאַרן באַ מיר געלט דורך אָנבאָטן צו קויפן באַ זיי ממש בחצי חנם אַ גאָלדענע „וואַטשקע", בעת איך האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ וואו צו לייען אַ דאָלאַר צו קענען אויסקומען מיט דער הוצאה. זיי האָבן „נעבעך" געהאַט דעם זעלבן אָפּשניט ווי זייערע קאָלעגע אין פּאָל ריווער — אויך זיי האָבן, ניט ווויסנדיג, אָנגעקלאַפּט אין דער „ניט ריכטיגער טיר". . . .

ל. הינדעס

מיין באַגעגעניט מיט די צוויי זשוליקעס איז פאָרגעקומען אין אָנפאַנג פון אַ קילן האַרבסטיגן אָוונט פון 1905, ווען איך בין געגאַנגען אַ היים פון דער אַרבעט אין אַ פּאַקעט־בוק שאַפּ ערגעץ אויף גרין סטריט. איך האָב געהאַט באַ זיך מיין „פּעי” (שכירות) 1.50 דאָלאַר, פאַר צוויי טעג אַרבעט, און נאָך עטלעכע ניקלס און דאַימס — צוזאַמען אַרום 1.80 דאָלאַר. גייענדיג אַזוי דורך די טונקל־באַלויכטענע גאַסן, פאַרבויט פון ביידע זייטן מיט הויכע אַלטע פאַבריק־געביידעס און אָרעמע טענעמענט הייזער און דורך דער העל־באַלויכטענע דעמאָלטיגע „אַריסטאָקראַטישע” סעקאַנד עוועניו, האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן ווי אַזוי איך וועל קענען אויסקומען מיט מיין „קאַפּיטאַל” אַ גאַנצע וואָך ביז דעם נעקסטן „פּעי דעי”, אָדער „פּיידע”, ווי די אידישע אימיגראַנטן האָבן גערופן דעם צאָל־טאָג, און באַ וועמען צו לייען דעם עקסטרא דאָלער וואָס איך וועל מוזן אומבאַדינגט האָבן.

מיין וואָכנטליכער בודזשעט איז דאַן געווען:

„ברעקפעסט” (פרישטיק)—אַ בולקע מיט אַ טעפּל קאַווע	5 סענט
„לאַנטש” (אַ מיטאָג אָנבייס) — צוויי סענדוויטשעס מיט אַ גלאָז מילך - - - - - - - - -	13 סענט
„סאַפּער” (אָוונט מאָלצייט) — אין וואָלפּסאָנ'ס רעס־טאַראַן אויף איסט בראָדוויי — באַשטייענד פון פאָרשפּייז, פלייש, זופּ, טיי און קיכל - - - -	16 סענט
צוזאַמען - -	34 סענט
זיבן מאָל 34 מאַכט אוים אַ קי־מלן פון - - - - -	$2.38
צייטונגען, וועש, סיגאַרעטן און אַנדערע קלייניקייטן - -	.62
סך־הכל - -	$3.00

(„רענט” (דירה געלט), 3 דאָלאַר אַ חודש, האָב איך געהאַט אָפּגעצאָלט פריער אין פאָראויס).

אַלזאָ, האָט מיר נאָך אויסגעפעלט מער ווי אַ דאָלאַר, און, ווי שוין פריער באַמערקט, האָב איך געהאַלטן אין איין קלערן און טראַכטן ווי צו לייזן מיין פּראָבלעם — ווי צו שאַפן דעם נויטיגן דאָלאַר.

ווען איך בין שוין געווען אויף דעם צווייטן אָדער דריטן בלאָק פון דער „עוועניו”, קומט צו צו מיר פון דער זייט אַ הויכער געזונטער בחור אין די

דרייסיגער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע גרויסע אויגן, אָנגעטאָן ווי אַן אמת׳ער „ספּאָרט״ (פּראַנט) — אין אַ בלויען ווינטערדיגן אויבעררּאָק, אַ שוואַרצע האַרטע העט, אַ שניי־ווייסן קראַגן און אַ טייערן קראַוואַט — און פרעגט מיך צו איך קען ריידן פּויליש. (דער פּראַנט האָט דערקענט, אַז איך בין אַן אימי־גראַנט. איך בין דאַן געווען אַ זעקס מאָנאַטן אין לאַנד; האָב נאָך געטראָגן די „גרינע״ בגדים — אַ היימישן לייכטן און לאַנגן אויבערציער („טאָפּ קאָוט״) און שיך מיט גומי־לאַסטיגס בײַ די קנעכל. אַמעריקאַניזירטע אָדער „אויס־געגרינטע״ האָבן שוין דאַן געטראָגן „ריפּערס״ — אַ לייכטער אויבעררּאָק פון העלן קאָליר, ביז איבער די קני — און „נידריגע״ שיך ביז די קנעכל).

— יאָ — ענטפער איך אים — וואָס איז? —

— אָט דאָרט — ווייזט ער מיט׳ן פינגער פון הינטן — רעדט צו מיר אַ פּאָליאַק, ער פרעגט מיר עפּעס און איך פאַרשטיי ניט אַ וואָרט. —

ווי נאָר דער ספּאָרט האָט פאַרענדיגט זיין ענטפער איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן בײַ מיין לינקער זייט אַ קליין, דאַרער ניט־ראַזירטער, אָרעם־געקליידעטער מענטש, אין אַן אַלטן אָפּגעבליאַקעווען טונקל־ברוינעם ווינטערדיגן אויבעררּאָק, מיט אַן אַלטע פאַרשמאָלצענע ברוינע ווייכע העט, און זאָגט מיר אין אַ שיינעם פּויליש, אַז ער האָט געפרעגט דעם אַמעריקאַנעם דזשענטלמאַן („אַמעריקאַנסקי פּאַן„) ווי אַזוי מ׳גייט דאָ צום פּענסילווייניע סטיישאַן. ער דאַרף פאָרן קיין פּיטסבורג, און אַזוי האָב איך איבערגעגעבן אין אידיש דעם פאַרפּוצטן „ספּאָרט״.

— זאָגט אים, אַז ס׳קאָסט עלעף טאָלער. (אין זיין גאַליצישער אָדער פּוילישן אַקצענט איז אויסגעקומען בײַ אים, „טולער״).

— ניין, כ׳וועל אים ניט זאָגן.

— פאַר וואָס ניט?

— ווייל ער פרעגט מיך ניט.

— וואָס אַרט אייך, אַז איר וועט אים יאָ זאָגן?

— וואָס אַרט מיך, אַז ניט?

— ס׳אַן איינגעשפּאַרטער איד וואָס איר זייט! — בייזערט ער זיך שוין איז זיין באַסאָווע שטימע.

קורץ, דער „אַמעריקאַנער״ האָט מיר ווידער געבעטן און נאָך נאָך אַמאָל, און ענדלעך האָט ער בײַ מיר געפּועלט, און איך האָב געזאָגט דעם „פּאָליאַק״ (עס איז געווען אַ אידל — אַ פאַרעלטערטער פּיפּיגער פּוילישער אָדער גאַ־ליצישער אידל . . .), אַז אַ בילעט קיין פּיטסבורג קאָסט עלעף דאָלאַר.

— אַ — האָט ער אַרויסגעזיפצט — „יאַ ניעמאַם טילי פּינענדזי״ (איך האָב ניט אַזוי פיל געלט), און ווייזט מיר באַלד אַ גאָלדענעם זייגערל וואָס

ל. הינדעס

ער וויל פאַרקויפן פאַר דעם געלט — די 11 דאָלאַר.

כ'האָב נאָך ניט אויסגעפעיעט אַ קוק צו טאָן און דער חפץ איז שוין געווען אין די הענט פונם „אידן". ער האָט געעפנט די „קופערטע" און, ווי אַ מבין, אַ קוק געבן אין די „גדערים". נאָך אַמאָל געעפנט און ווידער פאַרמאַכט; און צום סוף ראַמט ער מיר אריין אַ סוד אין אויער: „יהודי, מ'קען דאָ מאַכן אַ פּאָר טולער. ס'איז אַ גרויסער „באַרגן" (מציאה), קויפט אים!"

איך האָב געשוויגן.

— נו? ! — מאַכט ער צו מיר — וואָס שווייגסטו?

כ'האָב ווידער ניט געענטפערט.

— טוט אַ קוק ! — שרייט ער (דאָ האָט דער אַמעריקאַנער בחור באַנוצט זיין אָריגינעלן פוילישן אָדער גאַליציאַנער אידישן אַקצענט און בײַ אים איז אויסגעקומען: „טיט אַ קיק!") איך האָב אָבער ניט געקוקט ניט אויפ'ן זייגערל, ניט אויף דעם „פאַרקויפער" און ניט אויף דעם „אָרעמען געבראָכענעם פּיטס־בורגער פּאָליאַק." כ'האָב געקוקט גלייך.

הכלל, דער דזשולערי מאַן (דער איד האָט אים פאַרגעשטעלט אַז ער איז אין די „דזשולערי" (צירונג) ביזנעס, האָט זיך געשוואָרן מיט אַלערליי שבועות, אַז איך כאַפּ דאָ אריין אַ „גרויסע מציאה" — אַ 25 דאָלאַרדיגן זייגערל בלויז פאַר 11 דאָלאַר. ער האָט זיך אַפילו געשוואָרן מיט דער הייליגער שבועה, ווי „זאָל איך אַזוי זיין אַ טאַטע צו מיינע קינדער". איך וואָלט אים ניט גע־גלויבט אַפילו ווען איך וואָלט געהאַט געלט און געוואָלט קויפן דעם זייגערל. (מיין זעליגער פאָטער האָט מיך געלערנט ניט צו גלויבן סוחרים וועלכע שווערן זיך מיט אַזאַ הייליגע שבועה ווי „זאָל איך אַזוי דערלעבן צו פירן מיין טאָכטער צו דער חופה", ווארום עס איז גאַנץ מעגליך, אַז דער וואָס שווערט זיך בײַ זיינע קינדער איז גאָר קיין טאַטע ניט, און די וואָס שווערט זיך מיט איר טאָכ־טער האָט גאָר קיין מאָל קיין טעכטער ניט געהאַט . . . זי האָט אפשר זין.) און אַזוי פּרובירנדיג מיך איינרײַדן אריינצוכאַפּן די וואַזשנע מציאה (מסתמא געווען אַן אַלטער צעבראָכענער זייגערל פון אימיטאַציע גאָלד, וואָס איז ווערט ארויסצוואַרפן) האָבן די צוויי פּאַרטנערס־באַנדיטן מיך באַגלייט ביז איין בלאָק פון גרענד סטריט. איך האָב זיי ניט געוואָלט זאָגן, אַז איך האָב ניט קיין געלט צו קויפן גאָלדענע וואַטשקעס, וועלכע איך האָב דאַן געדאַרפט האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ. זיי וואָלטן מיר סיי ווי ניט געגלויבט; זיי האָבן געוואוסט אַז אין די שעפּער פון גרין סטריט איז מיטוואָך אַ שכירות טאָג („פּעי דעי"), און יעדער אַרבעטער וואָס קומט אַרויס פון יענע שעפּער האָט געלט בײַ זיך. דאָס וואָס מיין „פּעי" האָט באַטראָפן אינגאַנצן אַנדערטהאַלבן דאָלאַר האָבן זיי, נאַטירלעך, ניט געוואוסט און איך האָב זיי ניט געזאָגט. און

וועלנדיג וואָס גיכער אַרויסצודרייען זיך פון די צוויי זשוליקעס, האָב איך צו איינעם פון זיי, דעם אידן, געזאָגט: „מיסטער, אייער ריידן איז אומזיסט. איך טו ניט קיין ביזנעס אין סטריט,״ און בין אַוועק. אָפּגייענדיג אַ צען אָדער מער טריט, הער איך ווי דער „אַריסטאָקראַט״ שרייט: „גרינע חיה, פּוניע חזר!״ און דער „פּאָליאַק״: „פּאַרדאַמטער ליטוואַק, צלם קאָפּ! אַ רוח אין דיין — — — ״ און ענלעכע איידעלע עפּיטעטן און קללות. . . .

„אין אַמעריקע ליגט גאָלד אין די גאַסן״

אַ „פּעינטער״ וויל מיר געבן העלפט פון „געפונענע״ פינף דאָלאַר

נאָך איידער איך האָב פאַרענדיגט מיין געשיכטע פון דער דערפאַרונג מיט די צוויי דזשולערי פּעיקערס אין ניו־יאָרק, איז מיר אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען אַ דריטע „באַגעגעניש וואָס איך האָב געהאַט אין ניו־יאָרק נאָך מיט פינף מאָנאַטן פריער, ווען איך בין געווען בלויז איין מאָנאַט אין לאַנד.

דאָס איז געווען אין אַ שיינעם וואַרעמען יוני טאָג. איך בין אַריינגע־קומען קיין ניו־יאָרק פון אַ קליין שטעטל אין ניו־דזשוירזי צו באַזוכן אַ לאַנדס־מאַן וועלכער האָט דאָ געוואוינט אויף סקייל סטריט, אַ שמאָלע דורכשניידנדיגע געסל פון איסט בראָדוויי. גייענדיג אַזוי מיט דער באַקאַנטער „איסט בראָד־וויסקאַיאַ אוליצאַ״ האָב איך געזוכט די שמאָלע געסל, אָבער ניט געקענט געפינען. צוקומענדיג צו ראָטגערס סטריט, האָב איך דערזען שטייענדיג אַ הויכן מאַן, אין די פופציגער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן. פון די גרויסע פלעקן אויף זיינע אָוועראָלס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ „פּעינטער״ (אַ מאָליאַר). כ׳האָב אים געבעטן צו זיין אַזוי גוט און מיר זאָגן ווי צו גיין צו דער געסל וואָס איך האָב געזוכט.

— קום, לאַנדסמאַן, קום, כ׳וועל דיר ווייזן. —

אָפּגייענדיג נאָך וויניגער ווי אַ האַלבן בלאָק אויף איסט בראָדוויי, לעבן די רעדאַקציעס פון די אידישע צייטונגען, בויגט זיך מיין באַגלייטער איין, מאַכט אַ מיאוסע אַמאָליגע רוסישע „יופּקע״ און זאָגט: „אין אַמעריקע ליגט טאַקע גאָלד אין די גאַסן. אָט האָב איך געפונען אַ פינף דאָלאַרדיגן ביל״, און ווייזט מיר אַ שטיקל גרינע פּאַפּיר, וועלכע ער האָט געהאַלטן שטייף און צוזאַמענגעקוועטשט צווישן דעם גראָבן און דעם אָנצייג פינגער אַזוי, אַז מער ווי דאָס ביסל גרין האָט מען ניט געזען.

„מיין „וועג־ווייזער״ איז געוואָרן גוט־הערציג און מיר אָנגעבאָטן אַ העלפט פון זיין געפונענעם אוצר. „דו ביזט אַ גרינער„ — האָט ער רחמנות געהאַט אויף מיר — „דו דאַרפסט דאָך האָבן״ (פּרי׳ס פרומע קאָץ). און

בעט מיך צו געבן אים צוויי און א האלב דאלאר און ער וועט מיר געבן דעם „גאנצן פינפערל״.

דער „פעינטער״ איז אבער אין כעס געווארן ווען איך האב געזאגט אז איך האב ניט בא זיך קיין 2.50 דאלאר. „וואס הייסט?״ — בייזערט ער זיך — „ווי קומט עס וואס דו פארסט פון קאונטרי קיין ניו־יארק אן געלט?״

— איך האב ניט — ענטפער איך אים ווידער (איך האב טאקע ניט געהאט בא זיך). אזוי ווי איך האב ניט געהאט די „דריטהאלבן״ און דיינקענדיג אז ער האט אויך ניט, האב איך אים געראטן אריינצוגיין אין א סטאר, אויסבייטן די פינף דאלארדיגע אסיגנאציע און מיר ארויסטראגן די העלפט.

מיין עצה איז דעם „בעל צדקה״, קענטיג, גאר ניט געפעלן געווארן, און איז אנגעפאלן אויף מיר מיט זידלעריי.

— גרינע חיה וואס דו ביזט! — שלעפער דו, דו גיסט מיר עצות! און פארענדיגט מיט א קללה און א צווייטן וואזשנעם צארים־רוסישן „מי שברך״, איז ער פארשוואונדן געווארן ערגעץ אין דזשעפערסאן סטריט.

פריינט און לאנדסלייט פאר וועמען איך האב דערציילט פון מיין דערפארונג מיט׳ן „פעינטער״ האבן מיר געזאגט, אז די איסט סייד און אנדערע אידישע געגנטן אין ניו־יארק זיינען פארפלייצט מיט די דאזיגע שווינדלער, וועלכע זוכן — און, צום באדויערן, אפטמאל געפינען — זייערע קרבנות צווישן די ניי־אריבערגעקומענע אימיגראנטן; און אז די געפונענע גרינע פינפערלאך זיינען ענטוועדער „סטיידזש מאני״ (בינע־געלט), וואס אקטיארן באנוצן ווען זיי שטעלן פאר א פינאנציעלע טראנסאקציע, אדער איינפאכע פאלשע אסיגנאציעס.

דער אידישער „רעדאקטאר״ אין פאל ריווער

אין א פריערדיגן קאפיטל, ווי די לייענער געדיינקען, האב איך זיך פארופן אויף אן אלטן כלל: ווען מ׳רעדט פון איין שווינדלער דערמאנט מען זיך אן א צווייטן און א דריטן. דאס איז ליידער ניט ריכטיג; מ׳דערמאנט זיך ניט נאר אן צווייטן און א דריטן, נאר אויך אן א פערטן. און אט האב איך זיך טאקע איצט דערמאנט אן דעם פערטן. דער דאזיגער פערטער איז געוועזן גאר אנדערש ווי די פריערדיגע דריי — דער „יורש״, די „דזשולערי הענדלערס״ און דער „פעינטער״ מיט די געפונענע פינפערלאך. ער האט זיך פארגעשטעלט אלס אידישער שרייבער, רעדאקטאר און ארויסגעבער פון אידישע צייטונגען. (ניט מער און ניט ווייניגער!) געטראפן האב איך דעם „רעדאקטאר״ אין א ווינטערדיגן אוונט פון יאר 1909 אדער 1910 (איך געדענק ניט גענוי) אין הויז פון מיין פריינט, לואי שווארץ, אן אקטיווער מיטגליד פון „ארבעטער

רינג" און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט געוואוינט אין דער צווייטער אידישער געטאָ, ארום פּלעזענט סטריט, אַ צען בלאָק פון דער ערשטער, אין דער געגנט פון וואשינגטאָן סטריט.

נאָך סאַפּער, ווען מיר זיינען געווען פארטיפט אין אַן אינטערעסאַנטן שמועס איבער פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן, שטעלט זיך אריין אַ פעסט־געבויטער בחור פון אַ יאָר דרייסיג, פון מיטל וואוקס, שווארצע אויגן, אנשטענדיג אָנגעטאָן, און זאָגט שווארצ'ן, אַז אַ פריינט זיינער, שווארצ'ס, האָט אים געשיקט פאַר אַן עצה — ער וויל זיך מיט אים מישב זיין וועגן אַ געוויסע אַנגעלעגנהייט — ער וויל זיך באַזעצן אין פּאָל ריווער.

— וואָס גייט איר דאָ טאָן? פרעגט אים לואי.

— שרייבן אַרטיקלען פאַר דער אידישער וואָכנטלעכער צייטונג, די „פּאָל ריווער שטימע" — האָט ער געענטפערט.

— אַ וואָכנטלעכע צייטונג אין פּאָל ריווער? ! וואונדערן מיר זיך — ווער גייט דאָס ארויסגעבן אַ אידישע צייטונג?

— איך ! — האָט ער צוגעלייגט די האַנט צום הארצן.

— און ווער וועט שרייבן די עדיטאָריעלס, די ספּעציעלע אַרטיקלען? — בין איך נייגעריג געווען צו וויסן.

— איך — האָט ער ווידער געענטפערט, צולייגנדיג די האַנט צום ברוסט.

און דאָ האָט דער „פרעמדער" גענומען דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע פון זיין ביאָגראַפיע (לײדער געדיינק איך ניט זיין נאָמען ווי ער האָט זיך פאַר־געשטעלט). ער איז אַ ניו־יאָרקער אידישער שרייבער, האָט ער געזאָגט. ער שרייבט פאַר אַלע אידישע צייטונגען; דאָס הייסט, פאַר די וואָס ווילן קויפן בא אים זיינע זאַכן. ער שרייבט אָן אַ נאָמען (אַן „אַנאָנימער" שרייבער), איבער אַצאָל טעמעס, ווי געשיכטע, וויסנשאַפט, די אַרבעטער באַוועגונג, א.א.וו. און האָט אונז „פאַרזיכערט", אַז אין פּאָל ריווער איז דאָ פּלאַץ פאַר אַ וועכנט־לעכע אידישע שריפט.

בשעת מעשה האָבן מיר זיך גאָר ניט געכאַפּט, אַז מיר האָבן דאָ צוטאָן מיט אַ פּעיקער, ווייל אין יענע יאָרן האָבן די אידישע אינטעליגענטע אימי־גראַנטן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אידישע שרייבער, באַזונדערס פאַר מיט־אַרבעטער פון די דעמאָלטיגע פּראָגרעסיווע אויסגאַבן. זיי, די אינטעליגענטן, האָבן זיי פשוט מקנא געווען. מענטשן וואָס האָבן אַ כבוד און אַ חיונה, האָבן זיי געדענקט, איז ווערט מקנא צו זיין, און זיי האָבן געהאַט גוטע אור־זאַכן אַזוי צו דענקען. דערפאַר וואָס מיר האָבן געהאַט אַזאַ הויכע מיינונג וועגן אידישע שריפטשטעלער און וואָרט־זאָגער, האָבן מיר גאָר ניט געוואָגט צו פאַרדעכטיגן דעם ניו־יאָרקער גאַסט אַלס שווינדלער.

ל. הינדעס

עס איז ווערט צו באמערקן, אז אין דעם ערשטן צענדליג יארן פון היינ־טיגן יארהונדערט האבן א סך אידישע אינטעליגענטן עמיגרירט אין קליינע קאונטרי שטעטלאך. אין די דאזיגע קאונטרים האבן זיי, די אינטעליגענטן, געחלומ'ט פון א לאקאלע צייטונג. זיי האט „געביסן די פינגער" צו שרייבן. זיי זיינען געווען בא זיך זיכער, אז זיי קענען שרייבן; אז זיי האבן טאלאנט. די ניו־יארקער צייטונגען וויזן צוריק זייערע שריפטן, האבן די דאזיגע איינ־גערעדטע טאלאנטן געדיינקט ,אז א לאקאלע צייטונג וועט ניט זיין אזוי „פאר־טיקעלע" (אנשטאט דעם ענגלישן ווארט „פארטיקולאר", וואס מיינט שטרענג, איבערקלייבעריש), און וועט יא דרוקן זייערע „זאכן". און אט דער געדאנק, אדער דער פלאן פון א אידישע צייטונג, האט שטארק אפעלירט צו סתם אידן, וועלכע האבן געהאפט, אז אין א שטעטלשע צייטונג וועלן זייערע נעמען אפט דערמאנט ווערן אין פארבינדונג מיט געזעלשאפטלעכע אקטיוויטעטן אדער עפעס א שמחה.

אט מיט דעם סענטימענט האבן זיך באנוצט ליטערארישע פייקערס: זיי פלעגן ארומפארן איבער די קאונטרי שטעט און געפרופט איינריידן די גלויביגע ישובניקעס (קאונטרי־אידן האט מען אין ניו־יארק גערופן פארמערס), אז אין זייער באטרעפנדיגע שטעטל איז „דא פלאץ" פאר א וועכנטלעכע אידישע שריפט.

איך און שווארץ האבן זיך אבער באלד איבערצייגט, אז דער פלאן פון ארויסגעבן א אידישע וואכנבלאט אין פאל ריווער איז א „טשעפוכא; פאר וועמען וועט ער דא ארויסגעבן זיין „שטימע"? — האבן מיר זיך געפרעגט. אינגאנצן זיינען אין פאל ריווער פאראן אומגעפער דריי הונדערט אידישע פא־מיליעס. פון די דריי הונדערט אפשר פופציג אדער זעכציג לייענען אידיש, און וויפיל נייעס קאן ער שרייבן פון אזא קליינעם אידישן ישוב? און וואו וועט ער נעמען די פינאנציעלע מיטלען וואס מען מוז אומבאדינגט האבן אנצופאנגען אזא אונטערנעמונג?

מיר האבן אים געקאנט שטעלן נאך אצאל פראגן. ווי צום ביישפיל, פאר וואס ער האט גראד אויסגעקליבן צו שרייבן אן א נאמען; פאר וואס ער האט ניט מיטגעבראכט „סעמפלס" פון זיינע „נאמענלאזע" שריפטן. מיר האבן אבער דעם „אנאנימער" שרייבער ניט געפרעגט, ווייל פון דערפארונג האבן מיר געוואוסט, א א פעיקער דארף מען ניט שטעלן קיין פראגן, ווארום אויף יעדער פראגע האט ער א פארטיגן ענטפער. . . .

ענדלעך, האט לואי געפרעגט דעם אומדערווארטעטן און אומגעבעטענעם גאסט, וואס איז זיין בקשה — וואס פארלאנגט ער פון אים. און דא איז דער שווינדלער „געקומען צום פונקט": אזוי ווי ער האט געהערט, אז שווארץ איז זייער פאפולער אין שטאט, זאל ער, שווארץ, אים טאן א טובה און ארויסגיין

מיט אים שאַפן סובסקרייבערס (אַבאָנענטן), וועלכע זאָלן איינצאָלן דריי דאָלאר א יאָר אין פאָראויס.

— מיר'ן אייך קומען זען — האָט אים לואי צוגעזאָגט, מיט א וואונק צו מיר — זייט אַזוי גוט און לאָזט איבער אייער אַדרעס. —

דער ליטעראַרישער פעיקער האָט אָבער קיין אַדרעס ניט געלאָזן. . . .

א פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער „ניו־יאָרקער" האָט א סך אידן געמשאַדעט א קאָפּ מיט זיין „ליטעראַרישער אונטערנעמונג", אָבער אַז דערפאָלג. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט גאָר ניט.

זיי האָבן אויסגעזען ווי „פּאַיקערס" געגן שפּעטערדיקע אַפּעריסטן

די אויבן־אויסגערעכנטע שווינדלער האָבן אין די אויגן פון די אַפּעריסטן פון די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָרן אויסגעזען ווי „פּאַיקערס" (נבזהים). יענע האָבן זיך ניט „געבאַדערט" מיט אויסנאַרן א ניקל אָדער א דאַים פאַר־שטעלנדיג זיך אַלס קאָנסאמפּטיווס אָדער א „קאָנוואַלעסענט" (א דערהאָלונ־דיגער פון אַן אָפּעראַציע) און די אַנדערע וועלכע האָבן געזוכט זיך „צו באַ־קענען" מיט יענעמס געלט (און האָבן זיך ניט באַקאַנט). די שווינדלערס אין די שפּעטערדיגע יאָרן האָבן געטאָן „גרויסע געשעפטן" מיט „געהיים־אויסגע־גראָבענע רויע גאָלד", מיט „דימענטן און בריליאַנטן" וואָס די רוסישע פּריצים און גראַפן האָבן מיטגעבראַכט ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, און אויך מיט געלט־מאַשינקעס. וועגן די דאָזיגע פלינקע זשו־ליקעס וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידן אין א וויטערדיגן קאַפּיטל פון בוך. אָבער זאָל דערווייל זיין געענוג פון די דאָזיגע אַפּעריסטן, וועלכע זיינען די קאָלעגן אָדער „דזשוניאָר פּאַרטנערס" (אינגערע שותפים) פון די געזועצלעכע רויבער — די טראַסט מאַגנאַטן, באַנקירן, לענדלאָרדס, אינדוסטריאַליסטן, וועלכע, דורך צאָלן נידריגע ווייזשעס, און דורך אַרויפשרויפן אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג די פּרייזן פון די נויטיגע לעבנס מיטלען, באַרויבן טאָג טעגלעך („געזעצלעך", נאַטירלעך) די האַרעפּאַשנע מאַסן און האַלטן זיי אין א צו־שטאַנד פון עלנט און נויט און עקאָנאָמישער אומזיכערקייט. לאָמיך אייך בעסער איצט דערציילן פון דער גלענצנדיגער קולטור־אַרבעט וואָס די דעמאָל־טיגע פּאַרהעלטניסמעסיג קליינע גרופּע אידישע ראַדיקאַלן אין פּאָל־ריווער האָבן אויפגעטאָן און געהאָלפן פאַרשפּרייטן ליכט און אויפקלערונג צווישן דער אימיגראַנטישער יוגנט — אַן אַרבעט וואָס קען מיט רעכט באַצייכנט ווערן אַלס דער ליכטיגער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די אידן אין דער פּערטער גרעסטער שטאָט פון מאַסאַטשוזעטס.

גלענצנדיגע קולטור אַרבעט פון די אידישע ראַדיקאַלן אין פאַל ריווער

ביז דעם יאָר 1908 איז די שטאָט פאַל ריווער וועניג וואָס געווען באַקאַנט צווישן די אידיש־שרייבנדיגע און אידיש לייענענדיגע אידן אין אַמעריקע. ניו־יאָרקער אידן האָבן געוואוסט אָדער געהערט פון פאַל ריווער אַלס די שטאָט וואו מ'פאָרט אריין מיט דער באָוט און פון דאָרטן נעמט מען אַ צוג קיין באָסטאָן; און די באָסטאָנער, ווידער האָבן געקענט פאַל ריווער אַלס די שטאָט וואו מען פאָרט אריין אָנפאַנג אָוונט צו כאַפּן דעם: שווימענדיגן פּאַלאַץ" קיין ניו־יאָרק. זעלטן ווען אימעצער פון די פּאַסאַזשירן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שטאָט צו באַקוקן אירע גאַסן, זיך באַקענען מיט דער אידישער באַפעלקערונג, מיט אירע אינסטיטוציעס. די אידישע קאָמיוואָיאַזשאָרן („דראָמערס") האָבן בלויז געזען די צוויי הויפּט גאַסן — מעין סטריט און פּלעזענט סטריט — וואו זייערע „קאַסטימערס" (קונדן) האָבן געהאַט זייערע סטאָרס (קראָמען) — און דעם האָטעל וואו זיי זיינען איינגעשטאַנען. מער פון דער שטאָט האָבן זיי ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן. זיי האָט געדרייט דער קאָפּ ווי אַזוי צו פאַרקויפן סחורה און ווי אַזוי אויפצומאַנען פאַר די פאַרקויפטע. . . .

ס'זיינען ניט געווען דאָרט קיינע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, ניט קיין אידישער פּראָלעטאַריאַט; ניט געווען קיין אידישע יוניאָנס, ווייל ס'זיינען דאָרט ניט געווען, ווי שוין פריער געזאָגט, קיין לייכטע אינדוסטריעס, ווי קליידער פאַבריקן, לעדער גודס שעפּער, וואו אידן וואָלטן געקאָנט קריגן אַרבעט. אין די טעקסטייל מילן, ווי פריער דערמאָנט, האָבן „גרינע" זיך ניט געקענט אריינפּאַסן. וועבערס פון לאָדזש און ביאַליסטאָק, וועלכע וואָלטן זיך יאָ געקאָנט אריינפּאַסן אין די טעקסטיל מילס, זיינען אָבער קיין פאַל ריווער און ניט אין קיין אַנדערע טעקסטיל שטעט אין מאַסאַטשוזעטס ניט געקומען. זיי האָבן זיך באַזעצט אין וועסט האָבאָקן (היינט יוניאָן סיטי), פּאַסייק און פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי, ניט ווייט פון ניו־יאָרק, וואו זיי האָבן געקראָגן אַרבעט אין די דאָרטיגע סילק פעקטאָרים (זיידן פאַבריקן), וואו זייער וועבער פאַך האָט זיך בעסער באַצאָלט. און אַזוי ווי קיין אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן אַמאָל באַריכטן אין די אידישע צייטונגען וועגן זייערע אַקטיוויטעטן, זיינען ניט געווען, איז די שטאָט פאַל ריווער געבליבן, ווי מ'זאָגט, אַ „פאַרמאַכטער בוך".

אָבער אין די יאָרן פון 1908-09 איז די גרעסטע „שפּינדל שטאָט" אין אַמעריקע יאָ באַקאַנט געוואָרן די אידישע ראַדיקאַלע מאַסן איבערן לאַנד. דאָס איז געווען דורך דעם וואָס אַ היפּשע צאָל יונגע בחורים פון ניו־יאָרק האָט אַריינגעשטראָמט אין שטאָט. די דאָזיגע יונגע לייט זיינען, ווי באַמערקט אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל, אַנטלאָפן פון דער גרויסער שטאָט, וואו עס האָט גע־הערשט אַ שרעקלעכע אַרבעטלאָזיקייט. כמעט אַלע פון די „אַנטלאָפענע" זיינען אין אַלטן רוסלאַנד געווען קעמפער נאָך אין די יאָרן פון 1903, 1904 און 1905. זיי האָבן געקעמפט אין די רייען פון די סאָציאַל דעמאָקראַטן, בונדיסטן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן (באַקאַנט אַלס „עסעראָווצעס"), אַנאַרכיסטן און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. ווי באַוואוסט, האָבן זיך די דאָזיגע ראַדיקאַלן געמוזט נעמען צו פעדלעריי. אַזוי שנעל אָבער ווי זיי האָבן זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט אין דער ביטערער פּרנסה פון קלאַפּן טירן און שרייען איבער די גאַסן, האָבן זיי זיך גענומען צו דער נאָבעלער אַרבעט פון פאַרשפּרייטן ליכט און אויפקלערונג צווישן די צוריקגעשטאַנענע דאָרטיגע אידן און, דער עיקר, צווישן די נאָר־וואָס אָריבערגעקומענע יונגע אימיגראַנטן. און כדי צו טאָן די לויבנסווערטע קולטור־אַרבעט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם ניי־געגרינדעטן אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג ברענטש. נאָטיצן פון די טעטיקייטן פון דער דאָזיגער נייער אָרגאַניזאַציע זיינען דער־שינען אין דער אידישער ראַדיקאַלער פּרעסע, און דער פּראָגרעסיווער עולם האָט זיך דערוואוסט פון פּאָל ריוועָר.

הארמאָניע צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן

אין דער גרופּע אידישע ראַדיקאַלן, וואו ס'האָבן זיך, ווי באַקאַנט, גע־פונען מיטגלידער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבע־טער באַוועגונג, האָט שוין געהערשט פולשטענדיגע האַרמאָניע. די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך אויך גערופן „שטאַטלאָזע" סאָציאַליסטן, און וועלכע האָבן געגלויבט אין דירעקטע אַקציע („אַקציאָן", ווי מ'האָט עס גערופן אין יענע יאָרן) ווי, למשל, אַ גענעראַל סטרייק, אַלס דער איינציגער מיטל צו שטירצן דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, און וועלכע זיינען געווען אומקאָמפּראָמיסלערע געגנער פון פּאָליטישע אַקציע, האָבן זיך שוין מער ניט אַרומגעריסן מיט די סאָציאַליסטן (וועלכע האָבן יאָ געגלויבט אין פּאָליטישע טעטיקייט) איבער פּרינ־ציפּיעלע און טאַקטישע פראַגן, ווי פריער. אַמאָל פלעגן אַזעלכע דיסקוסיעס צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן אַרויסרופן „הייסע בלוט" צווישן די דעבאַטאַנטן און די צוהערער. די ערשטע האָבן גערופן זייערע געגנער „שטרויענע רעוואָלוציאָנערן", „שטימען כאַפּער", „שטיף ברידער", „בודלערס"

און אנדערע אומקאמפּלימענטארע נעמען. די סאָציאַל דעמאָקראַטן זיינען ניט געבליבן שולדיג זייערע געגנער און האָבן זיי באַצייכנט אַלס „פאַנטאַזאָרן", „אוטאָפּיסטן", „שטערער און ברעכער פון אייניקייט" אין דער ארבעטער באַ־וועגונג, און אַנדערע צונעמענישן.

די סיבה וואָס די „אַנטי־אוטאָריטאַרן", ווי די שפּעטערדיגע אַנאַרכיסטן האָבן זיך גערופן, זיינען ווייכער געוואָרן נעגן די בונדיסטן און די אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין דער ארבעטער באַוועגונג, איז געווען וואָס אינ'ם יאָר 1908 איז שוין וויקטאָר ל. בערגער, דער סאָציאַליסטישער פירער פון מילוואָקי, דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמאַן, און אַ יאָר שפּעטער, איז עמיל זיידל, אַ צווייטער פּראָמינענטער פירער פון דער אַמעריקאַנער ס. פּ., געוואָרן דער מעיאָר פון דער גרויסער שטאָט מילוואָקי.ביידע האָבן שטאַרק פאַרטיידיגט די אינטערעסן פון די ארבעטער מאַסן — בערגער אין קאָנגרעס האָט פאָרגעשלאָגן ארבעטער געזעצן און פּראָטעסטירט נעגן יעדן אנגריף מצד די קאַפּיטאַליסטן אויף די עקספּלואַטירטע ארבעטער, און זיידל האָט איינ־געפירט געוויסע רעפאָרמען צו גונסטן די האָרעפּאַשנע מאַסן אין שטאָט.

(עס איז אַ ביטערע איראָניע פון שיקזאַל וואָס די שטאָט מילוואָקי, וועלכע האָט דערוויילט צוויי סאָציאַליסטן צו הויכע אַמטן און געהאַט אַזאַ ליבעראַלן גאָווערנאָר און יוניטעד סטייטס סענאַטאָר, לאַפאָלעט, האָט מיט פיר צענדליג יאָר שפּעטער „באַשאָנקען" דעם אַמעריקאַנעם פאָלק מיט אַזאַ פאַרזעניש ווי דזשאָזעף מעקאַרטי, דער אַמעריקאַנער פאַשיסט נומער 1).

עס איז געווען נאָך אַן אורזאַך וואָס די שטאַטלאָזע סאָציאַליסטן האָבן ארויסגעוויזן מער רעספּעקט צו די ס.פּ.'ניקעס, און דאָס איז יודזשין וו. דעבס, דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, האָט אין 1908 געצויגן נאָענט צו אַ מיליאָן שטימען. פון דאַן־אָן האָבן די מיטגלידער פון די צוויי געגנערישע פּאַרטייען זיך מער ניט ארומגעריסן צווישן זיך און מער ניט זיך איבערגערופן. ס'האָט געהערשט אומאונטערבראָכענער שלום אין ביידע לאַ־גערן. און אַ דאַנק אָט דער געשאַפענער אייניקייט און פריינטשאַפט צווישן די פריערדיגע געגנער האָט דער קולטור קאָמיטעט (דעמאָלט האָט מען עס גערופן: „עדיוקיישאָן קאָמיטע") פון ארבעטער רינג געקאָנט פאַרזעצן צו טאָן סיסטע־מאַטיש די נאָבעלע אויפקלערונגס ארבעט צווישן די אידיש־ריידנדיגע אידן אין שטאָט. דערפאַר וואָס ס'זיינען ניט געווען קיין אידישע יוניאָנס און עס זיינען ניט אָנגעפירט געוואָרן קיינע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, איז די ארבעט פון קולטור קאָמיטעט באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון פאַרשפּרייטן ראַ־דיקאַלע צייט־שריפטן, ווי די אַנאַרכיסטישע „פרייע ארבעטער שטימע", דעם „צייט־גייסט" (אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע פון „פאָרווערטס") און אַנדערע

בראשורן און פאמפלעטן; אויך פון ארגאנזשירן לעקציעס מיט פראמינענטע רעד־נער פון ניו־יארק, באסטאן, שיקאגא און אנדערע שטעט, און מיט איינגעארדנעטן קאנצערטן מיט דעם בראקטאנער דראמאטישן קלוב, אנגעפירט פון דעמאלטיגן זינגער הערי פעלער און מרס. גאלדמאן; מיט דיסקוסיעס און ארויספארונגען („אוטינגס"). דער קולטור קאמיטעט האט זיך אויך באשעפטיגט מיט שאפן שטיצע פאר סטרייקערס און פאר די פארשיקטע רוסישע רעוואלוציאנערן אין סיביר. . . . פון דער אויפקלערונגס ארבעט פונ׳ם ארבעטער רינג, ווי שוין באוואוסט, זיינען דערשינען נאטיצן און באריכטן אין דער אידישער פרעסע, און אזוי ארום איז די פריערדיגע אומבאקאנטע שטאט פאל ריווער ארויפגע־קומען אויף דער „מאפע", אזוי צו זאגן.

דער ריזיער דערפאלג פון די קולטור אונטערנעמונגען

ווי שוין פריער אנגעוויזן, איז די קולטור־ארבעט פון דער עדיוקיישאן קאמיטע פון ארבעטער רינג געווען א גרויסער דערפאלג. מאסן מענטשן זיינען געקומען, אפילו אין די ערגסטע וועטערן, צו די לעקציעס און אנדערע אונטער־נעמונגען. אלע האבן געלעכצעט צו הערן א נייעם ווארט, הערן אן ארבעטער־ליד אדער א פאלקס־ליד. די יונגע אידישע אימיגראנטן, באזונדערט די וועלכע האבן אין די קליינע שטעטלאך און דערפער פון קיעווער גובערניע קיין מאל ניט געהערט קיין אידישן רעדנער (אחוץ אפשר א מגיד), אדער זעלטן געזען א אידישע טעאטער פארשטעלונג, זיינען געווען גאר באגייסטערט פון דער אויפקלערונגס ארבעט פון א. ר. און עס האט אריינגעבראכט א נייעם לעבן אין אידישן קווארטאל פון שטאט. יעדע לעקציע, יעדער קאנצערט איז פאר וואכן לאנג געווען דער „געשפרעך פון טאג".

אבער די קליינע גרופע קולטור טוער, דורך איר אומדערמידלעכע ארבעט, האט דערגרייכט נאך א וויכטיגן און נאבעלן ציל — נעמליך, זי האט צוגענומען א סך יונגע אימיגראנטן פון די קארטן־טישלאך! „געמבלינג" (קארטן שפילן) איז אין יענע יארן געווען פארשפרייט, ווי אן עפידעמיע, צווישן די ניי־אנגעקומענע בחורים, וועלכע זיינען געווארן קרבנות פון זייער לייכטזיניקייט פון „פרובירן מזל" אין א „קארד געים" מיט ארנטלעכע מענטשן, אדער „ארנט־לעכע קארטיאזשניקעס", אויב אזעלכע פארשוינען זיינען פאראן אויף דער וועלט.

פולע אנערקענונג פון די טוער

פולע אנערקענונג און א דאנק פאר די נאבעלע אויפקלערונגס ארבעט צווישן די אידן אין פ. ר. קומט דער הייפעלע געטריייע, ענערגישע מיטגלידער

ל. הינדעס

פון די דעמאָלטיגע עדיוקיישאַן קאָמיטע פון א. ר. דריי פון די מיטגלידער פון דער קאָמיטע, ווי איך בין געוואָר געוואָרן, זיינען שוין לײדער מער ניט צווישן די לעבעדיגע; אַ צאָל פון זיי זיינען שוין לאַנג ניטאָ אין שטאָט; און איך ווייס אויך ניט וויפיל פון די לעבן געבליבענע האַלטן זיך נאָך באַ זייערע אַמאָליגע פרייהייטס אידעאַלן. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן דאַן פּאַרט אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אַן אידעאַל פאַר אַ בעסערע וועלט, פאַר אַ בעסערע מענטשהייט, האַלט איך איצט, מיט 45 יאָר שפּעטער, פאַר נויטיק צו פאַרציי־כענען זייערע נעמען, אַלס אַ באַוויז, אַז די געשיכטע דאַנקט יעדן איינעם וואָס האָט, אויף וועלכן ניט איז אופן, צוגעלייגט אַ האַנט צו שטופּן דעם וואָגן פון פּראָגרעס און פאַר אַ בעסערן לעבן, און אָט זיינען זיי:

מאַקס קאַפּלאַן, מאַקס הורוויץ, סעם רובין, יאָשע שטיינבוק (שוין טויט), לואיס שוואַרץ (שוין טויט), לואיס פעלדמאַן, די ברידער סעם און מאָריס פריימאַן, מאַיק סטאָון, לואיס האָרנשטיין, היימאַן שאַפּיראָ, לואיס הייסען (שוין טויט), איזראַעל באַטוועי.

צו דעם גרויסן דערפאָלג פון די דערמאָנטע קולטורעלע אונטערנעמונגען האָט אויך בייגעטראָגן דער „גוי", מר. טשו, דער הויפּט פּאַרוואַלטער פון דעם „באָים קלוב", וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ לאַנגן צוויי־שטאָקיגן געלן מויער, פיר קליינע בלאָקס פון וואַשינגטאָן סטריט, די האַרץ פון אידישן קוואַרטאַל. דער „באָים קלאָב", אַן אָפּטיילונג פון דער „יאַנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאַן" האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן זאַל פאַר גרויסע פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, קאָנצערטן, א. א. וו., און אַ צאָל גרעסערע און קלענערע צימערן, און די אָרגאַניזאַציעס — אידישע און ניט־אידישע — וועלכע האָבן דאָרט אָפּ־געהאַלטן זייערע מיטינגען, האָבן די לאָקאַלן געקראָגן במעט אומזיסט. דער דאָזיגער מר. טשו, אַ שלאַנקער אַמעריקאַנער מיט גרויע וואָנצעס, מיט ליבלעכע גרויע אויגן, פלעגט מיט אַ שמייכל באַגריסן, ביים אַריינגאַנג, די באַזוכער צו די מיטינגען און לעקציעס און פלעגט באַוואונדערן די אידישע יונגע אימי־גראַנטן פאַר זייער נייגעריקייט צו הערן אַ נייעם וואָרט, אַ ליד און אַלעס וואָס האָט צו טאָן מיט בילדונג און אויפקלערונג.

די אינטערעסאַנטע לעקציעס און די לעקטאָרס

אַזוי ווי די מיטגלידערשאַפט פון דער עדיוקיישאַן קאָמיטע, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון סאָציאַליסטן און אַנאַר־כיסטן, האָבן זיי, פאַר שלום בית וועגן, איינגעאָרדנט לעקציעס מיט רעדנער פון ביידע „פּאַרטייען". אַמאָל האָט גערעדט אַ סאָציאַליסט, אַמאָל אַן אַנאַר־

ביסט; אַ דריטן מאָל, ווידער אַ סאָציאַליסט; און אַ פערטן מאָל, אַן אַנאַרכיסט, א. א. וו. (קיין ציוניסטן זיינען דאַן אין שטאָט ניט געווען. איין פּועלי ציוניסט, סעם גאָלדמאַן, און איין „נאַציאָנאַליסטישער סאָציאַליסט", יאַנקל קראַוואַיעוו (היינט דזשייק קריוויוו), זיינען אפילו ניט געווען קיין מיטגלידער פון אַר־בעטער רינג.

ליטמאַן פון שיקאַגאָ

דער ערשטער לעקטאָר וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן אין אַ זומער־דיגן זונטאָג נאָכמיטאָג פון יאָר 1909, איז געווען אַן אָרגאַניזער פון דער פעדעראַציע פון די אידישע סאָציאַליסטן מיט'ן נאָמען ליטמאַן, פון שיקאַגאָ, (ליידער געדענק איך ניט זיין ערשטן נאָמען). אַ יונגער מאַן אין די ערשטע דרייסיגער, פון מיטלוואוקס, טונקל־ברוינע האָר, מיט גרויסע פאַרחלום'טע גרויע אויגן אין זיין לענגלעכן פּנים, און, אין אַלגעמיין, פון זייער אַ סימפּאַטישן אויסזען. ער האָט גערעדט איבער דער טעמע: „דאָס לעבן פון די אַרבעטער מאַסן אונטער סאָציאַליזם". געלאַסן, אָן אָראַטאָרישע זשעסטן, אין זיין נאַטיר־לעכע האַלב־הייזעריגע שטימע האָט ער פּאָעטיש געשילדערט דעם גליקלעכן לעבן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואו עס וועלן ניט זיין קיין פּאַראַזיטן — ווי באָסעס, באַנקירן, לענדלאָרדס, פּאָליטישנס, אַדוואָקאַטן, ריכטער, פּאָליסלייט, דעטעקטיווס, רבנים, גלחים, פאַרקויפער, מעקליירים, סאָלדאַטן, אָפיצערן, אַלערליי אַגענטן, גנבים, פּראָסטיטוטקעס, געלע זשורנאַליסטן, און אַלע אַנדערע דאַרמאָיעדניקעס, וועלכע פּראָדוצירן גאָר ניט און לעבן פון דער פּראָצע פון דעם אַרבעטער און פּאַרמער — אין אַ געזעל־שאַפט, וואו יעדער געזונטער מענטש וועט מוזן אַרבעטן, און אַז ווען אַלע וועלן אַרבעטן, וועט מען פּראָדוצירן גענוג סחורות און אַנדערע לעבנסמיטלען פאַר אַלעמען; און, ווי עס ווערט דערקלערט אין בעלאַמי'ס בוך, אין „הונדערט יאָר אַרום" („לוקינג בעקוואַרד„, אין ענגליש), וועט מען שוין ניט דאַרפן אַרבעטן ניין אָדער צען שטונדן אַ טאָג, נאָר פיר שטונדן וועט זיין מער ווי גענוג, און די איבעריגע צייט וועט מען קענען פאַרברייינגען און שטודירן, דערווערבן אַ העכערע בילדונג, זיך באַקענען מיט די ווערק פון די גרויסע קינסטלער, געניסן פון דער שיינקייט פון דער נאַטור, פאַרברייינגענדיג אין די וועלדער, אויף די בערג אין די טאָלן, בּאַ די ים־ברעגן; קענען רייזן איבער דער וועלט, זיך באַקענען מיט נייע לענדער, מיט נייע מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער. און אַזוי ווי אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט דער רעדנער פאַר־געזעצט, וועלן ניט זיין קיינע רייכע און קיינע אָרעמע, קיינע אונטערדריקערס

און קיינע אונטערדריקטע, וועט צווישן דער מענטשהייט הערשן פולשטענדיגע ברידערלעכקייט און פריינטשאפט; עס וועלן ניט זיין קיינע מלחמות, קיינע פּאָגראָמען, און אַנדערע „מענטשנ׳ס אומענטשלעכקייט צו מענטש („מענ׳ס אינהיומאַניטי טו מען״, אין ענגליש).

אָסקאַר וואַילד׳ס נביאות

געענדיגט האָט ער זיין אינטערעסאַנטע רעדע מיט אַ ציטאַטע פון אָסקאַר וואַילד׳ס באַרימטן בוך „די מענטשלעכע נשמה אונטער סאָציאַליזם״, וואו דער אוטאָר זאָגט פּראָפעטיש: אונטערן קאַפּיטאַליזם איז די מענטשלעכע האַרץ פול מיט האַס און מיט רחמנות — האַס צו די אונטערדריקער און מיטלייד צו די אונטערדריקטע; אָבער אין אַ סאָציאַליסטישע אָדער אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפט, וואו עס וועט ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרעמע, קיינע עקספּלואַטאַטאָרס און קיינע עקספּלואַטירטע, וועט דער מענטש זיין פריי פון גריזשאַטע און פון פאַרדרוס, און דאַן וועט דער מענטש קאָנען דערגרייכן די העכסטע שטופע פון פאָלקאָמענהייט.״

קיין סך פראַגן האָט מען דעם רעדנער ניט געשטעלט. איין מיידל, געדענק איך, האָט אים געפרעגט: צי סאָציאַליסטן באַטראַכטן פּראָפעסיאָנאַלן, ווי לערער, דאָקטוירים, אינזשענירן און אַנדערע וויסנשאַפטסלייט, אַלס פּאַראַזיטן.

— אָ, ניין! — האָט דער לעקטאָר ליטמאַן געענטפערט קאַטעגאָריש — פּעדאַגאָגן, דאָקטוירים, אינזשענירן, כעמיקער, זיינען נוצלעכע מענטשן, אָן זיי קען די וועלט ניט עקזיסטירן.

געלערנט, געקעמפט און אויסשטודירט אַלס אַפּטייקער

אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך נאָך דער גלענצנדיגע לעקציע, האָט דער גענאָסע ליטמאַן מיר דערציילט זיין אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע. געבוירן אין אַ קליין שטעטל אין קאָוונער גובערניע, האָט ער יונגערהייט געלערנט אין חדרים, געוואָרן אַ פּריוואַט-לערער, און שפּעטער זיך אַנגעשלאָסן אָן „בונד״, געקעמפט נעגן צאַריזם, נעגן אַנטיסעמיטיזם, נעגן פּאָגראָמשציקעס, און בכלל אַנטייל גענומען אין אַלע ארבעטער קאַמפן; און אין דער זעלבער צייט האָט ער באַוויזן אויסצושטודירן אַלס פאַרמאַסיסט („דראָגיסט״). אין 1905 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ. אַזוי שנעל ווי ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פאַר דער „אילינאָיז סטייט באָארד אָוו פאַרמאַסי״ האָט ער געעפנט אַן אייגענעם אַפּטייק (דראַג סטאָר) אין שיקאַגאָ. אָבער אין

פּאָל ריווער — אַמאָל און היינט

זיין נייעם געשעפט האָט ער זיך ניט געפילט איבעריג גליקלעך. ער איז געווען אַזוי „ביזי" (פאַרנומען) טאָג און נאַכט מישנדיג מעדיצינען און פּאַרקויפנדיג פּאַטענט מאַרקעס, אַז ער האָט קיין סך צייט ניט געהאַט אפילו צו לייענען, שוין אָפּגערעדט פון טרעפן זיך מיט חברים און אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען. אים האָב אָבער געצויגן צו געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — אַלס אַגיטאַטאָר און לעקטאָר. האָט ער אויפגעגעבן זיין אַפּטייק און אָנגענומען די שטעלע אַלס רייזנדער אָרגאַניזאַטאָר פון דער „פעדעראַציע" (פאַרקירצט פון פעדעראַציע פון די אידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע) — אַ שטעלע וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אפילו ניט דעם מינימום פון זיינע פריזשנלעכע באַדערפענישן — און האָט זיך טאַקע אַ היפּש ביסל געפּלאָגט.

דאָס אויפגעבן אַ געשעפט און אָפּגעבן זיין גאַנצע צייט צו דער זאַך פון דער באַפרייאונג פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט איז דאַן, ווי היינט, באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מאַרטירער־אַקט, און יעדער איינער, איינגעשלאָסן אַנטי־סאָציאַליסטן, האָט פאַר אַזאַ מענטשן געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ.

פאַרפאַלן געוואָרן

נאָך זיין אָפּפאָרן פון פּאָל־ריווער, האָבן מיר פון אים פון צייט צו צייט געהערט דורך דעם יאָר 1909; אָבער פון 1910 אָן האָבן מיר פון דעם שיקאַגאָער גענאָסע ליטמאַן גאָר ניט געהערט. ביז היינט צו טאָג ווייסן מיר ניט וואו ער איז, וואָס ער טוט, און מיר ווייסן ניט צי ער לעבט נאָך. פאַר דער עפנטלעכקייט, יעדנפאַלס, איז ער טויט.

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס אַזאַ ערנסטער מענטש מיט אַזאַ געזונטע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, איז פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע!

ל. הינדעס

דער אַנאַרכיסט ט. איגעס

אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך ליטמאַנ׳ס לעקציע, אין סעפּטעמבער אָדער אין אָקטאָ־בער פון 1909, האָט דער קולטור־קאָמיטעט פון ארבעטער רינג אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט דעם דעמאָלט־באַרימטן אַנאַרכיסטישן טוער, רעדנער און שרייבער טאַם אייגעס (באַקאַנט אַלס ט. אייגעס) פון באָסטאָן, וועלכער איז דאַן געווען באַרימט אין אידישע ראַדיקאַלע קרייזן אין גאַנץ אַמעריקע און קאַנאַדאַ אַלס גלענצדיגער און מעכטיגער אָראַטאָר און לעקטאָר. ער פלעגט אַדרעסירן גרויסע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער יום־טובים און יאָרצייטן נאָך אַרבעטער מאַרטירער. פון ריידן און שרייבן האָט ער קיין לעבן ניט געמאַכט. ער האָט קיין מאָל ניט פאַרלאַנגט קיין געצאָלט פאַר׳ן רעדן אָדער שרייבן. אַ לעבן האָט ער געמאַכט אַלס קאָמי־וואָיאַזשאָר („דראָמער״), און אַלס קאָמערציאַלער רייזנדער האָט ער באַרייזט גאַנץ אַמעריקע און באַזוכט יעדע וויכטיגע שטאָט אין לאַנד. אין די דאָזיגע שטעט פלעגט ער אויפטרעטן אַלס רעדנער און לעקטאָר און פון דאָרטן צושיקן אינטערעסאַנטע רייזע־בילדער קאָרעספּאָנדענצן צו דער „פרייע אַרבעטער שטימע״.

אָנגעקומען איז ער אין שטאָט אין אַ שיינעם זוניגן זונטאג מיטאָג צייט. אָנגעטאָן נעט און שיין, האָט ער אויסגעזען ווי אַ „דיוד״ (איינער וואָס קליידט זיך לויט דער לעצטער מאָדע) — אין שטאַרקע קאָנטראַסט צו דעם אויסזען און קליידונג פון אַ סך אַנדערע ראַדיקאַלע טוער פון יענע יאָרן, וועלכע זיינען ניט געווען איבערקלייבעריש אָדער, בעסער געזאָגט, האָבן זיך ניט געקענט פאַרגינען אָנצוטאָן זיך ווי אַריסטאָקראַטן.

„צי קען מען אַ וועלט איבערמאַכן?״

אין די הויכע דרייסיגער, העכער פון מיטלוואוקס, מיט אַ פּאָר פינקלדיגע שוואַרצע אויגן און לענגלעכן פּנים, האָט ער פאַרמאָגט אַ הייזעריגע, אָבער אַנגע־נעמע, שטימע; און אין משך פון זיין רעדן האָט ער אָפט געמאַכט פלינקע זשעסטן און מימיקס ווען ער האָט געדאַרפט באַטאָנען אַ געוויסן וויכטיגן פונקט אין זיין רעדע.

די טעמע וואָס דער באָסטאָנער גאַסט־רעדנער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין לעקציע איז געווען: „צי קען מען אַ וועלט איבערמאַכן?״

דאָס איז געווען אַן ענטפער צו די באַוואוסטזיניגע פאַרטיידיגער פון

קאַפּיטאַליזם, אָדער פּאָליטישע חי וקים'ס, וועלכע פּלענן אַרומגיין צווישן די פּראָגרעסיווע עלעמענט און טענה'ן אַז דער סאָציאַליזם וועט קיין מאָל ניט פאַרווירקליכט ווערן. פאַר וואָס? ס'זיינען שטענדיג געווען אָרעמע און רייכע, האָבן זיי גע'טענה'ט, און אַזוי וועט עס אייביג זיין. מ'קען די מענטשלעכע נאַטור ניט ענדערן, מ'קען די וועלט ניט איבערמאַכן; און אַנדערע, רעליגיעזע פאַנאַטיקער, האָבן זיך אַפילו פאַרופן אויף דעם פּסוק אין די „הייליגע שריפטן„: „כי לא יחדל האביון מקרב הארץ" (די אָרעמע וועט איר שטענדיג האָבן אַרום זיך.)

אייגעס'עס לעקציע איז טאַקע געווען אַ גוטער ענטפער צו די חכמים (אָדער היפּאָקריטן) וועלכע האָבן זיך געהאַלטן בּאַ זייער „פילאָזאָפיע" פון „אַזוי איז געווען און אַזוי וועט עס זיין, און ס'קען אַנדערש ניט זיין."

אין זיין רעדע, וואָס האָט געדויערט אַ שעה און אַ האַלב, האָט ער געגעבן אַ לענגערן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון געזעל־שאַפטלעכע קלאַסן, אָנהויבנדיג פון פּשוטע שקלאַפעריי, וואו מענטשן האָט מען געקויפט און פאַרקויפט ווי פי, ווי אין דער סאַוט די נעגערס דאָ אין אַמעריקע ביז דעם יאָר 1865; פון שקלאַפעריי ביז פעאָדאַליזם (האַלב שקלאַפעריי), ווי אין פראַנקרייך ביז דער רעוואָלוציע פון 1789; און אין אַלטן רוסלאַנד ביז 1861 — און, ענדלעך, ביז צום מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם פון „פרייע" לוין־שקלאַפעריי, און אַז די קומענדיגע שטופע פון אַנטוויקלונג מוז אומפאַרמיידלעך פירן צום סאָציאַליזם — צו אַ פרייע געזעלשאַפט, אָן אָרעמע אָן רייכע, אָן עקספּלואַטאַטאָרס און אָן עקספּלואַטירטע.

אינטערעסאַנטע פראַגעס און ענטפערס

די פראַגעס און ענטפערס, פּונקט ווי די לעקציע, זיינען געווען אינטערע־סאַנט און באַלערנד. איינער פון די צוהערער, מאַקס קאַפּלאַן, וועמעס נאָמען איז שוין די לייענער באַקאַנט פון פריערדיגע קאַפּיטלען אינ'ם בוך, האָט דעם רעדנער געפרעגט: „ווי אַזוי קענען מיר, אַזאַ קליין הייפעלע מענטשן, באַ־קעמפן דעם קאַפּיטאַליזם וועלכער איז אַזוי שטאַרק און מעכטיג, האָבנדיג אויף זיין זייט די פּאָליציי, די געריכטן, די מיליטער, די געדונגענע גיינגסטערס, די פאַרשטעלטע פריינטשאַפט פון דער דוכאָוונסטוואָ (קלעריקאַליזם)?"

און אייגעס האָט געענטפערט:

אַזוי לאַנג ווי איר דענקט אַז דער הערשנדיגער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז שטאַרק, וועט ער טאַקע זיין שטאַרק. און די סיבה וואָס איר דענקט אַזוי, איז ווייל די אַרבעטער זיינען ליידער ניט פאַראייניגט און צעטיילט, אָבער אַזוי

ל. הינדעס

שנעל ווי די אונטערדריקטע ארבעטער מאסן וועלן אויפגעקלערט ווערן און ווערן קלאסן־באוואוסטזיניג און אנטשלאסן צו קעמפן פאר זייער באפרייאונג, דאן וועט שוין דער הערשנדיגער קאפיטאליסטישער קלאס גאר ניט זיין אזוי שטארק — זיין כלומר׳שטע מאכט וועט צעפאלן ווי א „קארטן־הייזקע", און פארענדיגט זיין ענטפער מיט א ציטאטע פון גוסטאוו הערווע׳ס ארבעטער קאמפס־ליד:

„אלע רעדער בלייבן שטיל
ווען נאר דיין שטארקע ארם עס וויל."

מיט דעם איז אייגעס אויסן געווען צו באהויפטן, אז בלויז דורך א גענעראל סטרייק קען מען ברעכן די מאכט פון קאפיטאליסטישן קלאס און איינפירן סאציאליזם. (די אידייע פון א גענעראל סטרייק אלס א מיטל צו שטירצן די מאכט פון קאפיטאליזם, איז אין יענע יארן געווען די איינשטעלונג פון די אנארכיסטן, כאטש דער רעדנער האט דעםווארט „אנארכיזם" גאר ניט דערמאנט.)

ענטפערנדיג א צווייטן, וועלכער האט געוואלט וויסן צי ס׳איז דא עפעס אן עצה פאר די פעסימיסטן, וועלכע האבן פארלארן דעם גלויבן אז ס׳קען ווען עס איז געשאפן ווערן א בעסערע וועלט, האט דער לעקטאר פארגעלייענט דוד עדעלשטאט׳ס אומשטערבלעכע ווארנונג, אז „דער קען נאר די האפנונג אויף פרייהייט פארלירן, דער וואס האט ניט שטודירט די געשיכטע פון דער וועלט." און האט שטארק אפעלירט צו די אנוועזנדיגע צו לייענען אויפמערקזאם קולטור געשיכטע, שטודירן די געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע פון 1789, די געשיכטע פון אמעריקע׳ס קאמף געגן דער ענגלישער טיראני אין 1776, און די געשיכטע פון דעם בירגער קריג פאר אפשאפונג פון נעגער שקלאפעריי אין אמעריקע אין די יארן פון 1861 ביז 1865.

אט די לעקציע האט אזוי אויסגענומען ביים עולם, אז דער קולטור קאמיטעט האט פאר אים ארגאנזשירט נאך צוויי אדער דריי אוונטן דורכן ווינטער. און פון דאן אן איז אייגעס געווארן אן אפטער גאסט אין פאל ריווער.

אב. זוסמאַנ׳ס "מאַכעטאיסי"

די דריטע לעקציע, וואָס די עדיוקיישאָן קאָמיטע פון ארבעטער רינג האָט אראַנזשירט, איז ליידער געווען אַ דורכפאַל, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אַ גרויסער עולם האָט כמעט אָנגעפילט דעם גרויסן קאָנצערטן זאַל פון „באָים קלאָב" אין אַ קאַלטן רעגנדיגן זונטאג נאָכמיטאָג אין מארטש אָדער אפּריל פון 1910.

דער גאַסט־רעדנער, אב. זוסמאַן, פון ניו־יאָרק, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", אין די פערציגער, מיט אַ פּאָר גערדיכטע שווארצע וואָנצעס, האָט אויסגעקליבן פאַר זיין טעמע „די לעצטע וואַהלן אין ניו־יאָרק" — אַ טעמע אין וועלכע ניינציג פּראָצענט פון די פאַרזאַמלטע זיינען ניט געווען פאַראינ־טערעסירט, ווייל אַלס ניי־אָנגעקומענע אין לאַנד האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען די פּראָצעדורע פון דעם אַמעריקאַנעם וואַהל־סיסטעם. פונ׳ם קלאַסן־קאַמף, אָדער פון דער פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזם, האָט ער גאָר ניט גערעדט, פונקט ווי אַזאַ ענין וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. (מ׳האָט טאַקע דאַן אין פּראָ־גרעסיווע קרייזן זיך געשושקעט, אַז ער איז אַ „וואַסערדיגער סאָציאַליסט„.)

אָבער אַזוי ווי דער „לעקטאָר" האָט מיט זיין רעדע ניט אויסגענומען, האָט ער אָבער אַמוזירט די פאַרזאַמלטע מיט זיין צו־אַפּט דערמאָנען דעם העב־רייאישן אָדער גמרא אויסדרוק „מהיכי תיתי" (איינפאַרשטאַנען, אדרבה), און אין זיין גאַליציאַנעם אַקצענט איז עס אויסגעקומען „מאַכעטאיסי". אבעלע", ווי ער האָט זיך שפּעטער גערופן, האָט אַזוי פיל „מאַכעטאַיסעוויט", אַז אַ סך פון די צוהערער האָבן זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן און הארציג זיך פאַנאַנדער־געלאַכט. . . .

אַ שניידער מיט אַמביציע צו ווערן אַן אָפּערא זינגער

זוסמאַן אָבער איז ניט געווען דער איינציגער אויף דער פאַרזאַמלונג וואָס האָט „אַמוזירט" דעם עולם. די אונטערנעמונג האָט געהאַט אויך אַ פּראָגראַם, און די דאָזיגע „פּראָגראַם" האָט אויסגעפילט ניט קיין אַנדערער ווי אהרן פרידמאַן, באַקאַנט אַלס „אהרן דער שניידער". פון מיטלוואוקס, אין די ערשטע דרייסיגער, מיט אַ ברייטן ווייסן פּנים, מיט שיטערע זומער־שפּרינקלעך, מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן, האָט ער געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַן

ל. הינדעס

אָפּערא זינגער. אין דער אַלטער היים, אין דעם קליין שטעטל קאַפּעטקעוויטש, מינסקער גובערניע, איז ער געווען אַ משורר בא אַ חזן אַלס טענאָר. קומענדיג אין אַמעריקע אין 1905 האָט ער באַשלאָסן אויפצוגעבן די „חזיר'שע שניידעריי" און ווערן אַ פּראָפעסיאָנאַלער זינגער — אויב ניט קיין אָפּערא־זינגער, איז כאָטש אַ זינגער מיט אַ נאָמען. ווען מאקס הורוויץ, דער סעקרעטאר פון א. ר. ברענטש, וועלכער איז אגב געווען זיינער (אהרן'ס) אַ יוגנט־חבר און לאַנדס־מאַן, האָט אים איינגעלאַדן עפּעס צו זינגען בא דער פאַרזאַמלונג, האָט ער, מאקס, געדיינקט אַז ער וועט געבן אַ פּאָר דעמאָלט פּאָפּולערע ארבעטער אָדער פאָלקס־לידער, אָבער אהרן האָט געזאָגט „לא מיט אַן אַלעף"; אָדער, ווי מען זאָגט אין דער ליטע און אין ווייס־רוסלאַנד, „ניט בא מאָטיען!" ער האָט געוואָלט, אַז פאָל־ריווער זאָל וויסן, אַז ער איז ניט אַבי ווער, „עפּעס אַ זינגערל"; און אַז ער האָט אַ שטיקל ידיעה אין אָפּערא אויך. נו, האָט ער גענומען דערלאַנגען . . . איך געדענק לײדער ניט די נעמען פון די אָפּעראס מיט וועלכע ער האָט פּרובירט מכבד זיין די פאַרזאַמלטע, אָבער איך געדענק קלאָר, אַז ס'איז אים נעבעך ניט געגאַנגען . . . ביז ער איז צוגעקומען צו דער באַקאַנטער איטאַליענישער אָפּערא „ריגאָלעטא". אין זאָל האָבן זיך צופעליג געפונען עטלעכע יונגע חברה, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט מיט די טענער פון דער באַרימטער „ריגאָלעטא", און די דאָזיגע יונגע בחורים און מיידלאַך האָבן אים אונטערגעכאַפּט און צוזאַמען מיט זיי דער גאַנצער עולם, און ס'איז אַרויסגעקומען „גוט"!

פאַרנאַכט, נאָך דער פאַרזאַמלונג, ווען די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורמדיגער רעגן — פון די אמת'ע פּרילינג רעגנס — און אַ צאָל פון די אַנוועזנדיגע בא דער אונטערנעמונג — מערסטע יונגוואַרג — האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן ביז דער רעגן וועט אויפהערן, און אַזוי וואַרטנדיג, בא די אַריינגאַנגס טירן, האָבן זיי זיך אַמוזירט מיט זוסמאַנ'ס „מאַכעטאַיסים" און צוגעזונגען „ריגאָלעטא" — אָן דעם „סאָליסט".

ווען די דאָזיגע שורות ווערן געשריבן, איז שוין אַב. זוסמאַן לאַנג טויט. נאָך יאָרן פריער, איידער ער איז געשטאָרבן, איז ער שוין געווען אַרויסגעפאַלן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן פון דער אידישער ראַדיקאַלער משפחה אין אַמעריקע. ער האָט זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער דעמאָלטיגער פילאַדעלפיער כל ישראל צייטונג, „אידישע וועלט", וואו ער האָט געשריבן אונטער זיין אַליין פאַרצערטלטן נאָמען אַבא'לע".

צי אהרן איז געוואָרן אויס שניידער און געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנאַלער

פאָל ריוועַר — אַמאָל און היינט

זינגער, ווייס איך ליידער ניט, נאָר עטלעכע יאָר נאָכדעם ווי איך האָבן פאַר־לאָזן פאָל־ריוועַר, האָב איך געהאַט פון אים אַ גרוס, אַז ער האָט מיט מזל חתונה געהאַט מיט אַ פאָל־ריוועַר מיידל און איז געוואָרן אַ טאַטע פון קיין עין הרע פיר שייניניקע קינדערלאַך. איך האָף, אַז ער לעבט און געזונט און איז גליקלאַך מיט זיין פאַמיליע. אהרן, געדיינק איך, איז געוועזן אַ גוט־האַרציגער מענטש. אַ ליבהאָבער פון אידישער פּראָגרעסיווע ליטעראַטור, האָט ער געשטיצט מיט דער פולער האַנט אַלע קולטור־אינסטיטוציעס, אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע האָבן זיך געווענדט צו אים נאָך הילף.

ל. הינדעס

„שאַ“, „שין“, שואל יאַנאָווסקי

אַ דריי אָדער פיר וואָכן נאָך דעם פריערדיגן רעדנער, זוסמאַן „מאַכע־טאַיסי“, איז, אין אַ קאַלטן אָבער זוניקן זונטאָג פון אַפּריל, 1910, אָנגעקומען צום ערשטן מאָל אין שטאָט פאַר אַ לעקציע דער דעמאָלט באַרימטער רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער וואָכן־בלאַט „די פרייע אַרבעטער שטימע“, ש. יאַנאָווסקי, אָדער, ווי געוויסע ראַדיקאַלן האָבן אים גערופן: „שאַ“ און „שין“ יאַנאָווסקי (באַ זיינע נאָענטע פּערזענלעכע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע האָבן אים געקענט נאָך פון לאָנדאָן, איז ער געווען: שואל יאַנאָווסקי). אויסער אַלס פּיאָניר רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער און אַנטי־רעליגיעזער צייטונג, איז ער אין די יונגע יאָרן אויך געווען באַקאַנט אַלס גלענצנדיגער רעדנער און לעקטאָר (לעקטשורער, ווי מ'האָט עס דעמאָלט גערופן). מיט זיינע וויציגע רעדעס האָט ער געצויגן מאַסן צוהערער — ניט נאָר צווישן די ראַדיקאַל געזאָנענע, נאָר אויך צווישן רעליגיעזע אידן. די לעצטע זיינען אים געקומען הערן ווען ער האָט גערעדט איבער אַן אַנטירעליגיעזע טעמע. זיי האָבן אים געוואָלט הערן כדי צו וויסן ווי צו „אַרגומענטירן“ מיט'ן אַ ניט־גלויביגן — נאָכצופאָלגן דעם פּסוק: „ודע מה שתשיב להפיקורס“ (און זאָלסט וויסן וואָס צו ענטפערן אַן אַפּיקורס). אין די הויכע פּערציגער, פון מיטלוואוקס, מיט אַ קורץ־געשאָרענע שוואַרצע בערדל, מיט אַ פּאָר גרויסע כיטרע אויגן, האָט ער, אין זיין שוואַרצן מאַנטל און שוואַרצן ווייכן קאַפּעליוש, אויסגעזען מער ווי אַ היימישער קליין־שטעטלדיגער אָרטאָדאָקסישער רב'ל איידער אַן אַפּיקורסישער שרייבער און רעדנער.

גלויביגע „אַנטוישט“

צו דער פאַרזאַמלונג זיינען טאַקע געקומען אַ צאָל רעליגיעזע אידן, וועלכע מ'האָט באַ פריערדיגע לעקציעס קיינמאָל ניט געזען. זיי האָבן דערוואַרטעט צו הערן ווי דער ניו־יאָרקער רעדנער „שילט גאָט אין טאַטן אריין“, „הייסט עסן חזיר אום יום־כפור“, ראַט אידישע בחורים חתונה האָבן מיט „שיקסעס“ און אידישע מיידלאַך מיט „שקצים“. אָבער זיי זיינען אוועק אַנטוישט. יאַנאָווסקי האָט „אַזעלכע זאַכן“ גאָר ניט דערמאָנט. ער האָט גערעדט איבער דער טעמע: „גלויבן און פאַרנונפט“, אין וועלכע ער האָט געגעבן אַ היסטאָריש־וויסנשאַפט־

לעבן איבערבליק איבער דער אנטשטייאונג פון רעליגיע (אמאָל האָט עס געהייסן „רעליגיאָן", אָדער „רעגיליאָן", ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט. דער פאַרשטאָרבענער גרויסער אידישער געלערנטער האָט גע'טענה'ט, אַז אידישע שרייבער און רעדנער דארפן באַנוצן די זעלביגע שפּראַך און די אויסדרוקן פּונקט ווי ד'ער המון. און ווי באַלד דער „פּראָסטער פאָלק" רופט רעליגיאָן „רעגיליאָן", דאַרף טאַקע בלייבן „רעגיליאָן". אָבער אין דער פּראָגרעסיווער אידישע פּרעסע זיינען היינט ניטאָ קיין „רעליגיאָנען" און קיין „רעגיליאָנען" — „רעליגיע" איז דער פּאַסנעדנדסטער וואָרט. — ל. ה.)

דער פּרימיטיווער מענטש, האָט דער רעדנער אָנגעפאַנגען, האָט ניט פאַרשטאַנען די פּאַרבאָרגענע נאַטור־געזעצן; ער האָט ניט געוואוסט די סיבות פון די גרויזאַמע נאַטור־דערשיינונגען, ווי די שטורם־ווינטן וואָס רייסן ארויס ביימער מיט די וואָרצלען, ערד־ציטערניש, פאַרפלייצונגען, עפּידעמיעס, און אַנדערע נאַטור־גרויזאַמקייטן וואָס פּלאָגן דער מענטשהייט. נו האָבן זיך דאַן באַוויזן „וויסנשאַפטלער" וועלכע האָבן שטודירט די אַלע נאַטור דערשיינונגען; זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו ציילן די טעג און די מאָנאַטן ווען עס פאַנגען זיך אָן און ווען עס ענדיגן זיך די פיר סעזאָנען. זיי האָבן געציילט די טעג און געוואוסט ווען די וואַסערן פון די גרויסע טייכן הויבן זיך פון די ברעגעס און פאַראורזאַכן פאַרפלייצונג, און האָבן באַצייטנס געוואָרנט די איינוואוינער פון יענע געגנטן צו פאַרלאָזן זייערע היימען ביז די פאַרפלייצונג וועט אויפהערן. די דאָזיגע „וויסנשאַפטלער", ווי מ'האָט דאַן גערופן די „חרטומים" אָדער „שטערן זעער", האָבן אויך געוואוסט ווי צו ציילן די שטונדן פון זונען־אויפגאַנג און פון זונען־אונטערגאַנג אין די פיר סעזאָנען. זיי האָבן אויך געוואוסט ווי צו היילן, אויפ'ן פּרימיטיוון שטייגער, פאַרשטייט זיך, געוויסע קראַנקהייטן. די דאָזיגע חכמים אָבער, האָט דער לעקטאָר פאַרגעזעצט, האָבן זייער וויסן ניט געטיילט מיט'ן פאָלק. נאָר זיי האָבן די פּרימיטיווע מענטשן איינגעשמועסט אַז אַלץ וואָס זיי ווייסן קומט פון דעם וואָס זיי שטייען אין פאַרבינדונג מיט אַן אומזיכטבאַרע קראַפט, וואָס זיי האָבן באַצייכט אַלס „גאָט"; אַז פאַר יעדע נאַטור דערשיינונג איז דאָ אַ באַזונדערער „גאָט" — אַ גאָט פון דונער, פון בליצן, פון רעגן, פון דער זון, פון וואַסער, א. א. וו. און פאַר די דאָזיגע געצן האָט מען געבויט ריזיגע טעמפּלען. די זעלביגע חרטומים האָבן אויך איינגערעדט דעם פאַרצייטיגן מענטשן, אַז מיט תפילה טוענדיג צו די געצן און ברייגנען זיי קרבנות אין רינדער און ווייגען קען מען אויסגעהיט ווערן פון אַלע צרות. און אַזוי ווי די ליימענע געצן קענען ניט עסן און קענען ניט טרינקען, זיינען די שעפּסן, די קעלבער און די ווייגען געבליבן באַ די חכמים, וועלכע זיינען געווען די באַלעבאַטים פון די טעמפּלען און וועלכע האָבן גע־

ל. הינדעס

פראוועט די מאָדנע פאַנטאַסטישע צערעמאָניעס, וועלכע זיי האָבן גערופן „גאַטעסדינסטטע". אַזוי ווי די „פּריסטער" מיט זייערע באַדינער האָבן ניט געקענט אויפעסן די אַלע שעפּסן און קעלבער און ניט געקענט אויסטרינקען אַלע וויינען פון די קרבנות, האָבן זיי דאָס פאַרקויפט אָדער אויסגעביטן אויף סחורות וועלכע ווערן ניט אַזוי גיך קאַליע. און ווי ס'זעט אויס, האָבן די דערמאָנטע חכמים דאָן געטאָן ניט קיין שלעכטע ביזנעס . . . הונדערטע, אָדער טויזנטע יאָרן שפּעטער, האָבן אַנדערע חרטומים דערפונדן אַן „אומזיכטבאַרן גאָט" וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט מיט אירע מענטשן און איז פאַרבליבן דער „אַליין־הערשער" איבער אַלעס, און האָט אויך באַשטימט די „גנזאַלבטע" שליחים, ווי משה רבינו, יעזוס קריסטוס, מאַהאַמעד און די אַנדערע, אויך מיט אַ „יענע וועלט" — מיט „אַ גיהנום און גן עדן".

און פאַרענדיגט האָט דער ניו־יאָרקער גאַסט־רעדנער מיט דער דער־קלערונג, אַז אַלע רעליגיעס שטאַמען פון איין היסטאָרישן קוואַל (ווי דער דייטשישער פילאָזאָף און דראַמאַטורג, אפרים גאָטהאָלד לעסינג, דערקלערט אין זיין אומשטערבלעכע דראַמע „נתן חכם" („נאַטהאַן דער ווייזע"), אַז אַלע רעליגיאָנען זיינען אין אַ סך פּרטים ענלעך איינע צו די אַנדערע — מיט זייערע אַזוי גערופענע עטישע און מאָראַלישע געזעצן — מיט די צען געבאָטן. זיי אונטערשיידן זיך בלויז אין די אָנגענומענע צערעמאָניעס און מנהגים.

מערסטע פון די גלויביגע וואָס זיינען אַנוועזנד געווען צו דער לעקציע האָבן ניט געהאַט וואָס צו פרעגן דעם רעדנער אָדער וואָס אויסצוזעצן. דער גאַסט האָט קיינעם ניט געשאָלטן, קיינעם ניט געזידלט און קיינעם ניט אָפּגעלאַכט. נאָר איין יונגער מאַן, אַ שוואַרץ חנ'עוודיגער בחור'ל אין די צוואַנציגער, איז ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט דעם לעקטאָר'ס באַהויפּטונג אַז אַלע רעליגיעס זיינען ענלעך איינע צו די אַנדערע, און פאַלגליך איז איין „גלויבן" ניט בעסער און ניט ערגער ווי די צווייטע. דער בחור'ל, וועלכער איז געווען אַ העברעיי־אישער לערער און זיך געשניטן צו ווערן אַ מאָדערנער ראַבאַי, האָט אין זיין פראַגע גע'טענה'ט, אַז די אידישע רעליגיע איז בעסער ווי די „גויאישע".

— פאַר וואָס? האָט דער רעדנער געוואָלט וויסן.

— ווייל — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט — בא אידן ווערט שטרענג אָפּגעהיט דעם פּרינציפּ פון „טהרת המשפּחה" (די ריינקייט פון דער פאַמיליע).

דער רעדנער איז ניט מסכים געווען, אַז בא אידן ווערט אָפּגעהיט די טהרת המשפּחה גאַנצע הונדערט פּראָצענט. אָבער דער פראַגע שטעלער, וועל־כער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס „קאָהען דער היברו טיטשער", האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און באַשטאַנען אויף זיין „טעאָריע".

— טו וואָס ווילט איר וואָס? — בעט זיך יאַנאָווסקי בא דעם

צוקונפטיגן ראַבאַי קאָהען — איך זאָל אייך מיטברייינגען דעם צעטל פון אַלע אידישע ממזרים? —

דער גאַנצער עולם אין זאַל האָט אויסגעשאָסן מיט אַ לאַנג־דויערנדיגן געלעכטער. . . .

אין זיין שלום־וואָרט האָט יאַנאָווסקי ערנסט דערקלערט, אַז זיין רעליגיע איז די זעלבע רעליגיע וואָס דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און קעמפער פאַר אַמעריקע׳ס באַפרייאונג פון ענגלישן יאָך, טאָמאַס פּעין, האָט געפּריידיגט: „די וועלט איז מיין פאָטערלאַנד און צו טאָן גוטעס איז מיין רעליגיע״.

וואָס פון שואל יאַנאָווסקי׳ן, דעם פריידענקער, הומאַניטאַר, קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט, איז געוואָרן מיט זיבן יאָר שפּעטער — דעם 7טן נאָוועמבער, 1917 — ווען דער רוסישער פאָלק האָט זיך ענדליך באַפרייט פונ׳ם יאָך פון זיינע אונטערדריקער — די צאַרסקע קליקע, די פּריצים, די באַנקירן און די קאָרופּטע גייסטלעכע — איז אַן ענין פאַר זיך. מיר וועלן זיך נאָך מיט אים באַגעגענען בא אַן אַנדער געלעגנהייט.

מ. קאַטץ און מ. זאַמעטקין

די לעצטע צוויי רעדנער פונ׳ם לעקטשור סעזאָן אין פאָל ריווער אין דעם יאָר 1910 זיינען געווען מ. קאַטץ און מ. זאַמעטקין פון ניו־יאָרק, ביידע אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן אין דער דעמאָלטיגער אידישער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין ניו־יאָרק און אין גאַנץ אַמעריקע. ביידע זיינען געווען איבעראַשט צו הערן אַז אין פ. ר. געפינט זיך אַ גרופּע אידישע ראַדיקאַלן וועלכע באַמיען זיך צו טאָן וויכטיגע קולטור־אַרבעט און איינאָרדענען אַזעלכע אונטערנעמונגען מיט געסט־רעדנער פון ניו־יאָרק. זיי האָבן נאָך פריער באַזוכט אַזעלכע שטעטלאַך אין מאַסאַטשוזעטס, ווי לין, טשעלסי, הייווערהיל, בראָקטאָן און ספּרינגפילד. (די ערשטע פיר זיינען דאַן געווען צענטערס פון דער שיך אינדוסטריע פון אַמעריקע — ל. ה.) אָבער אַז אין דעם ערשטן צענטער פון דער טעקסטיל אינדוסטריע פון אַמעריקע געפינען זיך אויך „מענטשן״ — פון דעם האָבן זיי פריער קיין מאָל ניט געוואוסט, און ס׳איז פאַר זיי געווען, ווי געזאָגט, אַן אַנגענעמער סורפּריז. . . .

מ. קאַטץ (ניט משה כ״ץ) איז אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָר הונדערט געווען באַוואוסט אַלס פייאיגער פּובליציסט און גלענציגער לעקטאָר. אָריגינעל איז ער געווען אַן „עסעראָווועץ״, אַ מיטגליד פון דער רוסלענדער פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, באַקאַנט אונטער׳ן פאַרקירצטן נאָמען „עסער״.

ל. הינדעס

אָבער אין די יאָרן פון 1905 און 1906 האָט מען אים שוין געהערט רעדן אויף מאַסנפאַרזאַמלונגען פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן (אָדער, ווי מ'האָט זיי דאַן גערופן: „עסעסאָוויצעס"), וועמעס פּראָגראַם איז געווען אַ אידישע טעריטאָריע — ניט גראַד אין פּאַלעסטינע — אַ פּראָגראַם וואָס איז געווען להיפּוך צו די פּראָגראַמען פון די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, פון די סאָציאַל דעמאָקראַטן, פון „בונד" און פון די אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען געווען אומקאָמפּראָמיסלעכע אינטערנאַציאָנאַליסטן (די ציוניסטישע סאָציאַליסטן האָבן זיי געשטעמפּלט אַלס „אַסימילאַטאָרן").

אָבער ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער, קאַטץ, האָט געביטן זיינע פּרינציפּן און איז שפּעטער געוואָרן אַ מיט־רעדאַקטאָר פון דער נייער „אומפּאַרטייאישער" טעגלעכער צייטונג, די „וואָרהייט", האָבן פּראָגרעסיווע מענטשן פון אַלע ריכטונגען געהאַט פונדעסטוועגן פאַר אים גרויס אָפּשיי. ער איז געווען, האָט מען געדיינקט, ערנסט אין זיינע איבערצייגונגען און איז אויך געווען אַ עכטער געבילדעטער מענטש. אין די ערשטע פּופּציגער, פון הויכן וואוקס, מיט העל־ברוינע וואָנצעס, נעט אין אויסזען און נעט געקליידעט אין אַ לאַנגן ברוינעם אויבער־ראָק און אַ האַרטע ברוינע העט, מיט אַ שטעקן אין האַנט, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַמעריקאַנעם קאָלעדזש פּראָפעסאָר.

„פּראָגרעס און רעגרעס"

אין אַ לאַנגע רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אַ זונטאָג אָוונט אין דעם־זעלבינן „באָיעס־קלאָב", האָט דער ניו־יאָרקער לעקטאָר אין אַ געלאַסענע שטימע געגעבן אַ גענויעם איבערבליק איבער'ן פּראָגרעס וואָס דער מענטש האָט געמאַכט פון די סאַמע אור־־אַלטע צייטן, זינט ער האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד — פּראָגרעס אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער אַקטיוויטעט, ווי אינדוסטריע, קולטור, וויסנשאַפט, און סאָציאַלע רעכטן און פרייהייטן. ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז די אַלע אויסבעסערונגען אין מענטשליכן לעבן זיינען ניט געקומען פון זיך אַליין, נאָר זיי זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן, ווייל יעדער פאַרזוך צו פאַרבעסערן און מאַכן דאָס לעבן מער אָנגענעם, האָט זיך אָנגע־שטויסן אָן דער מעכטיגער אָפּאָזיציע פון די הערשנדיגע קלאַסן. יעדע דער־פינדונג פון אַ נייע מאַשין וואָס קען אויסבעסערן די אַגריקולטור און אינדוס־טריע און דערמיט אויפהויבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן, איז ביטער באַקעמפט געוואָרן פון די דעמאָלטיגע גרויסע לאַנד־אייגנטימער, וועלכע האָבן דערוואָרבן ריזיגע פאַרמעגנס באַשעפטיגנדיג שקלאַפן. די זעלביגע הערשנדיגע קלאַסן — די פּריצים, די קירך און די הויכע רעגירונגס באַאַמטע — האָבן אויך

ביטער באַקעמפּט יעדע נייע אינאָוואַציע אויפ'ן פעלד פון וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור און אין געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, און אַזוי קעמפנדיג פאַר פּראָגרעס, האָט דער לעקטאָר פאַרגעזעצט, האָבן די קעמפער געמוזט אָפט מאַכן אַ צייטווייליגן צוריקטריט, וואָס ווערט אין דער געשיכטע באַצייכנט אַלס „רעגרעס”. אָבער ענדלעך האָט דער קאַמף פאַר פּאָרטשריט דאָך געוואונען.

און פאַרענדיגט האָט מ. ק. זיין לעקציע מיט דער דערקלערונג, אַז דער לעצטער קאַמף פון די אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע מאַסן וועט זיין פאַר אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אינגאַנצן און איינפירן אַ פרייע געזעלשאַפט אָן אָרעמקייט, אָן אומוויסנהייט, אָן עקספּלואַטאַטאָרס און אָן עקספּלואַטירטע, און אָן פּאַראַזיטן — וואו קיינער וועט נישט לעבן פון יענעמ'ס פּראַצע — סאָציאַליזם. (וועגן זיינע פּרינציפּן פון אַ אידישע טעריטאָריע האָט ער נישט גערעדט, פּונקט ווי די אַנאַרכיסטישע רעדנער פאַר אים — אייגעס און יאַנאָווסקי — האָבן אין זייערע רעדעס נישט דערמאָנט דעם אַנאַרכיזם. — ל. ה.)

די לעקציע, בכלל, איז געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע. ליידער אָבער האָט דער לעקטאָר נישט אויסגענומען ביים גאַנצן עולם, ווייל ער האָט באַנוצט אַ הויכע שפּראַך (טאַקע אַ פּראָפעסאָרישע), וועלכע אַ סך פון די פאַרזאַמלטע האָבן נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. אַ צאָל פון מיינע שכנים צוהערער האָבן בעת זיין ריידן, געכאַפּט אַ געשמאַקן דרעמל . . . אַנדערע זיינען געזעסן מיט פאַרקרימטע פּנימ'ער, אויס פאַרדרוס וואָס זיי פאַרשטייען נישט דעם רעדנער. און כדי אויפצווועקן די שלאָפנדיגע און דערמוטיגן די „פאַרקרימטע”, האָט מ. קאַטץ געמאַכט אַ מאָדנעם זשעסט: ער האָט אָפּגעטראָטן עטלעכע שריט פונ'ם סטענדער אין דער ברייט פון דער פּלאַטפאָרמע און אויסגערופן: איך וועל אייך וויזן אַ ביישפּיל פון פּראָגרעס און רעגרעס. צוקומענדיג צוריק צום סטענדער, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז פּראָגרעס”, און צוריקטרעטנדיג, האָט ער דערקלערט איז „רעגרעס”.

דער דאָזיגער ”זשעסט”, אָדער „דעמאָנסטראַציע”, איז טאַקע געפעלן געוואָרן די פאַרזאַמלטע, אָבער דער רעדנער האָט פאַרלאָזן דעם זאַל זייער אַנטוישט, ווייל קיינער האָט אים נישט געשטעלט קיין פראַגן. איידער ער איז אַרויס פון זאַל איז ער צוגעקומען צו מיר מיט דער טענה: ”פאָר וואָס האָט איר מיר גאָר נישט געפרעגט?” איך בין געבליבן אין פאַרלעגנהייט, כ'האָב נישט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן.

מיר איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, אַז רעדנער ווערן שרעקלעך אַנטוישט ווען קיינער שטעלט זיי נישט קיין פראַגן. פון דאַן אָן האָב איך שוין געזען אַז רעדנער זאָלן נישט אַראָפּגיין פון דער פּלאַטפאָרמע „מיט ליידיגן” . . . און אַוועקפאָרן פון שטאָט ברוגז. ווען איך האָב געזען ענדע פון דער רעדע, אַז אַלע „שווייגן”,

ל. הינדעס

האָב איך, כדי צו „ברעכן דעם אייז", געשטעלט דעם רעדנער אַן אומוויכטיגע פראַגע — אַ פראַגע וואָס איך האָב אַליין געוואוסט דעם ענטפער. אָבער נאָך מיר זיינען שוין געפלויגן נאָך פראַגן, און די רעדנער האָבן מיר הארציג באַדאנקט דערפאר מיט ווארעמע קאָמפּלימענטן פאר מיין גוטן איינפאל . . . און איינער פון די געהויבענע גאַסט־רעדנער, וועלכער האָט מיר באַשאַנקען מיט ווארעמע קאָמפּלימענטן, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער אומפארגעסליכער קאַרל ליבקנעכט, וועמען די יונקערס האָבן, צוזאַמען מיט ראָזא לוקסענבערג, דערמאָרדעט אין בערלין דעם 15טן יאַנואַר, 1919.

מ. זאַמעטקין

מיט זיין „כ'וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד"...

דער צווייטער רעדנער נאָך קאַטצן איז געווען מ. זאַמעטקין, וועלכער איז אין יענע יאָרן געווען פארעכנט אַלס איינער פון די גדולים אין דער אידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. געקומען אהער אין די ניינציגער יאָרן פון אַלטן צארישן רוסלאַנד, וואו ער האָט געקעמפט אין די רעוואָלוציאָנערע רייען פאר שטירצן דעם גאַנצן דאָרטן בלוטיגן רעזשים פון רעאַקציע, אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען און פון אַרבעטער אונטערדריקונג. דאָ אין אַמעריקע האָט ער פאָרגעזעצט זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט אַלס רעדנער און שרייבער פון פּראָגרעסיווע צייטונגען און זשורנאַלן. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". ער איז אָבער פון דאָרטן „ארויסגעפאַלן" אין 1906, ווען זיין פרוי, אַדעלאַ קין זאַמעטקין, איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטערן אין דער ניי־געגרינדעטער „אומפּארטייאישע" טעגלעכע צייטונג, די „ווארהייט". (אַזוי האָט מען דאַן געשמועסט. צי דאָס איז אינגאַנצן אמת, קען איך ניט קאַווירן. — ל. ה.)

זאַמעטקין איז געווען גאַנץ אַנדערש פון דעם פריערדיגן רעדנער, מ. קאַטץ, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ פּראָפעסאָר און באַנוצט אַ הויכע שפּראַך, וועלכע דער דורכשניטלעכער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש האָט ניט גוט פארשטאַנען. מ. ז., דעמאָלט אין די הויכע פופציגער, פעסט געבויט, העכער פון מיטל־וואוקס, מיט אַ פּאָר גרויס גרויע אויגן אין זיין פולן קייַלעכדיגן פּנים, האָט פארמאָגט אַ מעכטיגע שטימע — אַ שטימע וואָס מ'האָט געהערט פון רעדנער אויף די „אָפּן־עיר" (דרויסנדיגע) מיטינגען, אָדער פון באַרימטע לאַיערס (אַדוואָקאַטן) אין די געריכט הייזער — און האָט באַנוצט די לייכטע חנוו'דיגע פאָלקס־שפּראַך וואָס אַלע האָבן געקענט פארשטיין.

פּאָל ריוועל — אַמאָל און היינט

„איז טאַקע דאָ אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע?"

די טעמע וואָס דער ניו־יאָרקער סאָציאַליסטישער רעדנער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין לעקציע דעם זונטאג אָוונט פאַר דער פּאָל ריוועל ראַדיקאַלע גרופּע איז געווען: "איז טאַקע דאָ אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע?" ער האָט קאַטעגאָריש געלייקנט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדאַ. דערקלערנדיג, אַז דער איינציגער „אַנטיסעמיטיזם" אין אונזער לאַנד ווייזט זיך אַרויס מיט דעם וואָס יונגע איירישע „באָמס" פון די סלאַם־געגענטן באַוואַרפן מיט שטיינער אידישע באַבערדלטע רעגנס־פּעדלער און רופן זיי „שיני וויסקי" (אידישע באָרד). און פון דער זעלביגער פּלאַג, האָט ער געזאָגט, ליידן אויך די איטאַליענישע פּושקאַרט פּעדלער, ווען די זעלביגע איירישע קליינע שקצים רופן „גיני", אָדער „וואָפּ". אָבער אָרגאַניזירטע באַנדעס אַנטיסעמיטן, ווי אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן, זיינען אין אַמעריקע ניטאָ. (אין יענע יאָרן — אין דעם ערשטן צענדליג פון היינטיגן יאָר־הונדערט — זיינען ניט געווען אין אַמעריקע די היינטיגע, ימח שמם, די דזשעראַלד סמיטה, „פאַדהער" קאַגלין, און די אַנדערע שונא ישראל באַנדיטן. — ל. ה.) ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז ס'איז דאָ נעגערהאַס — ניט נאָר אין די סאַוט נאָר אויך אין די נאָרטערן שטאַטן.

מ. ז.'ס דערקלערונג אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין סימן פון אָרגאַניזירטן אַנטיסעמיטיזם, האָט ער געגעבן אַלס אַ דירעקטן ענטפער צו דער דעמאָלטיגער באַוועגונג פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (אָדער נאַציאָנאַליסטישע סאָציאַליסטן, אונטער דער פירערשאַפט פון אַזעלכע בארימטע פּערזענלעכקייטן ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, יאָזעף באַראָנדעס, דער דערמאָנטער מ. קאַטץ, איינער מיט'ן נאָמען פּאַיפּמאַכער (זיין ערשטן נאָמען געדיינק איך ליידער ניט), אַב. גאָלדבערג, און אַנדערע, וועלכע האָבן גע'טענה'ט, אַז אין אונזער נייע לאַנד איז יאָ דאָ אַנטיסעמיטיזם, פּונקט ווי אין די אייראָפּייאישע לענדער, און אַז די איינציגע לייזונג פאַר דער אידישע פראַגע איז אַ אידישע טערריטאָריע. (אין די קיבעצאַרניעס און אין די קאָרידאָרן פון די לעקציע זאַלן האָט מען דאַן געשמועסט אַז די אָנפירער פון דער באַוועגונג פאַר אַ טעריטאָריע אַלס אַ מיטל פּטור צו ווערן פון דער פּגה פון אַנטיסעמיטיזם, שפּילן אַריין, באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג, אין די הענט פון קאַפּיטאַל, מיט דעם וואָס זיי ציען אָפּ די אידישע אַרבעטער־מאַסן פון קלאַסן־קאַמף — פון דער טרייד יוניאַן און סאָציאַליסטישער באַוועגונג — פון קאַמף פאַר העכערע שכירות, פאַר קירצערע אַרבעט־שטונדן און פאַר אַ בעסערע פרייע וועלט — פּונקט ווי דאָס האָבן געטאָן די אידישע בורזשואַזנע פרויען אין די טעקסטיל־שטעט אין לאָדזש

ל. הינדעס

און ביאַליסטאָק מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען ס'זיינען דאָרט אָנגעגאַנגען פאַר־צווינגענע וועבער־סטרייקס. די דאָזיגע „אַריסטאָקראַטקעס", כלומר'שט אין נאָמען פון ציוניזם, פלעגן אַרומגיין צווישן די אויסגעהונגערטע וועבערס און שטראָפן זיי פאַרוואָס זיי סטרייקן.

— צו וואָס דאַרפט איר, אידן, זיך בונטעווען? — האָבן זיי געשריען — מיר'ן דאָך באַלד אַלע זיין אין ארץ ישראל און מיר'ן דאָך אַלע זיין גבירים. . . .

(אין פאַרבינדונג מיט דער דעמאָלטיגער אַגיטאַציע פאַר אַ „טעריטאָריע" געדענקט זיך אַן אינטערעסאַנטער אינצידענט באַ דר. זשיטלאָווסקי'ס אַ לעקציע אין קלינטאָן האָל, ניו־יאָרק, אין אַ ווינטערדיגן אָוונט פון 1905 אָדער 1906. אַ מיידל האָט גענומען דעם רעדנער אויף אַ קרייץ־פאַרהער: — זאָגט אונז, געערטער דר. זשיטלאָווסקי, האָט זי געבעטן אים אין אַ זייער אָנגענעמע אָבער במעט וויינענדיגע שטימע — „וואוהין פירט איר די אידישע אַרבעטער־מאַסן? וואָס איז אייער ציל?"

דאָקטאָר זשיטלאָווסקי האָט, פאַרשטייט זיך, געלייקנט אַז ער זוכט אָפּ־צושוואַכן באַ די אידישע אַרבעטער־מאַסן זייער קאַמפּלוסטיקייט פאַר העכערע וויידזשעס און פאַר בעסערע באַדינגונגען.)

ווען איינער פון די צוהערער האָט געפרעגט דעם לעקטאָר זאַמעטקין, צי איז עס ניט אַ פאַקט אַז אין געוויסע קריסטלעכע האָטעלס לאָזט מען ניט אַריין קיין אידן, האָט ער צוגעלייגט די דלאָניע צום ברעג מויל, זיך איינגעבויגן פון דער פּלאַטפאָרמע צום עולם און שטיל געענטפערט: „כ'וועל אייך אויס־זאָגן אַ סוד: די אייגנטימער פון די האָטעלס וואו מ'לאָזט ניט אַריין קיין אידן זיינען אַליין אידן!"

די שטילקייט פון דעם „סוד" האָט מען גוט געהערט אין אַלע ווייטע ווינקעלאַך פון גרויסן זאַל . . . דעם זעלבן ענטפער האָט מ. ז. געגעבן אַלע אַנדערע פראַגע־שטעלער. אַ האַ! — האָבן זיך געהערט שטימען נאָך דעם ענטפער פון דער צווייטער פראַגע — ער פּראַוועט דאָ די זעלבע שטיק ווי אין ניו־יאָרק. . . .

פאַר וואָכן און מאָנאַטן לאַנג האָט מען אין אידישן קוואַרטאַל זיך גע־ווויצלט איבער זוסמאַנ'ס "מאַכעטאַיסי" און זאַמעטקינ'ס „כ'וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד", נאָכמאַכנדיג זיין זשעסט. . . .

ביידע האָבן זיך איבערגעקוליעט אין 1917

מ. קאַטץ און מ. זאַמעטקין זיינען שוין לאַנג טויט — אומגעפער אַ יאָר צוואַנציג. נאָך איידער זיי זיינען געשטאָרבן, האָבן זיך די צוויי אַמאָליגע

ניו־יאָרקער גדולים אומגעקערט מיט'ן רוקן צו זייערע אַמאָליגע פרייהייטס־אידעאַלן פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט און געליטן — פאַר דער באַפרייאונג פון די רוסישע אונטערדריקטע פויערים און אַרבעטער־מאַסן פון דעם אומדערטרעגלעכן יאָך פון זייערע אונטערדריקער — די צאַרישע קליקע מיט אירע פריצים און קאַפּיטאַליסטן. באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע זיינען זיי עפנטלעך אַרויסגעטראָטן נעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — די איינציגע סאָציאַליסטישע מלוכה אין דער וועלט. זיי האָט אַפּנים שטאַרק פאַרדראָסן וואָס לענין און זיינע מיט אַרבעטער האָבן באַ זיי ניט אָנגעפרעגט ווען און ווי אַזוי דורכצופירן דעם דערפאַלגרייכן אויפשטאַנד דעם 7טן נאָוועמבער, 1917, וואָס האָט אויף אייביג און פולשטענדיג באַפרייט די האָרעפּאַשנע רוסישע מאַסן און דערפירט זיי צו אַ ליכטיגע צוקונפט.

לאָקאַלע רעדנער

אויסער די אימפּאָרטירטע רעדנער און לעקטאָרן פון באָסטאָן און ניו־יאָרק האָט דער קולטור קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג אויך איינגעאָרדנט אונטערנעמונגען מיט שטאָטישע רעדנער. די ערשטע איז געווען אַ האַי סקול לערערין, וועלכע האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטע לעקציע איבער אַסטראָנאָמיע מיט לעבעדיגע בילדער. אַ סך פון די צוהערער האָבן ניט גוט פאַרשטאַנען די ענגלישע אויסדרקן וואָס די לעקטאָרין האָט באַנוצט אין איר רעדע, דערפאַר האָט באַ זיי שטאַרק אויסגענומען די ליכטיגע בילדער פון דעם פּלאַנעטן־סיסטעם פון וועלכן אונזער באַקאַנטע ערד איז אַ טייל.

די צווייטע איז געווען דר. אַנטואַנעט קאָניקאָוו (גראַד פון באָסטאָן), וועלכע איז געווען גוט באַקאַנט אין די סאָציאַליסטישע קרייזן אין גאַנץ מאַסאַטשוזעטס. זי האָט גערעדט איבער די לעצטע וואַלן אין מילוואָקי, וויסקאָנסין, וואו עס זיינען דערוויילט געוואָרן דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן, וויקטאָר ל. בערגער, און דער מעיאָר פון מילוואָקי, עמיל זיידל. אין משך פון איר אינטערעסאַנטן פאָרטראַג אין אַ פאַרשטענדלעכן דייטש, האָט די דאָקטאָרישע, צווישן אַנדערן, שפּאַסיג באַמערקט, אַז די שילדן איבער די סאַלונס (שיינקען) מיט דעם אויפשריפט: „שליצ'ס ביר וואָס האָט באַרימט געמאַכט מילוואָקי", וועט דאַרפן אומגעביטן ווערן מיט'ן אויפשריפט: „מעיאָר זיידל וואָס האָט באַרימט געמאַכט מילוואָקי."

די דריטע אונטערנעמונג מיט לאָקאַלע רעדנער איז געווען מיט דעם אידישן יונגן דאָקטאָר שוואַרץ (אויסער דר. שוואַרצ'ן זיינען דאַן אין שטאָט געווען נאָך צוויי אידישע דאָקטוירים — דר. העריס און דר. ענטין. דער

ל. הינדעס

ערשטער איז געווען אַ דייטשישער איד. ווען אים האָט מען אין שטאָט דער־ציילט פון אַ מאָדנע דערפאַרונג וואָס ער האָט געהאַט מיט זיינע אַ אידישע פּאַציענטקע. איינמאָל, ווען ער איז איר געקומען באַהאַנדלען, האָט ער, ווי דער שטייגער איז, איר געפרעגט ווי זי פילט. „אויף אַלע גויאישע ווייבער געזאָגט געוואָרן", איז געווען איר בייזער ענטפער. דר. הערים האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט. — וואָס האָט איר צו די גויאישע ווייבער — האָט ער געוואָלט וויסן — וואָס האָבן זיי אייך געטאָן וואָס איר שעלט זיי?)

די אַלט־מאָדישע פאַנאַטישע אידישע פּאַציענטקע האָט ניט געוואוסט אַז דר. הערים'ס פרוי איז אַ קריסטלעכע. . . .

דער צווייטער אידישער דאָקטאָר, ענטין, איז ניט געווען קיין אמת'ער דאָקטאָר. ער איז געווען אַ היימישער פעלדשער. די געזעצן אין מאַסאַטשו־זעטס האָבן אין יענע יאָרן דערלויבט אייראָפּייאישע פעלדשערס צו פּראַק־טיצירן מעדיצין. די פּראַקטערנאַלע אָרדנס האָבן אָבער ניט אַנערקענט ניט זיינע דיאַגנאָזן און ניט זיינע קראַנקען סערטיפיקאַטן.

דר. שוואַרץ, אין די הויכע דרייסיגער, פון הויכן וואוקס, מיט טונקל־ברוינע האָר, כאָטש אַ געבוירענער אַמעריקאַנער, האָט פונדעסטוועגן באַוויזן צו ריידן אַ נישקשה'דיגן מאַמע לשון. זיין טעמע איז געווען: „קאָנסאַמפּשאָן", אַ קראַנקהייט וואָס האָט געהאַט עטלעכע נעמען, ווי „טובערקולאָזיס", „שווינד־זוכט", „ווייסע מגפה", „די פּראָלעטאַרישע קראַנקהייט" און „די קאַטוטע", ווי דער אידישער פּאָעט יהואש, וועלכער איז אַליין געווען אַ קאָנסאַמפּטיוו, האָט עס אָנגערופן. דער וואָרט „קאָנסאַמפּשאָן" האָט אין די ערשטע צוויי צענדליג יאָר פון היינטיגן יאָר־הונדערט אַרויפגעיאָגט אַ שרעק אויף די אידישע אַרבעטער מאַסן, באַזונדערס אויף די וועלכע זיינען געווען באַשעפטיגט אין די נאָדל־פאַכן, וואו זיי האָבן געאַרבעט לאַנגע שטונדן אין די אַזוי־גערופענע סוועט־שעפּער. ווען אַ שניידער האָט זיך פאַנאַנדער געהוסט, האָט מען זיך שוין געשושקעט: „ער האָט שוין די קאַטוטע". און די שרעק איז ניט געווען אומזיסט. די סטאַטיסטיקס פון די דענווער, קאָלאָראַדאָ, סאַניטאַריומס פאַר 1920, האָבן געוויזן אַז 40 (פערציג) פּראָצענט פון די פּאַציענטן אין יענע הייל־אַנשטאַלטן קומען פון די קליידער־פאַבריקן אין ניו־יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעט; און אַ גרויסע צאָל פון די אָנגעגריפענע זיינען אויסגעשטאָרבן.

אָבער אין די לעצטע יאָרן, ווען די יוניאָנס האָבן אויסגעקעמפט פאַר די נאָדל אַרבעטער קירצערע אַרבעט־שטונדן, העכערע ווידזשעס און אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די ענגע לופטלאָזע שוויץ־שעפּער, און אַ דאַנק דעם וואָס טויזנטער שניידער־אַרבעטער איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די ענגע שטיקנדיגע טענע־מענט הייזער פון דער איסט סייד און זיך באַזעצט אין גראַמערע געגנטן מיט

מער פרישע לופט אין זייערע וואוינונגען — איז די צאָל קאָנסאַמפּטיוּוס צווישן די גאַרמענט אַרבעטער באַדייטנדיג קלענער געוואָרן. ווען איך האָב באַזוכט די דענווער קאָלאָראַדאָ סאַניטאַריוּמס ענדע 1949, האָב איך צווישן די פּאַציענטן ניט געזען קיין סך „ניו־יאָרקער אָפּערייטאָרס און פרעסערס", ווי זיי זיינען באַקאַנט אין יענע אַנשטאַלטן. און די שטערבליכקייט צווישן די אָנגעגריפענע איז אויך באַדייטנדיג געפאַלן. און דאָס איז צו פאַרדאַנקען די דריי דענווער אידישע סאַניטאַריוּמס, דעם איינציגן אין לאָס אַנדזשעלעס און דעם אַרבעטער רינג סאַניטאַריוּם אין ליבערטי, ניו־יאָרק. אין די דאָזיגע קראַנקן הייזער קריגן נייע פּאַציענטן שנעלע הילף און די בעסטע באַהאַנדלונגען וואָס איז נאָר מעגלעך. מיר איז ניט אויסגעקומען צו זען די סטאַטיסטיקס פון שטערב־לעכקייט פון די פּאַציענטן אין די אויבן־דערמאָנטע אַנשטאַלטן פאַר אידישע קאָנסאַמפּטיוּוס, אָבער די ציפערן וואָס די פעדעראַלע רעגירונג האָט אין 1935 פאַרעפנטלעכט איבער דער שטערבלעכקייט פון דער ווייסער מגפה, ווייזן אַז 80 (אַכציג) פּראָצענט פון די געליטענע ווערן געזונט. אין די ערשטע יאָרן — פאַר 1910 — איז די שטערבלעכקייט פון קאָנסאַמפּשאַן געווען פּונקט פאַר־קערט — 80 פּראָצענט זיינען אויסגעשטאָרבן און 20 פּראָצענט האָבן איבער־געלעבט.

ווי עס איז צו זען, איז די שרעק פון טובערקולאָזיס איצט ניט אַזוי שאַרף ווי אַמאָל, אָבער די שווינדזוכט חלאת בלייבט מיט אונז, און פון דער דאָזיגער קראַנקהייט ליידן מייסטנס אַרבעטער פון אַלע פאַכן און אויך „ווייסע־קאָלנער" אַרבעטער, ווי אָפיס אַרבעטער, סטאָר קלוירקס און אַנדערע, ווייל זיי אַרבעטן נאָך אַלץ לאַנגע שטונדן און קריגן נאָך אַלץ ניט גענוג באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט און קענען זיך נאָך אַלץ ניט פאַרגינען צו לעבן בעסער און גע־ניסן פון פרישע לופט. אין אַנדערע ווערטער, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבן אונטער'ן קאַפּיטאַליזם וועלן מיר האָבן שווינדזוכט ליידנדיגע. ווי האָט קאַרל מאַרקס געזאָגט אין זיין „דאָס קאַפּיטאַל": „קאָנסאַמפּשאַן אונטערן קאַפּי־טאַליזם איז אומפאַרמיידלעך", אָדער, „קאַפּיטאַליזם און קאָנסאַמפּשאַן זיינען אומצושיידבאַר.

דער דר. שוואַרץ האָט אין זיין לענגערע רעדע באַשטעטיגט דעם פאַקט, אַז פון טובערקולאָזיס ליידן מייסטנס די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען געצוואונגען צו לעבן אונטער אומגינסטיגע אומשטענדן. ער האָט אָבער אָנגעוויזן, אַז באַ אַ מענטש וועלכער פירט אַ נאָרמאַלן לעבן — שטרענגט זיך ניט אָן צופיל און גניסט פון פרישע לופט — קען דער „קערפּער ווייזן אַ ווידערשטאַנד צום פאַרדאַרבנדיגן „טובערקולין באַציל", ווי דאָקטוירים רופן עס אָן, און קען אין מייסטע פאַלן אויסמיידן אָנגעשטעקט צו ווערן פון

ל. הינדעס

דער געפערלעכער קראַנקהייט. ער האָט האַרציג אפּעלירט צו די פאַרזאַמלטע ניט צו פאַרברייינגען די פרייע צייט בײַ די קאָרטן־טישלאַך אין אָנגערויכערטע צימערן און אין אויפרעגונג, ווארום פון אַזאַ סאָרט „פאַרווײַלונג”, האָט ער דערקלערט, ווערט דער קערפּער אָפּגעשוואַכט און דער באַציל ווערט „ביזי”. . . . דר. שוואַרץ האָט אויך שטרענג באַפוילן די צוהערער צו האַלטן ברייט אָפן די פענצטער אין די שלאָף־צימערן דורך דער נאַכט — יאָ, ברייט אָפן אין אַלע וועטערן, מעג עס רעגענען, שנייען, שטורמען, דונערן און בליצן — די פענצ־טערס דאַרפן זיין אָפן

די גרויסע צאָל יונגע מענער און פרויען, וועלכע זיינען אנוועזנד געווען בײַ דער לעקציע, זיינען אים דאַנקבאַר געווען פאַר זיין ריכטיגע און גוטע עצה ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן, ווי ווייט מעגלעך, פון דער פּראָלעטאַרישע קראַנקהייט.

דער בעסערער אידישער טעאַטער
דער בעסערער ענגלישער טעאַטער
קומט אויך קיין פּאַל ריווער

אידישע טעאַטער טרופּעס פון ניו־יאָרק, אין די ערשטע יאָרן פון היינ־טיגן יאָרהונדערט, פלעגן זיך אָפט אריבערכאַפּן מיט דער „באָוט" קיין פּאָל ריווער און מיטגעבראַכט מיט זיך ביליגע וואָדעווילס, וועלכע מ'האָט אין ליטעראַרישע קרייזן, מיט רעכט, אָנגערופן „בינקע פינקע" פאָרשטעלונגען; אָדער אַזעלכע סענטימענטאַלע טעאַטער שטיקער ווי „דער ישיבה בחור", ליבינ'ס „געבראָכענע הערצער", אין וועלכע דער „שטערן" זינגט דעם דעמאָל־טיגן פאָלקס־לידל „גאָט און זיין מישפּאָט (משפט) איז גערעכט", און אַנדערע סענטימענטאַלע קוואַטש.

אָבער דורך די יאָרן פון 1909 און 1910 האָט זיך דער דעמאָלטיגער באַוואוסטער אידישער טעאַטער אימפּרעסאַריאָ, עדווין רעלקין, זיך דערוואוסט אַז אין דער פאַרוואָרפענע קליין טעקסטיל שטעטל, פ. ר., געפינט זיך אַ באַ־דייטנדער פּראָגרעסיווער ראַדיקאַלער עלעמענט, וועלכער קען פאַרדייען אַ בע־סערע פּיעסע — אַ ליטעראַרישע פּיעסע — און האָט אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט די באַרימטע שוישפּילערין קעניע ליפּצין מיט איר טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט יעקב גאָרדינ'ס „כאַסיע די יתומה", „מירעלע אפרת"; לעאָן קאָברינ'ס „די מאַכט פון ליבע". און איין מאָל, אין אַ זוניקן פרילינג פרימאָרגן פון 1910, זיינען מיר אַלע אַנגענעם איבעראַשט געוואָרן דערזעענדיג גרויסע „פּאָוסטערס" (אַפישן) אין די שוי־פענצטערס אין די אידישע סטאָרס, אַז די וועלט־באַרימטע אידישע שוישפּילערין, אסתר רחל קאַמינסקי, קומט קיין פאָל ריווער שפּילן די הויפּט ראָלע אין איבסענ'ס „נאָראַ". דאָס איז טאַקע פאַר אונז אידישע ראַדיקאַלן געווען אַ איבעראַשונג, ווייל קיינער פון אונז האָט אפילו ניט גע־חלומ'ט אַז אין פּאָל ריווער זאָל זיך באַווייזן אַזאַ באַרימטהייט ווי אסתר רחל קאַמינסקי.

די דערמאָנטע פיר ליטעראַרישע פאָרשטעלונגען זיינען געווען גוט באַ־זוכט. צווישן דעם עולם האָבן זיך געפונען אַ היפּשע צאָל אַמעריקאַנער־געבוירענע יונגע מענער און פרויען, וועלכע זיינען גערן געווען צו זען אַן ערנסטע „דזשואיש שאָו". אמת, אַ סך ווערטער, גערעדט אויף דער בינע, האָבן

זיי ניט פאַרשטאַנען; זיי האָבן אָבער גוט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון דער דראַמע, און זיינען אַרויס צופרידן. זיי האָבן ריכטיג אָפּגעשאַצט די שיינקייט און די דערהאָבנקייט פון דער אידישער דראַמאַטישער קונסט. און אַן אַמעריקאַנער־געבוירענער איד, אין די פערציגער, פון מיטל־וואוקס, מיט אַ קיילעכדיגע צוגעשאָרענע טונקל־ברוינע באָרד (דער איינציגער אַמעריקאַניזירטער איד אין שטאָט וואָס האָט געטראָגן אַ באָרד, כאָטש ער איז געווען אַ שטאָט באַאַמטער), האָט אין אַ געשפּרעך מיט מיר נאָך אַ פאָרשטעלונג דערקלערט, אַז דער בעסערער אידישער טעאַטער איז אַ וויכטיגער כוח צו דערהויבן דעם קולטורעלן מצב פון דער אימיגראַנטישער יוגנט אין אַמעריקע.

באַ די פאָרשטעלונגען האָבן לײדער אויך ניט געפעלט קיין כוליגאַנעס, וועלכע זיינען געקומען אין טעאַטער „ווייזן וואָס זיי קענען", און געוואָרפן צו די שפּילער גראָביאַנסקע כוליגאַנישע אויסרופן, ווי „פּאַוואָליע, מרדכי!", „וואָס האָט זי זיך אַזוי צואווינט די יפיפה?" און נאָך אַזעלכע „פּערלדיגע חכמות", פון וועלכע דער עולם האָט אַזוי געקלעט „אַד נאַוסעאום" (ביז נישטגוטקייט...)

אין פאַרבינדונג מיט דעם אידישן טעאַטער אין פאָל ריווער קומט מיר אַרויף אויף די געדאַנקען אַ מאָדנער עפּיזאָד, אָדער בעסער געזאָגט, אַ מאָדנע דערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט מיט נאָענטע שכנים און צופעליגע באַקאַנטע: אַ טאָג אָדער צוויי איידער די שפּילער זיינען אָנגעקומען אין שטאָט, האָבן זיי, די באַקאַנטע און שכנים, מיר אָפּגעשטעלט אין גאַס אָדער אַרויפגעקומען צו מיר אין הויז און געבעטן צו קריגן פאַר זיי פרייע אומזיסטיקע טיקעטס (בילעטן). זיי זיינען געווען אונטער'ן איינדרוק, אַז איך בין אַ גאַנצער מחותן מיט די אַקטיאָרן און איך קען קריגן באַ זיי פרייע „פּעסעס" (אַריינגאַנגען). איך האָט געהאַט אַ שווערן דזשאָב צו איבערצייגן די דאָזיגע נאַאיווע שכנים מיינע, אַז ניט איך קען די אַקטיאָרן און ניט זיי קענען מיך, און אַז איך אַליין מוז קויפן אַ טיקעט אַריינצוגיין.

צוויי אינטערעסאַנטע און העכסט אַמוזירנדיקע אַמעריקאַנער קאָמעדיעס

איך ווייס ניט צי דאָס איז געווען בלויז אַ צופאַל אָדער ניט, יעדנפאַלס, מיט דעם אָנקומען פון דעם פיינעם אידישן טעאַטער איז אין זעלבן טעאַטער סעזאָן אויך אָנגעקומען ענגלישע טרופּעס וועלכע האָבן באַשאָנקען די פאָל ריווער טעאַטער ליבהאָבער מיט עטלעכע פיינע באַלערנדיגע פּיעסן. פון די אַלע געגעבענע פאָרשטעלונגען געדיינק איך בלויז צוויי: „די אַמעריקן איידיאַ" (אַמעריקאַנער אידעאַל) און „שעם" (אָפּנאַרעריי, פאַרשטעלקייט). די לעצטע, געשפּילט פון דער דעמאָלטיגער באַרימטער אַמעריקאַנער אַקטריסע, הענריעטאַ קראָסמאַן.

די ערשטע קאָמעדיע, „די אַמעריקאַן איידיאַ", פון דעם באַוואוסטן אידיש־אַמעריקאַנעם דראַמאַטורג, דזשאָרדזש מ. קאָהאַן, איז אַ ביטערע סאַטירע איבער די אַמעריקאַנער אויפגעקומענע מיליאָנערן, וועלכע זיינען נישט צופרידן מיט זייער רייכקייט און ווילן אויך ווערן יחסנים, מיט טיטלען פון גראַפן, באַראָנען, פירשטן, לאָרדן, מאַרקיזן, אוירלס, א. א. וו. דאָ אין אַמעריקע קענען זיי נישט ווערן קיין גראַפן און באַראָנען, ווייל די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטן פאַרבאָט טיטלען, וועלכע זיי זאָלן נישט זיין, פאַר אירע בירגער. אַן אַמעריקאַנער בירגער, וועלכער וויל אַ טיטל, מוז זיך אָפּזאָגן פון זיין אַמעריקאַנער בירגערשאַפט און זיך באַזעצן אין אַן אַנדער לאַנד, וואו טיטלען זיינען דערלויבט. (אַזוי האָט טאַקע, מיט אומגעפער זעכציג יאָר צוריק, געטאָן דער ניו־יאָרקער מולטי־מיליאָנער ווינסענט אַסטאָר. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמעריקאַנער בירגערשאַפט (נישט פון זיינע מאַיאָנטקעס) און זיך באַזעצט אין ענגלאַנד. דאָרטן איז ער פאַר אַ היפּשע אַפּותיקאַ, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ לאָרד און זיין ווייב, נענסי, אַ געבוירענע אין דענוויל, ווירדזשיניע — אַ „לעידי".

פאַראַן אָבער מיליאָנערן, וועלכע, צוליב פאַרשידענע סיבות, ווילן נישט אָדער קענען נישט ווערן אויס אַמעריקאַנער און אויסוואַנדערן אין אַ פרעמדע לאַנד און ווילן דאָך ווערן יחסנים מיט טיטלען. דערגרייכן זיי זייער ציעל דורך פאַרשדכנ'ען זייערע טעכטער צו טיטולירטע פאַרשוינען פון אויסלאַנד, און קענען זיך באַרימען, אַז זייערע טעכטער זיינען גרעפינס („קאָונטעסעס"), „באַראָנעסעס", א. א. וו. און כדי צו קריגן יחסנ'ישע איידימס, פאָרן זיי, די „אָרעמע געלט זעק", אַרום איבער די אייראָפּייאישע לענדער, ווי פראַנקרייך, פּרייסן, דענמאַרק, עסטרייך־אונגאַרן, איטאַליע, אַפילו אין גרוזיע, און זוכן — און געפינען (דורך מעקליירים) אָפּגעלעבטע פאַראָרעמטע באַראָנען און גראַפן וועלכע פאַרקויפן זיך פאַר אַמעריקאַנער געלט (אָפּטמאָל זיינען די „אַנטיקן" וואָס זיי האַנדלען איין גאָר געפייקטע. די פיפיגע מעקליירים, אָדער „בראָוקערס", האָבן זיי שוין געפיקסט. . . .) און אָט אַזוי האָבן מיר אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציגסטן יאָר־הונדערט אין אַמעריקע געהאַט צענדליגע אַזוינע גרעפינס, באַראָנעסעס, „מאַרשיאָנעסעס", „דוטשעסעס" (פירשטינס) א. א. וו. די קאַפּיטאַליסטישע פרעסע האָט די נייעס פון די חתונות פון די מיליאָנערסקע טעכטער מיט די באַטיטלטע פאַרשוינען געדרוקט מיט גרויסע אותיות אויף די ערשטע זייטן פון די צייטונגען, און די וועלט האָט זיך דערוואוסט, אַז דער און דער געלט־זאַק איז מיט מזל געוואָרן אַ יחסן.

פון די צענדליגע גראַפיניעס און באַראָנעסעס וועלכע זיינען געווען באַקאַנט דעם עולם, געדיינקען מיר די נעמען פון דער גרעפין יאַרמאַוט, אַ טאָכטער

פון א פיטסבורגער שטאָל מאַגנאַט; באַראָנעסע שטשיטשעני, א טאָכטער פון דער באַרימטער מיליאָנערסקער פאַמיליע וואַנדערבילט; „דאַטשעס" מדיוואַני, און א צאָל אַנדערע אַריסטאָקראַטקעס.

אויפגעקומענע בוטשאַרעס ווילן אויך ווערן יחסנים, זיי פאָרן אויך אין איירָאָפּא זוכן באַראָנען פאַר זייערע טעכטער

מיט דעם „אמעריקאַנער אידעאַל" ווערן אויך אָבער אָנגעשטעקט די „אַרויפגעאַרבעטע" קצבים, ביר ברויערס, באַלעגאָלעס („טראָקמען") און אַנ־דערע „פּאַרוועניוס" פון „פּראָסטן" פאָלק. ווי באַלד, טענה'ן זיי, אז פאַר געלט קען מען קויפן טיטלען — דאָס הייסט, מאַנסבילן מיט טיטלען — טאָ פאַר וואָס ניט מיר? וואָסי? — זאָגט דער רייכער אייִרישער גראָב־בייכיגער בוטשער — „מיין געלט איז קיין געלט ניט?"

און צוזאַמען מיט זיין אַלטן פריינט, דעם דייטשישן ביר־ברויער — אויך א בייכיגער — פאָרט ער קיין פראַנקרייך צו זוכן — און „געפינט" — א באַ־טיטלטן חתן פאַר זיין טאָכטער. ביידע פריינט ווילן אויך ווערן די אויבערשטע פון שטויסל. די צוויי פריינט פאָרן ניט אַליין, זיי נעמען מיט זייערע טעכטער און זיין פאַר מבינים אויף די געקויפטע חתנים.

די צווייטע סצענע פון דער קאָמעדיע „דער אמעריקאַנער אידעאַל" ווייזט אַן אָקשאַן־פּלאַץ אין פּאַריז, וואו עס קומען זיך צוזאַמען די אמעריקאַנער בעלנים אויף באַטיטלטע איידימס. אין מיטן פון דער סצענע שטייט א קיילעכ־דיגע קלאָץ א פּוס די הויך — דער „אָקשאַן בלאָק". א בלאָנדער יונגער מאַן, דער מעקלער, אין די דרייסיגער, פירט־צו צו דער קלאָץ א הויך־געוואַקסיגן מאַן פון א יאָר פערציג, מיט א פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן אין זיין ברייטן געזונטן פּנים, מיט פאַרשפּיצטע שוואַרצע גלאַנציגע וואָנצעס, אָנגעטאָן אין א לאַנגע בלוזע פעלערינע, מיט א ברייטן סאַמעטענעם קאָלנער, און א הויכן שוואַרצן צילינדער הוט, מיט שפּיצן („עמבראָידערי") אַרום האַלז און אויפן ברוסט — טאַקע אַן אמת'ער באַראָן. ער שטייט אויף דער קלאָץ שטום ווי א סטאַטוע. דער פּיפּיגער מעקלער, אָדער, ווי מען רופט אים, „פּראָמאָוטאָר", א בלאָנדער בחור אין די דרייסיגער, מיט זיין געשליפענעם צינגל פון אַן אמעריקאַנעם אָקשעניר, דערציילט אין ענגליש די פּראָספּעקטיווע קויפער די גאַנצע ביאָ־גראַפיע פון זיין באַראָן: אז ער איז דער אמת'ער באַראָן; שטאַמט פון דור־דורות באַראָנען — געקנאַטן פון גאָלע יחסנים. אויסער דעם, איז ער א גוטער פערד־רייטער, א אויסגעצייכנטער טענצער, א דערפאָלגרייכער גאָלף־שפּילער, און נאָך, און נאָך — ער איז: כלו מעלות; אז דער וואָס וועט אים קויפן, וועט זיך מיט אים נאַרניט שעמען. און ער רופט אויס דעם ערשטן פּרייז וואָס ער פאַר־

לאַנגט פאַר זיין „סחורה", און ווער עס באַטראַכט מער; און, ווי אין אַלע אַקשאַנס, (טאָרגעס), פאַנגט זיך אָן אַ שטיינעניש. און דער רייכער בוטשער שטייגט אַלעמען אריבער, און ער קריגט דעם „בארגן" (די מציאה). אוועקגעלייגט די מזומנים, נעמט ער פאַר'ן האַנט פירן (ווי איינער פירט פאַר'ן צוימל אַ געקויפטן פערד) דעם חתן פאַר זיין טאָכטער. און אַזוי פירנדיג אים, הויבט אָן דער „אנטיקל" (געשפּילט פון דעם דעמאָלטיגן בארימטן איטאַליענישן אַקטיאָר סטריטשיני פּערגאַנצאַ) גאָר צו זינגען אין פראַנצויז די „מאַסיליעזע". דער עולם שיסט אויס מיט געלעכטער. דער אומוויסנדיגער אַמעריקאַנער אַלרייטניק פאַרשטייט ניט קיין פראַנצויז; ער פאַרשטייט ניט דעם רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון דעם פראַנצויזישן פּאַטריאָטישן ליד און ער ווייסט אויך ניט, אַז דער „באַראָן", וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט פאַר זיין טאָכטער, איז גאָר קיין באַראָן ניט — נאָר אַ פּשוט'ער קוטשער . . . דאָס הייסט, מ'האָט אים דאָ גוט אָפּגענאַרט. . . .

דער עולם לאַכט אַ צווייטן מאָל ווען דער גראָבער בוטשער געפינט אויס, אַז זיין טאָכטער, פאַר וועמען ער האָט געכאַפּט די „טייערע מציאה", איז גאָר אַנטלאָפן געוואָרן און חתונה געהאַט מיט'ן זוהן פונ'ם ביר־ברויער, און די טאָכטער פון דעם ביר־ברויער איז אַנטלאָפן און חתונה געהאַט מיט'ן זוהן פון דעם איירישמאַן.

אָט אַזוי זיינען די צוויי אויפגעקומענע „פּראָסטאַקעס" אוועקגעפאָרן פון פּאַריז מיט לײדיגן — ניט געוואָרן קיין יחסנים.

יאָ, דער „אַמעריקאַנע אידעאַל" איז טאַקע געווען אַ אמת'ע קאָמעדיע. ס'איז געווען פון וואָס צו לאַכן. דער מחבר פון דער שפּיל, דזשאָרדזש מ. קאָהאַן, האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע צוויי העלדן מענטשן פון „פּראָסטן פאָלק", אָבער די סאַטירע איז אָן צווייפל געווען געצילט אין די הויכע פענצטער. ער האָט, ווי מען זאָגט, „גערעדט צו דער טאָכטער און געמיינט די שנור".

„שעם"

דאָס אָפּלאַכן פון דער אַמעריקאַנער אַזויגערופענע אַריסטאָקראַטיע און פון דער אויפגעקומענע פאַרגרעבטע מיליאָנערן, וועלכע זוכן אויך צו ווערן יחסנים און פאַרהייראַטן זייערע קינדער מיט מיטגלידער פון די „400" (די 400 זיינען געווען פאַרעכנט אַלס די רייכסטע פאַמיליעס אין אַמעריקע) איז, קענטיג, געווען אַ גוטע טעמע פאַר די פּראָגרעסיווע פּיעסן־שרייבער אין אָנפאַנג פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט.

אויסער דער פריער־דערמאָנטע העכסט אינטערעסאַנטע קאָמעדיע —

ל. הינדעס

„אַמעריקאַנער אידעאַל" פון דזשאָרדזש קאָהאַן — האָבן צוויי אַנדערע שרייבער, מיס זשעראַלדיין באָנער און העלמער הערים, אין 1909 פאַרפאַסט אַן אַנדער קאָמעדיע, וועלכע זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „שעם" (אָפּגאַרעריי, פאַרשטעלט־קייט)), מיט דער דעמאָלטיגער באַרימטער שוישפּילערין, הענריעטאַ קראָסמאַן, אין דער הויפּט ראָלע.

אין דער פּיעסע האַנדלט זיך וועגן אַן אויפגעקומענעם מיליאָנער פון דער ווייטער וועסט, אַן אייגנטימער פון מעטאַלן־גרובן, אַ געוועזענער אָרעמער, ניט־געלערנטער פאַרמער, וואָס וויל ווערן אַ יחסן דורך פאַרשלייערן זיין זוהן (אַ ניט־איבערגעשפּיצטער בחור) צו אַ פאַראָרעמטער אַריסטאָקראַטקע.

דער ספור המעשה פון דער שפּיל, פון וועלכע די צושויער קייכן פון געלעכטער, איז ווי פאָלגט:

די ניו־יאָרקער אַריסטאָקראַטקע, קעטהרין וואַן ראַיפּער, פאַרלירט איר גאַנצן פאַרמעגן דורך „שלעכטע אינוועסטמענטס". זי האָט איינגעקויפט אַקציעס („שערס") פון ניט דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען. אָבער ניט גע־קוקט אויף דעם וואָס זי איז „איינגאַנצן געבראָכן געגאַנגען" („דעד־בראָוק", אין ענגליש), וויל זי אָבער פירן „שטאַט" ווי פריער, ווען זי איז געווען אַ גביר'טע און קריכט אַריין אין חובות. זי באָרגט געלט וואו נאָר און בא וועמען זי קען נאָר. זי צאָלט קליינע חובות מיט „עקסקוירשן" טשעקס (טשעקס וואָס קרעדיטאָרס קריגן צוריק פון דער באַנק מיט'ן נאָטיץ, אַז דער אַרויסגעבער אָדער אַרויסגעבערין פון'ם טשעק האָט ניט קיין געלט אין דער באַנק); און ענדלעך פאַלט זי אַריין אין די הענט פון דער פּאָליציי, און אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג ווערט זי געשלעפּט אין געריכט.

אירע צוויי מומעס, אויך יחסנ'טעס, האָבן פון זייער פּלימעניצע חרפות ביאושים, ווייל אין זייער משפחה האָט קיין מאָל ניט פּאַסירט אַז עמיצער זאָל פאַרפאָלגט ווערן פון דער פּאָליציי, באַזוכט ווערן פון דעטעקטיוווס. אָבער אַנשטאָט צו העלפן איר פינאַנציעל, כדי זי זאָל זיך קענען כאָטש טיילווייז באַ־פרייען פון די דריקנדיקע חובות, זוכן זיי איר גאָר צו פאַרשלייערן מיט דעם נאַרישן בחור פון דעם אויפגעקומענעם אומוויסנדיגן אומגעהובלטן מאַין מאַג־נאַט, וועלכער וואוינט איצט אין זיין אייגענעם גרויסן פּאַלאַץ אין ניו־יאָרק, אָבער וועלכער רעדט נאָך מיט זיין גראָבן וועסטערן אַקצענט, און ווייסט אַפילו ניט ווי „צו האַלטן זיך אין געזעלשאַפט", וויל זיך איינקויפן אין יחוס. זיי, די מומעס, פּרובירן איר איינרעדן, אַז אַזוי שנעל ווי זי וועט אַרויסקריגן פון איר רייכן חתן דאָס „ביסל געלט", וועט זי שוין דאַן געפינען מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אים און דאַן הייראַטן אַ יונגן ספּאָרט (פראַנט), אַן „עי וואָן", עפּעס אַן אַנטיקל. זיי, די אַריסטאָקראַטישע מומעס, גיבן איר אויך אָנצור־

הערעניש, אַז זי דאַרף נאָכפאָלגן דעם ביישפּיל פון אַ סך יונגע מיידלאַך, וועלכע הייראַטן מיט אַלטע רייכע מענער כדי צו ירש׳ענען זיי. . . . (אין די ערשטע יאָרן פונ׳ם יאָרהונדערט האָט מען געהערט פון אַ גרויסע צאָל יונגע מיידלאַך וואָס האָבן טאַקע חתונה געהאַט מיט אַלטע רייכע אַלמנים אָדער גרושים. צו פאַרדעקן זייער אמת׳ן צוועק — דעם צוועק פון אַרויסקריגן גרויסע ירושות — פלעגן די יונגע ווייבלאַך פון די זקנים טענה׳ן: „איך וועל בעסער זיין אַן אַלטן מאַנ׳ס ליאַלקע איידער אַ יונגן מאַנ׳ס שקלאַף — „אַל ראַדער בי ען אָלד מענ׳ס דאַל טהען עי יאַנג מענ׳ס סלעיוו״).

די טויט־געבראָכענע אַריסטאָקראַטקע, קעטהרין, וויל אָבער ניט אירע מומעס׳ ניט געבעטענע עצות. ערשטנס, ליבט זי גאָר דעם אָרעמען מאַיינינג אינזשעניר פון איידעהאָ, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקאַנט אויף אַ „פּאַרטי״ אין הויז פון דעם אויפגעקומענעם מיליאָנער. צווייטנס, פילט זי אַז אירע געטרייע טאַנטעס זיינען „סקימערס״ (אַ „סקימער״ איז איינער וואָס פּלאַנעוועט עמיצן אָפּצונאַרן און באַשווינדלען). קעטהרין פילט, אַז אירע מומעס זוכן איר צו פאַרשלייערן מיט׳ן גאַרישן בחור כדי, ערשטנס, צו פאַרדינען אַביסל שדכנות געלט און אויך צו קענען אַרויספּרעסן באַ איר אַ גרעסערע סומע ווען זי וועט שוין האָבן אין אַ באַזיץ איר חתנ׳ס עשירות. און ווען די דאָזיגע מומעס (איר טאַטנ׳ס שוועסטערס) פּרובירן איר ווידער און ווידער אַמאָל איינריידן צו פאַר־בינדן איר לעבן מיט׳ן האַלב־אידיאָטישן בחור, ווערט זי, קעטהרין, אין כעס און פאַלט אַרויף אויף זיי מיט זידלערייען און באַנוצט דעם וואָרט „דעמד״ (פאַרדאַמט) — אַ וואָרט וואָס ווערט באַטראַכט אין אַריסטאָקראַטישע קרייזן אַלס אַ „חלול השם״. דער דאָזיגער אומאַנשטענדיגער וואָרט ווערט זייער זעלטן באַנוצט אויף דער בינע).

די שפּיל ענדיגט זיך מיט דעם וואָס די אָרעמע און אין חובות־פאַרזונ־קענע און פון פּאָליציי־פאַרפאָלגטע קעטהרין וואָן ראַיפער פאַרלאָזט איר איי־גענעם פּאַלאַץ אין ניו־יאָרק, אירע יחסנ׳ישע פריינט, אירע טאַנטעס, און פאָרט אַוועק צו איר געליבטן אָרעמען אינזשעניר אין אַ קליין אומעטיגע אומציווי־ליזירטע מאַיינינג שטעטל אין דעם וויטן וועסטערן שטאַט איידעהאָ.

די צושויער פון דער קאָמעדיע „שעם״ לאַכן ווען די קבצנ׳ישע מיטגליד פון דער „הויכער געזעלשאַפט״ קוקט דורך די איינלאַדונגען וואָס זי קריגט פון פריינט וועלכע ווייסן ניט איר טרויעריגע פינאַנציעלע לאַגע. די אַלע „אינ־וויטיישאַנס״ זיינען צו קומען צו פּאַרטיס, צו אָפּעראַס, צו פילאַנטראָפּישע אונ־טערנעמונגען — וואו ס׳קאָסט געלט. אויף יעדער קאַרטל מאַכט זי די באַ־מערקונג: „כ׳וועל בעסער קויפן פאַר דעם געלט אַ פּאָר שיך, אַ קלייד, באַצאָלן דעם מילך־מאַן, א. א. וו. איין מאָל רופט איר אָפּ אַ פריינדין און זאָגט איר

ל. הינדעס

און אז זי האָט רעזערווירט פאַר איר אַ פּלאַץ אין דער אָפּערא — אַ פּלאַץ וואָס קאָסט ניט מער פון צען דאָלאַר. זי קען ניט קומען, ענטפערט זי איר פריינדין, זי האָט קיין צייט ניט. זי האָט אַן אַנדער „אַפּאָינטמענט". אָבער אָפּציענדיג דעם מויל פונ'ם טעלעפאָן טרייבל, זאָגט זי צו זיך אין דער שטיל: „פאַר דעם געלט וועל איך בעסער קויפן אַ טון קוילן". . . .

אַ צווייטן מאָל שיסט דער עולם אוים מיט געלעכטער, ווען זי באַשליסט צו פאַרקויפן אָדער פאַרזעצן איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער'ס דימענטענעם פינגערל און מיט דעם געלט אויסצאָלן די אומגעדולדיגע בעלי־חובות, וועלכע האָבן איר געסטראַשעט מיט אַרעסט. דער „דימענט", האָט דער פאָטער איר פאַרזיכערט, קאָסט עטלעכע טויזנט דאָלאַר. ער פלעגט אים טראָגן „אין גע־זעלשאַפט". אָבער אַרויסנעמענדיג דעם דימענט פון אַ קאָמאָדע שופליאַד און גוט באַטראַכטנדיג אים, געפינט זי אוים אַז דער „חפץ" איז גאָר אַן אימיטאַציע, געמאַכט פון אַ ביליגן מעטאַל, און פאַלגליך פון קנאַפּן ווערט. זי ווערט אין כעס אויף אירע „געטרייע" מומעס און אויך אויף איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער, זי איז זיי מכבד מיט אומקאָמפּלימענטאַרע נעמען. זי דערוויסט זיך, אַז איר אייגענער טאַטע איז אַליין געווען כּאָיכע — אַ „שעם" — אַ פאַרשטעלטער קבצן וואָס שפּילט די ראָלע פון אַן אַריסטאָקראַט. . . .

די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט די קאָמעדיע אַרונטערגעריסן. די קריטיקער אין די פּאָל ריוועך צייטונגען און אין דעם באָסטאָנער „העראַלד" האָבן ממש געברענט מיט פייער אויף די פאַרפאַסער פון דער שפּיל, ווייל מיט דעם וואָס זיי האָבן פאַרגעשטעלט דער געבאָרענער אַריסטאָקראַטקע וועלכע וועט בעסער לעבן מיט אַן אָרעמאַן ווען מען זי ליבט איידער זיך צו פאַרקויפן פאַר געלט; אין אַנדערע ווערטער: זיי, די שרייבער, האָבן באַליידיגט דעם מאַיעסטעטישן קאַפּיטאַל!

„שעם" נומער 2

נאָך אַ סאַטירע איבער אַרײַנגעקומענע מיליאָנערן וואָס פאָרן אין אייראָפּע איינקויפן אָריגינעלע בילדער פון וועלט־באַרימטע מאָלער; זיי ווערן אָפּגענאַרט, אָבער זיי ווערן יחסנים.

זוכנדיג אין די רעפערענץ ביכער געוויסע אינפאָרמאַציע וועגן דער ערשטער קאָמעדיע „שעם", וועלכע איך האָב געזען מיט איבער פיר צענדליג יאָר צוריק, האָב איך, גאָר אומדערוואַרטעט, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ צווייטע „שעם". ווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער באָסטאָן פּאָבליק לייבררי (פּאָלקס

ביבליאָטעק) האָט מיר דערלאַנגט אַ קליין ביכעלע מיט׳ן אויפשריפט „שעם״, האָב איך געדיינקט אַז איך האָב דאָ פאַר זיך אין אַ בוך פאָרם די קאָמעדיע וואָס איך האָב בייגעוואוינט אין פּאַל ריווער אין אפריל פון 1910. אָבער אַ קוק־געבנדיג אויף דער פאָדער בלאַט און אויף דער צווייטער האָב איך אויס־געפונען, אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן טעות: ערשטנס, אַנטהאַלט דער קליינער ביכל אַן איין־אַקטער — און ניט פיר וואָס אין דער ערשטער; צווייטנס, אַז די קליינע שפּיל איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַן אַנדער אויטאָר (פריינק טהאָמפּסאָן); און דריטנס, צווישן די אויסגערעכנטע אַקטיאָרן אויף דעם צווייטן בלעטל האָב איך ניט געפונען דעם נאָמען פון דער באַרימטער דעמאָלטיגער אַמערי־קאַנער שוישפּילערין הענריעטאַ קראָסמאַן, די „שטערן״ אין דער ערשטער קאָמעדיע; און אַזוי בין איך ניט ווילנדיג אַריינגעפאַלן אין אַ פּלאָנטער פון וועלכן מיר איז שווער געווען אַרויסצוקריכן. קודם כל, האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי צוויי טעאַטער־שטיק זאָלן טראָגן דעמזעלבן נאָמען. איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן אַ שטיקל פּלאַגיאַט? (ליטעראַרישע גנבה) האָב איך זיך געפרעגט. ניין, האָב איך באַשלאָסן. ס׳קען ניט זיין! דער איין־אַקטער איז פאַרפאַסט געוואָרן אין׳ם יאָר 1920, ווען די אויטאָרן פון דער ערשטער „שעם״ האָבן נאָך געלעבט (איינער פון זיי, עלמער הערים, לעבט נאָך ביז היינט צו־טאָג), און זיי וואָלטן געוויס ניט דערלויבט אַ צווייטן פאַרפאַסער צו באַנוצן דעם טיטל פון זייערע אַ ווערק. טאָ ווי אַזוי איז עס אָבער פאַרט געקומען דערצו? יאָ, ס׳איז טאַקע פאַר מיר אַ גרויסע רעטעניש; אָבער די רעטעניש איז אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער געלייזט געוואָרן דורך אַן ענטפער וואָס איך האָב דערהאַלטן פון דער ליטעראַטור־פאָרשונגס אָפּטיילונג פון דער ניו־יאָרקער פּאָבליק לייברערי. און דער ענטפער איז געווען: „ס׳איז ניט אויסערגעוויינלעך (נאָט אַניוזשועל) פאַר צוויי פּיעסן אָדער צוויי ביכער צו טראָגן דעם זעלבן „טיטל״

אָפּגעגאַרטע קונסט־בילדער קויפער — זייערע אימיטאַטאָרס

איבערלייענענדיג די קליינע „שעם״ האָב איך באַלד אויסגעפונען, אַז די שפּיל שילדערט אָדער, ריכטיגער, מאַכט חוזק פון דעם לעבנסשטייגער („וועי אָף לאַיף״) פון די אויפגעקומענע מיליאָנערן, וועלכע ווילן ווערן יחסנים, ניט דורך איינקויפן גראַפן און באַראָנען פאַר זייערע טעכטער, אָדער פאַרשדכענען זייערע ניט־געראָטענע זין פאַר ניו־יאָרקער געבאָרענע אַריסטאָקראַטקעס — נאָר דורך איינקויפן אָריגינעלע קונסט־בילדער פון וועלט־באַרימטע קלאַסישע מאָלער, ווי לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי, קאָרעדזשאָ, רעמבראַנדט, רובענס, וואַן דייק, און

אַנדערע. זיי, די אַלרייטניקעס, וועלכע זיינען קנאַפּע מבינים אויף קונסט, ווערן אָפּגענאַרט. אין פּאַריז, אָדער אין רוים, וואו זיי פאָרן איינהאַנדלען אמת'ע קונסט־ווערק, פאַרקויפט מען זיי גאָר נאָכגעמאַכטע קאָפּיעס פון די אָריגינעלע. אָבער די צייטונגען צעשמירן אויף די ערשטע זייטן די נייעס, אַז דער און דער מיליאָנער האָט פאַר שווערע טויזנטער איינגעקויפט אמת'ע קונסט־בילדער פון באַרימטע מאָלערס — און ער איז געוואָרן אַ יחס'ן, אַ גביר און אויך אַ קונסט־ליבהאָבער.

פריינק טהאָמפּסאָן, דער דערמאָנטער פּאַרפעסער פון דער „קליינער שעם", לאַכט אויך אָפּ פון פאַרשוינען וועלכע זוכן זיך איינצוקויפן אין יחוס דורך איבערטרייבן דעם ווערט פון אַ גנבה וואָס טרעפט אַמאָל בא זיי. ווען מ'באַגנבעט זיי אין הונדערט דאָלאַר, זאָגן זיי אַז דער גנב אָדער די גנבים האָבן צוגעגנבעט טויזנט דאָלאַר; ווען מען גנבעט צו „דזשועלערי" (צירונג) אין ווערט פון טויזנט דאָלאַר, פאַרשפּרייטן זיי אַ קלאַנג, אַז די דזשועלערי גנבה האָט באַ־טראָפן גאַנצע צען טויזנט! די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען מאַכן פון אַזעלכע גנבות גרויסע סענסאַציעס אויף די ערשטע זייטן, מיט גרויסע „קעפּ". דער דורכשניטלעכער לייענער פון די דאָזיגע באַריכטן קלערט זיך: „די באַגנב'טע זיינען מסתמא נישט פון די „פּראָסטע", נישט קיין „האַלאַדראַנצעס", און זיי ווערן אַריינגענומען אין דער „הויכער" געזעלשאַפט.

דער אויטאָר טהאָמפּסאָן דערציילט אויך אין דער קליינער קאָמעדיע ווי אַזוי די קאָמערציעלע צייטונגען פּראָדוצירן אַזעלכע קונסט און דזשועלערי גנבות כדי קריגן מאַטעריאַל פאַר גרויסע „קעפּ" אין זייערע צייטונגען.

אַ גנב — אַ „פּריטשער"

מיט דער דערלויבעניש פון'ם רעדאַקטאָר, אָדער פון די רעדאַקטאָרן, וועל איך פּרובירן אין קורצן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער איין־אַקטער אינ־טערעסאַנטער קאָמעדיע „שעם" די צווייטע.

אין אַ הויז נישט ווייט פון אַ רייכן אַריסטאָקראַטישן געגנט, האָט זיך נישט לאַנג צוריק אַריינגעקליבן אַ באַשיידענע פּאָרל, מר. און מרס. קלאַרק. די פאַר־מעגלעכע שכנים זייערע איגנאָרירן זיי, ווייל זיי ווייסן נישט צי עס לוינט זיך צו באַקאַנען זיך מיט זיי. זיי ווייסן נישט וויפל מר. קלאַרק איז „ווערט" (פאַר־מאָגט). אפשר זיינען זיי, חלילה, גאָר זיידענע קבצנים — ווער ווייסט?

איין מאָל שפּעט אין אָוונט, ווען די קלאַרקס זיינען געקומען פון טעאַטער, האָבן זיי, צו זייער דערשטוינונג, געפונען אין זייער אויפנאַם צימער („ליווינג רום") אַ מיטליאָריגן מאַן, אַנשטענדיג אָנגעטאָן און פון אינטעליגענטן אויס־

זען, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס אַ גנב. — איך בין אַ גנב — האָט דער אומדערוואַרטעטער באַנאַכטיגער באַזוכער געזאָגט. — אַ גנב!? — וואונ־דערט זיך מר. קלאַרק — איר זעט דאָך גאָרניט אויס ווי אַ גנב!

— איך בין געקומען אייך באַגנב'ענען — מאַכט דער אומגעבעטענער.

— אונז באַגנב'ענען?! — דערשרעקט זיך מרס. קלאַרק.

— באַרואיגט אייך, האָט ניט קיין מורא — בעט זיך דער גנב בא דער קלאַרק פּאָרל — באַ'גנב'ט צו ווערן איז אַמאָל אַ גליק („עדווענטעדזש").

— וואָס פאַר אַ גליק? — וויל מרס. קלאַרק וויסן.

און דער אומבאַקאַנטער גאַסט דערקלערט די באַלעבאַטים פון דער הויז דעם „גליק" וואָס ליגט אין ווערן באַ'גנב'ט.

— אַז גנבים — האָט ער אָנגעהויבן — רייסן זיך אַריין אין אַ הויז און געפינען דאָרט גאָרניט, „לאַכט מען דאָך פון זיי, די באַלעבאַטים; מען רופט זיי שלעפּערס "פּאַיקערס", גאָרנישטן, טויגניכטסן און אַנדערע „שיינע" נעמען.

— ער איז אַ „פּריטשער" (פּריידיגער) — באַמערקט מרס. קלאַרק. ער איז ניט קיין גנב.

— פאַר וואָס זאָלט איר ניט טאָן ווי אַנדערע? — בעט זיך דער מיס־טעריעזער פּריטשער ווידער בא די קלאַרקס.

— וואָס טוען די אַנדערע? — איז מר. קלאַרק נייגעריג געוואָרן.

— גאָר פּשוט — ענטפערט דער „פּריידיגער־גנב" — אַז מען באַרויבט זיי אין הונדערט דאָלאַר, שרייען זיי אַז מ'האָט זיי באַרויבט אין טויזנט; אַז מען גנב'ט צו באַ זיי פאַר פופציג דאָלאַר ביליגע „אימיטיישאַן" דזשועלרי, מאַכן זיי געוואַלדן אַז מען האָט באַ זיי צוגענומען טייערע דימענטן, בריליאַנטן און אַנטיק דזשועלרי אין ווערט פון צענדליגע טויזנטער דאָלאַרן; און אַזוי ווערן די „באַגנב'טע" באַרימט; מ'קוקט אויף זיי מיט רעספּעקט, מ'האַלט זיי פאַר חשוב'ע בירגער, פאַר ווינטשענסווערטע שכנים — און ווערן שוין „סאָסייעטי" מענטשן. טאָ לאָזט מיך אייך אויך באַ'גנב'ענען און איר וועט אויך ווערן באַרימט. —

די פּאָרל האָט זיך ווידער דערשראָקן.

— מיר האָבן ניט קיין דזשועלרי — אפילו ניט קיין אימיטיאַשן — זאָגט מרס. קלאַרק.

דער „גנב" האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, און אַזוי טראַכטנדיג איז זיין בליק געפאַלן אויף דער פאַליצע („מענטל פּיעס"), וואו עס זיינען גע־שטאַנען עטלעכע מיניאַטורן (קליינע קאָפּיעס) בילדער פון העריעט ביטשער סטאָו, די פאַרפאַסערין פון „אָנקל טאָמ'ס קעבין", געצייכנט פון דעם באַ־רימטן אַמעריקאַנעם מאָלער, דזשאָן סאַרדזשענט, וועלכער האָט אויך געמאָלן

ל. הינדעס

די איינדרוקספולע וואנט־בילדער אין דער באָסטאָן פּאָבליק לייברערי; אַ בילד געצייכנט פון פּעטער רובענס, דער באוואוסטער פלעמישער קינסטלער פון 17טן יאָר־הונדערט; אַ קליין בילד פון דעם האָלענדישן מאָלער וואן דאיק; אַ בילד פון דעם באַרימטן קינסטלער העמפּדען.

— לאָזט מיך זיי צונעמען — בעט דער „פרומער גנב" די קלאַרק פּאָרל.

מאַן און ווייב קוקן זיך איבער און באַשליסן צו לאָזן אים נעמען דעם „קונסט אוצר".

דער „רויבער" האָט די בילדער אַריינגעלייגט אין אַ פּאַפּירענעם זעקעלע און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. ווען ער האָט שוין געהאַלטן די קליאַמקע, האָט זיך די טיר ראַשיג אויפגעעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן אַ בלאָנדער יונגער מאַן. סאַפּענדיג, האָט ער דערקלערט אַז ער איז אַ רעפּאָרטער פון אַ צייטונג; אַז מ'האָט אים נאָר־וואָס געלאָזט וויסן דורכ'ן טעלעפאָן אַז אין דער הויז האָבן זיך אַריינגעריסן גנבים און דאָ קומט פאָר אַ גנבה.

— שוין נאָך אַלעמען — אינפאָרמירט אים דער „פרימשער", און ביידע פאָרן אַוועק צוריק אין שטאָט.

פאָרנדיג אין אויטאָמאָביל האָט דער „פאַרשטעלטער קונסט־גנב" איינ־געקנעלט מיט'ן רעפּאָרטער ווי אַזוי צו „באַריכטן" די גנבה. ערשטנס, האָט ער אים אַנגעזאָגט, אַז די „נייעס" זאָל געדרוקט ווערן מיט גרויסע אותיות אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג, מיט דער מעלדונג, אַז אַ גרויסע קונסט־גנבה („אַרט בוירגלאַרי") איז באַגאַנגען געוואָרן באַ די קלאַרקס, און האָט אים שטרענג אויך אַנגעזאָגט אַז ער, דער רעפּאָרטער, זאָל למען השם ניט פאַר־געסן צו דערמאָנען, אַז די פּאָרל קלאַרק האָבן געפונען דעם „גנב" אין זייער הויז שפּעט אין אָוונט, ווען זיי זיינען געקומען פון אַ טעאַטער פאָרשטעלונג — פון געריק'ס טעאַטער — וואו ס'ווערן געשפּילט ליטעראַרישע פּיעסן — און ניט פון אַ „מואווי"; ווארום אַז ער וועט שרייבן, אַז זיי זיינען געקומען פון אַ „מואווינג פּיקטשור", וועט מען ניט גלויבן אַז זיי זיינען רייך און קונסט־ליבהאָבער, וועלכע קענען זיך פאַרגינען איינצוקויפן קאָסטבאַרע אָריגינעלע בילדער פון די גרויסע קלאַסישע און מאָדערנע מייסטערס. „אין די מואווים", זאָגט דער פריידיגער־גנב, „גייט בלויז דער „פּראָסטער פאָלק".

ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, איז די „נייעס" פון די „גרויסע קונסט־גנבה" באַ די קלאַרקס דערשינען אין די מאָרגן־צייטונגען מיט גרויסע „קעפּ" אויף דער ערשטער זייט, צוזאַמען מיט די פאָטאָגראַפיעס פון די „אמתע" און „אָריגינעלע" רובענס, וואן דאיקס, סאַרדזשענטס, און די „באַגנבטע" קלאַרקס פּאָרל זיינען באַרימט געוואָרן אַלס רייכע מענטשן און קונסט־פאַרערער. זיי האָבן געקראָגן איינלאַדונגען צו ווערן מיטגלידער פון רייכע עקסקלוזיווע קלובן.

זיי האָבן געלאַכט לייענענדיג די דאָזיגע „אינוויטיישאַנס", אָבער זיי האָבן אָבער געהאַט עגמת־נפש לייענענדיג די בריוו פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע האָבן זיך געווענדעט צו זיי נאָך שטיצע, וועלכע זיי האָבן ניט געקענט באַוויליגן.

דער אָפּרוף פון דער פּרעסע איבער די דריי קאָמעדיעס

שווער — זייער שווער — איז מיר אָנגעקומען אויסצוגעפינען עפּעס אַן אָפּהאַנדלונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע איבער די דריי סאַטירעס, וועלכע איך האָב געזען אין פּאָל ריווער אין יאָר 1910.

וועגן דער ערשטער — „דער אַמעריקאַנער אידעאַל" — איז גאָר קיין רעצענזיע ניט דערשינען. פון דער פּאָל ריווער פּאָבליק לייברערי האָט מען מיר צוגעשיקט אַ „קליפּינג" (צייטונג־אויסשניט) וועגן דעם איבערבליק איבער דער קאָמעדיע, אָבער אין דער רעצענזיע רעדט זיך בלויז פון אַ סצענע אין אַ פּאַריזער נאַכט־קלוב, וואָס איז צוגעטשעפּעט געוואָרן צו דער קאָמעדיע, אָבער פון דעם „אָקשאַן־פּלאָץ", וואו אַמעריקאַנער אַלרייטניקעס קומען איינהאַנדלען גראַפן און באַראָנען פאַר זייערע טעכטער (און ווערן, אגב, אָפּגענאַרט) — ניט אַ וואָרט. און דער ביאָגראַפער פון דזשאָרדזש מ. קאָהאַן האָט אַפילו „פאַרגעסן" צו דערמאָנען אַז ער, קאָהאַן, איז געווען דער פאַרפאַסער און רעזשיסאָר פון דער מערקווירדיגער שפּיל. אין קיינע פון די טעאַטער רעפערענץ ביכער געפינט מען ניט קיין רעקאָרד פון דעם „אַמעריקאַנער אידעאַל".

אַ גענויער איבערבליק איבער „שעם" נומער 1 איז יאָ דערשינען אין די „באָסטאָן העראַלד" פון אַפּריל 1910. דער רעצענזענט שיפּעט מיט גאַל אויף די פאַרפאַסער און שפּילער פון דער קאָמעדיע. אין דער סאַטירע האָט ער, קענטיג, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, דערזען אַן ערנסטע באַליידיגונג פון קאַפּיטאַל („מאַיעסטעט באַליידיגונג"). דעם קאַפּיטאַליסטישן שרייבער איז, ווייזט אויס, ניט געפעלן געוואָרן וואָס די העלדין פון דער „שעם", די צום טויט־געבראָכענע אַריסטאָקראַטקע, קעטהרין וואַן ראַיפ, קלייבט בעסער אויס צו לעבן מיט'ן אָרעמען מאַינינג אינזשעניר אין אַ קליין פּאַרוואָרפענע אומעטיגע שטעטל אין דער ווייטער וועסט, איידער צו זיין די ווייב פון אַ מיליאָנערסקן ניט איבער־געשפּיצטן פּוסט־און־פּאַסניק און לעבן אין לוקסוס און אין „כבוד" אין דער גרויסער ניו־יאָרק.

וועגן דעם איין־אַקטער „שעם" נומער 2, איז ערגעץ ניט דערשינען קיין רעצענזיע. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האַלטן זיך די צייטונגען אָפּ פון שרייבן אָפּהאַנדלונגען איבער איין־אַקטערס וואָס ווערן געשפּילט פון אַמאַטאָרן און קלובן, אין האַי־סקול געביידעס און אויף פּריוואַטע אונטערנעמונגען. די

ל. הינדעס

אייגנטימער פון די בירגערלעכע צייטונגען פילן, אַז דורך רעקלאַמירן די איינ־אַקטערס פון די „ליוביטיעליעס" שאַדן זיי די אינטערעסן פון די לעגיטימע טעאַטערס, וועלכע זיינען גוטע קאַסטימערס (אַדוועַרטייזערס). די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס באַציען זיך מיט ביטול צו די שפילער פון דראַמאַטישע קלובן („אויך מיר אַקטיאָרן"). די „ארויפגעאַרבעטע" אַקטיאָרן פאַרגעסן, אַז אַ סך פון היינטיגע באַרימטע שוישפּילער האָבן זיך אַנטוויקלט אין די דאָזיגע דראַמאַטישע קלובן.

אָבער גענוג וועגן די „שעמס" און צוריק צו פּאָל ריוועַר.

גלענצנדיגע קולטור־אַרבעט פון די פּוילישע ראַדיקאַלן אין פאַל ריווער

אינ'ם ערשטן צענדליג יאָרן פון היינטיגן יאָרהונדערט זיינען די פרעמד־שפּראַכיגע פּראָגרעסיווע גרופּן אין אַמעריקע געווען אַקטיוו כמעט אויסשליסלעך אויף דריי געביטן: שאַפן שטיצע פאַר די סטרייקנדיגע נאָדל־אַרבעטער, ווי לידיעס וויסט מייקערס, קלאָוק־מאַכער און מענער שניידער; פאַר די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין סיביר און אין אויפנעמען חשוב'ע געסט פון רוסלאַנד און אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער — מענער און פרויען וועלכע זיינען געווען באַרימט אַלס פירער און וואָרטזאָגער פון די אַרבעטער און פאָלקס מאַסן, וועלכע האָבן געקעמפט געגן צאַריזם און געגן רעאַקציע אין דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן און אין אַנדערע לענדער. אַט די וועלט־באַרימטע רעוואָלוציאָנערע פירער זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט'ן צוועק אויפצולעבן און פאַרשטאַרקן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט צווישן דער ראַדיקאַלער אימיגראַנטישע יוגנט און שאַפן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף פאַר די טויזנטער קרבנות פון צאַריזם און רעאַקציע אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּאַ.

דער ערשטער פון די געהויבענע געסט, וואָס איז אָנגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטן אין 1903, איז געווען פּעטער קראָפּאָטקין, דער באַוואוסטע אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער, וויסנשאַפטסמאַן, געאָגראַפער, היסטאָריקער און דער פאַרפאַסער פון אַ ריי באַרימטע ווערק איבער סאָציאַלע, פּאָליטישע, וויסנשאַפטלעכע טעמעס, ווי „ברויט און פרייהייט", ווערטער פון רעוואָלוציאָנער", „אַ וואָרט צו דער יוגנט", „געגנזייטיקע הילף" („מיוטשועל אייד"), „די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", און אַנדערע. (דער גרויסער געלערנטער קראָפּאָטקין האָט געהאַט דעם טיטל "קניאַז" (פירשט אָדער פּרינץ). ער האָט געשטאַמט פון דער צאַרסקע פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מאָסקווע. ער האָט זיך מיט'ן טיטל קיין מאָל ניט באַנוצט, אָבער די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט אים אומישנע שטענדיג באַצייכנט אַלס „פּרינס קראָפּאָטקין", כדי אַרויסצורופן פאַראַכט און אומכבוד צווישן די אַרבעטער און פּויערים, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט און געווען ניט איין מאָל פאַרשפּאַרט אין די צאַריסטישע טורמעס אין סיביר.)

אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיינען אָנגעקומען די דעמאָלטיגע באַרימטע פירער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ (באַקאַנט

אלס „באבושקא”, באבע) און ניקאלאי טשאיקאווסקי (איך אונטערשטרייך דעם וואָרט „דעמאָלטיגע”, ווייל די צוויי זיינען נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע געוואָרן ניט נאָר „געוועזענע”, נאָר פּשוט׳ע פּאַרעטער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן).

אָנפאַנג פון 1906, איז אין אַמעריקע אָנגעקומען דער גרויסער מאַקסים גאָרקי און נאָך אים — ניקאָלאַי בורצעוו, דער אַנטדעקער אָדער, בעסער געזאָגט„ דער אויפדעקער פון די טרויעריג־באַרימטע שפּיאָנען־פּראָוואָקאַטאָרן, אַזעוו און קאַפּלינסקי.

צווישן די אידישע געהויבענע געסט וואָס זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקע צווישן די יאָרן פון 1905 און 1910, זיינען געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי, דער באַוואוסטער געלערנטער און פילאָזאָף און גלענצנדיגער לעקטאָר איבער קונסט, קולטור און נאַציאָנאַלע פּראָגן. (ווי באַקאַנט, איז דר. זשיטלאָווסקי פּאַרבליבן אין אַמעריקע און דאָ געשטאָרבן אין יאָר 1941).

ס׳איז אויך אָנגעקומען דער באַרימטער פירער פון „בונד”, אונטערן נאָמען „מאַקסים”, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דעם אויפשטאַנד געגן צאַר אין לאַטוויא און עסטאָניע און באַצייכנט געוואָרן אַלס דער „פּרעזידענט פון די באַלטישע פּראָווינצן”; מאַדאַם פּעווזנער, די פירערין פון די רוסישע פּועלי־ציוניסטן; איינער מיט׳ן נאָמען „סאַמועלי”, א טוער פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (באַקאַנט אַלס „עס־עסאָווצעס”) און צולעצט — דער וועלט־באַרימטער רעוואָלוציאָנער גרעגאָרי גערשוני, וועלכער, ווי באַוואוסט, איז אויף א העכסט סענסאַציאָנעלן אופן אַנטלאָפן פון א סיבירער טורמע (חברים האָבן אים קונציג אַריינגעפּאַקט אין א פּעסל קרויט און אים אַרויסגעשמוגלט אויף דער פרייהייט.)

די דייטשע ראַדיקאַלן האָבן געהאַט זייערע חשוב׳ע געסט אין דער פּערזאָן פון ווילהעלם ליבקנעכט, א נאָענטער מיטאַרבעטער פון קאַרל מאַרקס, און שפּעטער — אין 1910 — זיין ווירדיגער זוהן קאַרל, וועלכער, פאַר זיין טרייהייט און איבערגעבנהייט צו דער זאַך פון פרידן, פרייהייט און וואוילזיין פאַר אַלעמען, איז, צוזאַמען מיט ראָזא לוקסעמבורג, פון די דעמאָלטיגע יונקער־באַנדעס — די פאָרגייער פון די שפּעטערדיגע נאַציס — ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן, אַריינוואַרפנדיג זיי אין טייך דעם 15טן יאַנואַר, 1919.

די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן אין יענע יאָרן אויפגענומען זייערע געסט — איגנאַץ דאַשינסקי, אַנזשע לאַפּינסקי און פּראָפּעסאָר קאַזאַקעוויטש — אַלע באַרימטע טוער אין באַליבטע טוער אין די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין פּוילן און גאַליציע און מיטגלידער פון׳ם עסטרייך־אונגאַרישן פאַרלאַמענט. אַט די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע אָנגעליינטע אייראָפּייאישע געסט,

זיינען געווען געסט פון אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטן. צו די פייערדיגע אויפנאַמעס פון די באַרימטקייטן זיינען געקומען אַנאַרכיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בונדיסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פּועלי־ציוניסטן, עס־עסאָווצעס און פּאַרטײַגעשריטענע מענטשן בכלל, און אַלע, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך ברייטהאַרציג אָפּגערופן אויף די אַפּילס פון די רעדנער פאַר שטיצע לטובת די רוסישע קעמפּער געגן צאַריזם, וועלכע שמאַכטן אין די סיבירער טורמעס, און פאַר קרבנות פון רעאַקציע אין די „ציוויליזירטע" לענדער. דורך די מאָנאַטן וואָס חשוב'ע געסט האָבן פאַרבראַכט אין אַמעריקע, האָט זיך יעדער פּראָגרעסיווער מענטש געפילט גאַנץ יום־טוב'דיג. . . .

די אידישע פּראָגרעסיווע גרופּע אין פּאָל ריוועך איז, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, געווען פאַרהעלטניסמעסיג קליין אין צאָל און דעריבער ניט געווען אימשטאַנד איינצואָרדענען אַ גרויסן מאַסן־פאַרזאַמלונג פאַר איינעם פון די געהויבענע געסט פון דער אַלטער היים. די מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן געפילט, אַז זיי וועלן ניט קענען צוציען אַן עולם וואָס וועט אָנפילן אַ טעאַטער אָדער אַ גרויסן זאַל פון זעקס אָדער זיבן הונדערט מענטשן. די אידישע באַפעלקערונג האָט דאַן געציילט בלויז אומגעפער דריי הונדערט פאַמיליעס. אָבער די פּוילישע סאָציאַליסטן אין פּאָל ריוועך האָבן יאָ געקענט אַראַנזשירן אַ קבלת־פּנים פאַר זייערע באַרימטע לאַנדסלייט, ווייל אין שטאָט און אין די אַרומיגע מיט שטעטלאַך האָבן געוואוינט עפּעס אַ פינף טויזנט פּאָליאַקן און האָבן געקענט צוזאַמענקלייבן אַ מאַסע פון עטלעכע הונדערט מענטשן.

אַ גאַליציאַנער פרומער איד, איגנאַץ דאַשינסקי, און „אפרים־יאָסל זאָל לעבן"

אין אַ קילן זונטאַגדיגן אָוונט אין מערץ פון 1909, איז אין פּאָל ריוועך אָנגעקומען דער געהויבענער גאַסט פון די פּוילישע סאָציאַליסטן, איגנאַץ דאַשינסקי, אַ פּראָפעסאָר פון קראָקאָווער אוניווערסיטעט און סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט פון עסטרייך־אונגאַרישן פּאַרלאַמענט, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט אין די סאָציאַליסטישע קרייזן איבער גאָר דער וועלט. די אידישע פּרעסע די ראַדיקאַלע און די קאָנסערוואַטיווע, האָט אים באַ זיין אָנקומען אין אַמעריקע געגעבן אַ פיינעם ברוך־הבא. אַפילו „מיין" „פרייע אַרבעטער שטימע", די אַנאַרכיסטישע וואָכן־צייטונג, וועלכע האָט זעלטן געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר סאָציאַליסטישע טוער, האָט דעם מאָל באַגעגנט דעם עסטרייך־פּוילישן באַרימטן גאַסט מיט גרויסע אותיות אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג — „ווילקאָמען דאַשינסקי!"

ל. הינדעס

דער פייערדיגער קבלת־פּנים פאַר דעם סאָציאַליסטישן פּאַרלאַמענטאַריער איז פאָרגעקומען אין א גרויסן זאַל, וואָס נעמט אריין פון פינף ביז זעקס הונדערט מענטשן, וועלכער געפינט זיך אויף דער „גלאָוב", א געגנט אין שטאָט באַפעלקערט מיסטנס פון פּוילישע ארבעטער מאַסן. קענענדיג פּויליש האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרפעלט אַנוועזנד צו זיין בא אַזא וויכטיגע פּראָגרעסיווע אונטערנעמונג. אריינקומענדיג אין גרויסן זאַל האָבן א פּאָר יונגע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיך געקענט נאָך פון דער צייט וואָס איך האָב ארויסגעהאָלפן די פּוילישע ארבעטער אין זייער סטרייק געגן דער מאַרשאַל העט קאָמפּאַני, מיך געוואָלט אַוועקזעצן אויף דער ערשטער באַנק לעבן דער פּלאַטפאָרמע. אָבער איך האָב בעסער אויסגעקליבן צו זיצן אויף דער פינפטער ריי. די געציילטע מינוטן פאַר דער דערעפענונג פון דער פאַרזאַמלונג, האָב איך געזוכט מיט די אויגן נאָך עפּעס א אידן — א מיטגליד פון קולטור־קאָמיטעט פון ארבעטער רינג, אָדער אַזוי א באַקאַנטן — איך האָב אָבער קיינעם ניט געפונען. די סיבה וואָס קיינער פון די אידישע ראַדיקאַלן זיינען דאָרט ניט געקומען, איז געווען וואָס כמעט אַלע פון דער ראַדיקאַלער גרופּע זיינען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין די קליינע ישובים פון אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, און פון דער ליטע (קאָוונער גובערניע), וואו די פּוילישע שפּראַך איז אומבאַקאַנט, און דעריבער זי ניט פאַרשטאַנען; און ניט וויסנדיג צי דעם גאַסט'ס רעדע וועט פון עמיצן איבערזעצט ווערן אין ענגליש, האָבן זיי, ווייזט אויס, באַשלאָסן צו זיצן אין דער היים. און אַזוי, ניט געפינענדיג קיין איין אידן, בין איך געווען אונטער'ן איינדרוק אַז איך בין דער איינציגער מאחינו בני ישראל אויף דער „גויאישער" פאַרזאַמלונג. . . .

די ריפּסענע יאַרמעלקע

אָבער וואַרפנדיג א צווייטן בליק צו דער פּלאַטפאָרמע־צו, האָב איך צווישן די אַנטבלויזטע בלאָנדע קעפּ פון די זיצער אויף דער צווייטער באַנק, דערזען א גלאַטע שוואַרצע ריפּסענע יאַרמולקע, און איינבויגנדיג זיך האָב איך אויך דערבליקט די ביידע זייטן פון א ברייטע געלע באָרד. כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז די „יאַרמולקע מיט דער געלער באָרד" איז דער גרינער ברודער פון מר. סנעל דעם בעקער, וועלכער איז מיט א פּאָר חדשים צוריק געקומען פון גאַליציע. איך האָב אים פּערזענלעך ניט געקענט, אָבער געהערט פון אים — מ'האָט א סך גערעדט אין שטאָט פון מר. סנעל'ס „גרינעם" ברודער. מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זיין אמעריקאַנער ברודער האָט געהאַט א שווערן דזשאָב צו פּועל'ן בא אים ער זאָל זיך לאָזן אָפּשערן די לאַנגע פּאות וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין היים־שטעטל, סקאַלאַ, גאַליציע, און מיט וועלכע ער איז אריינ־

געפאָרן אין אַמעריקע. ער האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט די צוויי לאַנגע „צעפּ" וואָס האָבן אַרונטער געהאַנגען פון קאָפּ פון ביידע זייטן פון דער לאַנגער און ברייטער געלער באָרד, טענה'נדיג אַז אָפּשערן די פּאות'ן איז בײַ אים פּונקט ווי צו גיין צום שמד.... אָבער פריינט, קרובים און אפילו דער רב פון שטעטל, האָבן אויף אים שווער געאַרבעט ער זאָל ניט זיין אַזוי איינגע'עקשנ'ט — ער זאָל זיך „לאָזן דינען" . . . מ'האָט אים געזאָגט, אַז פאַר אַ אידן מיט אַ באָרד און לאַנגע פּאות איז פּשוט אַ סכנות נפשות אַרויסצוגיין אין גאַס, וואָרום די קליינע איירישע באָמס (לאָבוסעס), וועלכע האָבן זיך געפונען ניט ווייט פון אידישן קוואַרטאַל, וועלן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, ווי זיי טוען דאָס מיט די רעגס פּעדלער. (און אין יענעם ווינטער האָט טאַקע געטראָפן אַן אומ־גליק מיט אַ באַבערדלטן רעגס־פּעדלער, וועמען די שכנ'ישע מערדערלעכע באָמס האָבן פאַרשטיינט צום טויט, פּונקט אין דער וואָך ווען זיין פאַמיליע איז שוין געווען אויפ'ן וועג קיין אַמעריקע! דער גאַנצער אידישער ישוב פון פאָל ריווער איז דאַן געווען איינגעהילט אין טרויער איבער דער שוידערלעכער טראַ־געדיע מיט דעם אָרעמען פּעדלער.)

הכלל, דער „גרינער מר. סנעל" (איך וועל אים רופן מיט זיין ערשטן נאָמען, ר' איטשע) האָט זיך געמוזט שיידן מיט זיינע „צעפּ" און האָט זיך אַזוי „אויס־געגרינט". אין אַנדערע ווערטער: ער האָט זיך „גע'שמד'ט". און מערקווירדיג, קיינער פון די פאַרזאַמלטע פּאָליאַקן האָט ניט ציניש געשמייכלט איבער זיין אויסזען מיט דער לאַנגער באָרד און יאַרמלקע. פאַרקערט, אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט. זיין אויסזען האָט בײַ זיי ניט אַרויסגערופן קיין שום סענסאַציע, ווי בײַ די אַמעריקאַנער קריסטן, ווייל מייסטע פון זיי, די פּוילישע אַרבעטער, זיינען געווען אויסוואַנדערער פון דערפער און קליינע שטעטלאַך פון רוסיש־פּוילן און גאַליציע, וואו לאַנג־געקליידעטע אידן מיט לאַנגע בערד זיינען ניט קיין זעלטנהייט. מיט איינעם פון זיינע שכנים אויף דער באַנק האָב איך אים געזען שמועסנדיג גאַנץ געמיטלעך. ער האָט, קענטיג, פּולקאָם באַהערשט די פּוילישע שפּראַך. מיר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט כאַפּן אַ שמועס מיט דעם שטריינג־פרומען אידן, וואָס האָט ניט מורא געהאַט צו קומען צו אַ גויאישע פאַרזאַמלונג און הערן אַן אפּיקורס'ישן רעדנער, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, דער מיטינג האָט זיך שוין געהאַט געעפנט, און דער גרויסער גאַסט, דאַשינסקי, איז שוין געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָב איך דאָס באַשלאָסן צו טאָן נאָכדעם, ווען די פאַרזאַמלונג וועט זיך ענדיגן.

ל. הינדעס

„אָווי קאַפּיטום" דאַשינסקי

דער באַרימטער פירער פון די גאַליציש־פּוילישע סאָציאַליסטן, פון מיטל־וואוקס, דאַן אין די הויכע זעכציגער, מיט שיטערלעכע זילבער־ווייסע האָר אויף זיין „אָווי קאַפּיטום" (אַ לאַטייניש נאָמען פון אַ קאָפּ וואָס איז ענלעך צו דער פאָרמע פון אַן איי: אויבן קיילעכדיג ברייט און אונטן קיילעכדיג שמעלער. די פאַרצייטיגע רוימער האָבן מיט דעם נאָמען באַצייכנט יעדן אינטעלעק־טואַל — ל. ה.) האָט ער געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פראַק מיט אַ ברייטע ווייסע קראַכמאַליטע אויבער־העמד מיט אַ העלן שניפּס — די פאָרמאַלע קליידונג פון אַ פּראָפעסאָר וואָס רעדט אויף באַנקעטן און יום־טוב׳דיגע פאַרזאַמלונגען.

אין זיין לאַנגער רעדע האָט דער חשוב׳ער גאַסט שטיל און געלאַסן דער־ציילט פון זיינע קאַמפן וואָס ער און די אַנדערע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט האָבן אָנגעפירט פאַר דורכפירן געזעצן לטובת די אַרבעטער, פּויערטום און אַנדערע פאָלקס־מענטשן און אויך פאַר די מינאָ־ריטעטן פעלקער אין פראַנץ יאָזעף׳ס אימפּעריע. ער האָט אויך גערעדט וועגן די רעאַקציאָנערע פּוילישע „קסיאָנדזעס" (פּוילישע גלחים) אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געזוכט צו שטערן די פאַרזאַמלונגען אין די שטעט וואו ער האָט געדאַרפט אויפטרעטן. כמעט אין אַלע שטעט, האָט ער דערציילט, האָבן די דאָזיגע פינצטערע „הייליגע" אַרויסגעלאָזן פלוג־בלעטלאַך (ליפלעטס) וואָרנענדיג די פּוילישע מאַסן ניט צו גיין הערן דעם „גאָטלאָזן" דאַשינסקין. אין אַנדערע שטעט האָבן די זעלביגע רעאַקציאָנערע גייסטלעכע פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז דער רעדנער איז אויפ׳ן וועג קראַנק געוואָרן און אַז ער וועט ניט קומען. (אַזאַ קלאַנג האָט טאַקע פאַרשפּרייט דער הויפּט פון דער פּאָל ריווער גרויסן קאַסטיאָל „איטיעץ" פעטער באַטשינסקי.) אָבער די אַלע פינצטערע פאַרזוכן מצד די קירכן אָפּצוציען די מאַסן פון דאַשינסקי׳ס מיטינגען זיינען דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק. אַלע דאַשינסקי׳ס פאַרזאַמלונגען זיינען געווען גוט באַזוכט און מיט גוטע רעזולטאַטן — אין פאָרם פון געלט זאַמלונגען און סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע.

מיין אינטערוויו מיט ר׳ איטשען

ר׳ איטשע רעדט, פרעגט און וואונדערט זיך...

אַזוי שנעל ווי דער גאַסט דאַשינסקי האָט פאַרענדיגט זיין אינטערעסאַנטע רעדע און דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך צעגיין, בין איך צוגעגאַנגען צום

גרינגעם גאַליציאַנער, זיך פאַרגעשטעלט און פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך. געוואָלט האָב איך צוערשט אים פרעגן: היתכן, ווי קומט עס וואָס אַ איד מיט'ן אויסזען פון אַ „גוטן־אידן" (אויב ניט פון אַ פאָלנעם חסידישן רבין) זאָל קומען צו אַ „גויאישע" פאַרזאַמלונג, זיצן צווישן יונגע „שיקסעס און שקצים" און הערן אַ רעדנער וועלכער איז אינגאַנצן ניט קיין גלויביגער. כ'האָב זיך אָבער באַרעכנט, אַז אַזאַ פראַגע וואָלט געווען גאָר ניט טאַקטיש פון מיין זייט; עס וואָלט געהייסן, אַז אַ יונגער שנעק, ווי איך, אין די צוואַנציגער, נעמט אויף „דאַפּראָס" (קרייץ־פאַרהער) אַן עלטערן אידן. האָב איך, אנשטאַט, אָנגעהויבן דעם שמועס מיט דער פראַגע ווי ס'איז אים געפעלן געוואָרן דער רעדנער דאַשינסקי און זיין פאַרטראַג.

— גוט! — איז געווען זיין ענטפער (אין זיין גאַליציאַנעם אַקצענט איז אויסגעקומען „גיט") — כ'האָב אים נאָך געהערט אין דער היים — האָט ער פאַרגעזעצט — ער איז אַ „טוב שבאומות העולם" (איינער פון די בעסטע צווישן די אַנדערע פעלקער); ער איז אַ „אוהב ישראל" (אַ ליב־האָבער פון אידן); ער איז אַ צווייטער אפרים־יאָסל זאָל לעבן.

— אפרים־יאָסל ?! — וואונדער איך זיך — ווער איז דאָס דער אפרים־יאָסל זאָל לעבן? —

— וואָס!? — מאַכט ער צו מיר כמעט ווי דערשטוינט — איר ווייסט גאָר ניט ווער אפרים־יאָסל איז? —

— ניין — בין איך זיך מודה — איך ווייס ניט, און איך וויל טאַקע ווייסן.

— אָ! — האָט ר' איטשע דער בעקער (ער איז געווען אַ בעקער אין דער היים) אַרויסגעזיפצט — איר זייט מסתמא אַ ליטוואַק. —

— יאָ, געטראָפן — בין איך זיך ווידער מודה — טאַקע אַ ליטוואַק. (באַ די גאַליציאַנישע און פוילישע אידן איז יעדער איד וועלכער שטאַמט פון ווייס־רוסלאַנד, פון אוקראַינאַ, פון קורלאַנד, פון קרים אָדער פון קאַווקאַז, ווערט פאַררעכנט אַלס אַ „ליטוואַק". אין דער אמת'ן אָבער, זיינען ליטוואַקעס די אידן וועלכע קומען פון קאָוונער גובערניע, וואו די דאָרפישע פויערים און די שטאָט־טישע קריסטן ריידן ליטוויש — די שפּראַך וואָס די צאַרישע רעגירונגען האָבן פאַר יאָר־הונדערטע געזוכט צו אונטערדריקן, פונקט ווי ענגלאַנד האָט געזוכט צו אונטערדריקן „געליק", די אָריגינעלע שפּראַך פון די אירלענדער און האָט טאַקע אונטערדריקט אָנפאַנג פון פופצנטן יאָר־הונדערט. „געליק" ווערט גערעדט בלויז אין די קאַלעדזשעס פון אירלאַנד, אָבער ניט געצוואונגען; און די שפּראַך ווערט ניט גערעדט פון די מאַסן און ס'דערשיינען ניט קיינע צייט־שריפטן אָדער ליטעראַרישע ווערק אין דער דאָזיגער שפּראַך. ליטוויש, אָבער,

ווי באוואוסט, האָט איבערגעלעבט די יאָר־הונדערטע פאַרפאָלגונגען און איז געבליבן אַ לעבעדיגע שפראַך. — ל. ה.)

נאָך איידער דער גרינער מר. סנעל האָט איינגעווייליגט מיר צו דער־קלערן ווער דער „אפרים־יאָסל זאָל לעבן" איז, האָט ער געוואָלט וויסן ווי קום איך, אַ ליטוואַק, צו קענען פּויליש, ווארום די אַלע ליטוואַקעס, וועלכע ער האָט באַגעגנט אין דער אַלטער הייט, פאָרנדיג אויפ'ן שיף, און מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט אין פּאָל ריווער, האָט קיינער פון זיי ניט גערעדט און ניט פאַר־שטאַנען קיין פּויליש. און איך האָב אים געמוזט דערציילן אַ טייל פון מיין ביאָגראַפיע.

כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין אַ גרויסע טעקסטיל שטאָט אין ווייס־רוסלאַנד, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ באַ־דייטנדיגע פּוילישע און דייטשע באַפעלקערונג. אַ סך פון אונזערע נאָענטע שכנים זיינען געווען פּאָליאַקן און דייטשן; אַלס אינגל האָב איך זיך געשפּילט מיט די דייטשע און פּוילישע „שקצימלאַך", און אין מיין פאָטער'ס קליינע טוך־פאַבריקל האָבן די אַרבעטער און די אַרבעטערינען גערעדט די צוויי שפּראַכן. אַלזאָ, ווען איך בין געווען אַ יונגער בחור'ל האָב איך שוין גערעדט דייטש און פּויליש, און שפּעטער־צו האָב איך דורך אַ פּריוואַט־לערער געלערנט צו לייענען און שרייבן די צוויי שפּראַכן. און דערצו נאָך, האָב איך פאַרבראַכט צוויי יאָר אין לאָדזש, פּוילן, אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ שפּינערײ, וואו איך האָב טאָג טעגלעך געהערט און גערעדט דיביידע לשונות.

צופרידן פון מיין ענטפער, האָט דער פרומער גאַליציאַנער אידישער בעקער אַרויסגעזונגען אין אַ גמרא־ניגון: „אפרים יאָסל איז אונזער ליבער קאַיסער פראַנץ יאָזעף".

איך בין פשוט נשתומם געוואָרן פון אַזאַ ענטפער. אידן פאַרגעטערן אַ הערשער אין וועמעס מדינה די גרעסטע מערהייט פון די אידן האָט געלעבט, ווי באַוואוסט, אין אַ שרעקלעכע אָרעמקייט; און וועמעס הויפּט שטאָט, ווין, איז געווען אַ נעסט פון די אייראָפּעאישע אַנטיסעמיטישע באַנדעס; אונטער וועמעס הערשאַפט איז געמאַכט געוואָרן אַן עלילת־דם בלבול אויף דעם אידן לעאָפּאָלד הילסנער — אָט אַזאַ נפש, דעם אַלטן שאַרלאַטאַן פראַנץ יאָזעף, גיבן אידן אַ צערטלעכן צוויי־עטאַזשנעם העברעאיש־אידישן נאָמען (אַ סגולה צו לאַנגע און געזונטע יאָרן, ווי ס'איז געווען דער מנהג אין דער אַלטער היים) און מען פאַרגלייכט אים נאָך צו דעם אומקראָמפּאָמיסלעכן און אומדערמידלעכן פרייהייטס קעמפער איגנאַץ דאַשינסקי!

און היינט צו טאָג, ווען איר באַגעגנט זיך מיט אַן עלטערן גאַליציאַנער אידן און איר רעדט זיך מיט אים פונאַנדער וועגן אַמאָליגע יאָרן אין דער

פּאַל ריוועך — אַמאָל און היינט

אַלטער היים, פאַרגעסט ער קיין מאָל ניט צו דערמאָנען זיין „ליבן קאַיסער", פראַנץ יאָזעף, מיט „אפרים־יאָסל, עליו השלום, אפרים־יאָסל עליו השלום!" . . .
וואָס פאַרא שרעקלעכער בלינדער פאַנאַטיזם!

אונטער'ן סאָציאַליזם — ווער וועט פּאַשען חזירים?

קאַזאַקעוויטש'ס קלוגער ענטפער צו אַ כוליגאַן

עפּעס אַ מאָנאַט אָדער צוויי נאָך דאַשינסקי'ס פאַרזאַמלונג, אין אַפּריל, 1909, האָבן די פּוילישע סאָציאַליסטן אין פּאַל ריוועך אויפגענומען אַ צווייטן געהויבענעם גאַסט פון אייראָפּע, פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו קאַזאַקעוויטש, אויך אַ סאָציאַליסטישער אָפּגעאָרדנטער (דעפּוטאַט) פון דעמאָלטיגן עסטרייך־אונגאַרישן פּאַרלאַמענט.

דער אויסערלעכער אויסזען פון דעם צווייטן גאַסט איז געווען אין שטאַרקן קאָנטראַסט צו דעם אויסזען פון זיין קאָלעגע און גענאָסע, דעם „אָווי קאַפּיטום", דעם צאַרטן גרייז־גרויען, גלאַט־ראַזירטן, געלאַסן און שטיל־רעדנדיגן אַריסטאָקראַטיש־אויסזעענדיגן און יום־טובדיג אָנגעטאָנענעם פירער פון די פּוילישע סאָציאַליסטן — איגנאַץ דאַשינסקי.

קאַזאַקעוויטש, אין די פופציגער, העכער פון מיטלוואוקס, פעסט געבויט, מיט אַ טונקל־ברוינע ברייטע באָרד, די קורץ־געשאָרענע האָר פאַרקאַמט אויף אַ „יאָזשיק" (אַרויף), מיט אַ פּאָר גרויסע פייערדיגע אויגן — האָט ער אויס־געזען ווי אַן אמת'ער „הערקולעס". אַ שטימע האָט ער געהאַט ווי פון אַ לייב, און האָט געקענט גוט אַריינזאָגן ווען מ'האָט געדאַרפט. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ וואָכעדיגן לאַנגן גרויען פולן „זשאַקעט" ביז איבער די קני.

דער אויפנאַם פון דעם נייעם חשוב'ן גאַסט איז פאָרגעקומען אין אַ זאַל אין דער „גלאָוב" וואָס נעמט אַריין אומגעפער דריי הונדערט און איז געווען איבערפילט. די טעמע, וואָס דער רעדנער האָט אויסגעקליבן צו ריידן, איז געווען: „גלייכהייט אונטער'ן סאָציאַליזם". ער האָט געשילדערט דעם לעבן פון די אַרבעטער מאַסן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו עס וועט הערשן פולשטענדיגע פרייהייט און גלייכהייט צווישן מענטשן, אָפּגעזען פון אָפּשטאַם, רעליגיע, ראַסע און נאַציאָנאַליטעט; וואו קיינער וועט ניט לעבן פון יענעמ'ס פּראַצע; וואו די פּראָדוקציר מיטלען וועלן געהערן צום גאַנצן פאָלק; וואו יעדער וועט האָבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיין, אָדער איר, טאַלאַנט און וועט קענען שטייגן אין זיין פּראָפעסיע אָדער פאַך — אַ בילד וואָס ווערט געשילדערט אין עדוואַרד בעלאַמי'ס „אין הונדערט יאָר אַרום", אין וויליאַם

ל. הינדעס

מאַריס׳ „נייעס פון ערגעץ ניט״, אין טאָמאַס מאָר׳ס „אוטאָפּיאַ״, און אין אנדערע באַרימטע אוטאָפּיסטישע ווערק.

נאָך דער רעדע, ווי עס פירט זיך, האָט זיך אָנגעפאַנגען די דיסקוסיע, און דאָ האָט פּאַסירט וואָס מ׳האָט געקענט דערוואַרטן, נעמלעך, ווער וועט טאָן די „שמוציגע אַרבעט״ אין אַ וועלט פון גלייכהייט. (אַמאָליגע יאָרן, ווען אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר האָט אַגיטירט סאָציאַליזם צו אַ שטאָטישן אַרבעטער, איז די ערשטע פראַגע פון דעם לעצטן געווען: „ווער וועט טאָן די שמוציגע אומאַנגענעמע אַרבעט — ווער וועט ראַמען די מיסט, ווער וועט רייניגן די אָפּטרעטן?״ און ווען אַ סאָציאַליסט האָט אַגיטירט זיינע אידייען צו אַ דאָרפישן פּויער, איז זיין ערשטע פראַגע, נאַטירלעך, געווען: „ווער וועט פּאַשען חזירים אַז אַלע וועלן זיין גלייך?״ (דער שטאָטישער אַרבעטער האָט קענטיג ניט געקענט פאָראויסזען, אַז די מאָדערנע סאַניטאַרע איינריכטונג, ווי „פּלאָמבינג״, שאַפט אָפּ די נויטווענדיקייט פון ראַמען אָפּטרעטן, און אַז דער „אינסינערייטאָר״ פאַרברענט די מיסט אויפ׳ן פּלאַץ און מען דאַרף עס ניט פירן הינטערן שטאָט. דער פּויער האָט אויך ניט געקענט פאָראויסזען, אַז אַ חזירים פּאַסטוך וועט ניט אייביג דאַרפן זיין אַ פּאַסטוך פון חזירים און אַנדערע פי. — ל. ה.) און אויף דער דאָזיגער קאָזאַקעוויטש פאַרזאַמלונג איז טאַקע די אומפאַרמיידלעכע פראַגע פון פּאַשען חזירים אין אַ סאָציאַליסטישע וועלט אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט. נאָך דער לאַנגער און באַלערנדיגע רעדע פונ׳ם גאַסט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יונגער דאָרפישער „שייגעץ״, זיינע זאַמד־קאָלירנדיגע האָר פאַרקעמט מיט אַ שרונט אָן אַ זייט, און געפרעגט אין זיין איינפאַכן פּויליש: „יאַק בענדזשע רואוונאָשטש, טאָ כטאָ בענדזשע סוויני פּאַס?״

און דער רעדנער, ווי אַ דערפאַרענער געטרייער לערער, האָט דעם פּשוט׳ן דאָרפישן בחור גאַנץ ערנסט און געלאַסן דערקלערט, אַז אונטערן סאָציאַליזם וועט קיין נוצלעכע אַרבעט ניט באַטראַכט ווערן אַלס שמוציג; יעדע סאָרט פיזישע אַרבעט וועט געשעצט ווערן אין דער זעלבער מאָס ווי גייסטיגע אַרבעט; אַז דער „סווינאָפּאַס״ וועט קריגן אַזוי גוט באַצאָלט און וועט האָבן די זעלביגע רעכט און פּריווילעגיעס ווי דער פּראָפעסאָר און וועט אייביג ניט דאַרפן זיין אַ חזירים פּאַסטוך.

אַזוי שנעל ווי דער לעקטאָר האָט פאַרענדיגט דעם ענטפער צום פראַגע שטעלער, האָט אַ כוליגאַן מיט אַ גראָבן פּנים, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט, און וועלכער איז אונטערגעשיקט געוואָרן פון דעם רעאַקציאָנערן קסאָינדז פון דעם גרויסן קאָסטיאָל צו שטערן דעם מיטינג, האָט אויסגעשריען: „מוּוואַ בענדזשע סוויני פּאַס!״ (דער רעדנער וועט פּאַשען חזירים).

קאָזאַקעוויטש, אין זיין באַסאָווע אָראַטאָרישע שטימע, האָט דעם נפש

מאָמענטאַל געענטפערט: „איך וועל בעסער פּאַשען חזירים איידער זיין אַ לערער און לערנען מיט אַזעלכע עזלען ווי דו."

אַ לאַנג־דויערנדיגער שטורמישער האַרציגער געלעכטער פון אַלע אַנ־וועזנדיגע אין דעם געפּאַקטן זאַל האָט באַגריסט דעם רעדנער'ס קלוגן ענטפער — אַ געלעכטער וואָס קלינגט מיר נאָך אין די אויערן ביז היינט צו טאָג, אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער. דער פּראָוואָקאַטאָר, זיין פּנים רויט ווי אַ בוריק, האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

„נאַראָדאָווי", קסיאָנדז באַגריסט דעם גאַסט

נאָך איידער דער אָוונט מיט'ן לעקטאָר האָט זיך אָפיציעל געעפנט, זיינען די פאַרזאַמלטע איבעראַשט געוואָרן ווען זיי האָבן דערזען אַריינקומענדיג אין זאַל אַ פּוילישן קאַטוילישן גלח — אַ יונגער מאַן אין די הויכע דרייסיגער, מיט אַ פּאָר שמייכלענדיגע גרויסע שוואַרצע אויגן אין זיין פולן רונדן פּנים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין די פאָרמאַלע קליידונג פון אַ גייסטלעכן אינדער־וואָכן — שוואַרצע מאַרינאַרקע מיט דער שוואַרצער קאַמזעלקע הויך ביז'ן קראַגן, פאַרשפּיליעט פון הינטן. (אין יענע יאָרן צו זען אַ קאַטוילישן גלח אויף אַ סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג איז טאַקע געווען אַ זעלטנהייט. ווארום פּראָטעסטאַנטישע גלחים זיינען געווען אָפטע באַזוכער אויף ראַדיקאַלע צוזאַ־מענקונפטן. מ'האָט זיי, די פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע, געזען אפילו מאַר־שירן אין ערשטע מאַי פּאַראַדן; אָבער אַ קאַטוילישן גלח—קיין מאָל ניט—ל. ה.) דער גלח אויף דעם קאַזאַקעוויטש אָוונט איז געווען „איטיעץ" (פאָטער) אַנטאָני פּריקאָסקי, דער גייסטיגער פירער פונ'ם „נאַראָדאָווי קאָסטיאָל" (פאָלקס קירך). די דאָזיגע „נאַראָדאָווי", ווי איך בין שפּעטער אינפאָרמירט געוואָרן, האָט זיך אָפּגעריסן פון דער רוימישער קירך און איז געוואָרן אומאָפּהענגיג (אינדע־פּענדענט). זי נעמט ניט קיינע דיקטאַטן פון רוימישן פּויפּסט. אין אַנדערע ווערטער: די נאַראָדאָווי איז, ווי מ'קען דאָס אָנרופן, אַ רעפאָרמירטע קאַטוי־לישע קירך.

דער רעפאָרמירטער קסיאָנדז פּריקאָסקי, אַריינקומענדיג אין זאַל האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף אַ באַנק צווישן די „פּראָסטע", אָבער דער פּאָרזיצער האָט אים איינגעלאַדן אַרויפצוקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע און אים אוועק־געזעצט לעבן גאַסט.

אין זיין באַגריסונג רעדע לכבוד דעם חשוב'ן סאָציאַליסטישן פירער, האָט דער רעפאָרמירטער נאַראָדאָווי „פאָטער" געבעטן די פאַרזאַמלטע זיך ניט צו וואונדערן וואָס זיי זעען אַ גייסטלעכן אין זייער מיט. אַלס קריסט, האָט ער

ל. הינדעס

געזאָגט, איז זיין פליכט צו זיין אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע. פאַן יעזוס — האָט ער דערקלערט — האָט שטענדיג פאַרטיידיגט די אָרעמע מאַסן און פאַרדאַמט די רייכע און עקספּלואַטאַטאָרס, און פאַרענדיגט האָט דער ליבעראַלער קאַטוילישער גייסטלעכער מיט דער באַדייטונגספולער דערקלערונג: אויב אַ קריסט, אַ גלח אָדער ניט, וואָס טרעט אַרויס געגן דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי — די פאַרטיי וואָס שטרעבט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרעמע און ענדלעך איינגאַנצן זיי באַפרייען פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך — האָט קיין רעכט ניט צו רופן זיך קריסט. ער איז אַן אַנטי־קריסט. (די לעצטע דער־קלערונג איז אַן צווייפל געווען געצילט געגן דעם רעאַקציאָנערן גלח פון דער גרויסער פוילישער קירך „אָטיעץ" באַשינסקי, וועלכער, ווי שוין באַוואוסט, האָט געזוכט צו שטערן די אונטערנעמונגען פאַר דאַשינסקי'ן און קאָזאַקאָ־וויטש'ן; (און דערזעלביגער פינצטערער „פאַדהער" באַשינסקי, ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים ווען די פוילישע אַרבעטער האָבן געסטרייקט געגן דער מאַרשאַל העט קאָמפּאַני און ווען זיי האָבן זיך באַטייליגט אין דעם היסטאָרישן טעקסטיל גענעראַל סטרייק אין 1904־05. — ל. ה.). די פוילישע אַרבעטער אין פאָל ריווער האָבן דעם „אָטיעצל" באַשינסקי געשאָלטן מיט טויטע קללות און אים באַטיטלט מיט אַ היפּש ביסל פעפערדיגע נעמען—ווי פאַרביטערטע באַליידיגטע פויערים קענען...

וואו איז ער?

ליידער האָב ניט נאָכגעפאָלגט די קאַריערע פון'ם אַרבעטער־פריינטלעכן גייסטלעכן פריקאָסקי, און איך ווייס ניט וואו ער איז אַהינגעקומען און וואָס איז פון אים געוואָרן. מיר הערן אויך ניט פון דעם איירישן גלח, „פאַדהער" דאָפּי, וועלכער איז אין די יאָרן 1948 און 1949 אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און גערופן די גלחים פון ביידע דענאָמענאַציעס זיי זאָלן עפנטלעך אַרויסקומען געגן די אימפּעריאַליסטישע מלחמות, אָדער אויפהערן זיך צו רופן „קריסטן".

מיר ווייסן אויך ניט וואָס איז געוואָרן פון דעם אַמעריקאַנער־געבוירענעם פוילישן גלח פון ספּרינגפיעלד, מאַסאַטשוזעטס. דער דאָזיגער גלח (זיין נאָמען געדיינק איך ליידער ניט) איז אַ פּאָר יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער דעמאָלטיגער אַמעריקע'ס אויסלאַנד'ס מיניסטער, דזשאָזעף בוירנס, איז אַרויסגעקומען מיט זיין פאַשיסטישן רוף: "געט טאַף וויט ראָשיא!" (ווער גראָב געגן רוסלאַנד), איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, געהאַט אַ לאַנגען גע־שפּרעך מיט סטאַלינ'ען און ביידע זיינען פאָטאָגראַפירט געוואָרן אויף איין בילד. די פאָטאָגראַפיע פון סטאַלינען מיט'ן ספּרינגפילדער פוילישן גלח איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַלע אַמעריקאַנער גרויסע צייטונגען, וועלכע האָבן

אים ניט געקענט מוחל זיין פאַר זיין „אומאַמעריקאַנישן" אַקט. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, האָט אים די קאָרופּטע „היראַרכיע" (די העכסטע קערפּערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירך), אויפ'ן וואונק פון סטייט דעפּאַרט־מענט, פאַרשטייט זיך, באַשטראָפט מיט דעם וואָס זי האָט אים פאַרשיקט אויף פיר יאָר אין אַ „קאָנווענט" (קלויסטער) אין פּיטסבורג, פּענסילווייניע, וואו ער איז פאַראורטיילט געוואָרן דורך ספּעציעלע תפילות ריינצוואַשן זיך פון זיין „שרעקלעכן פאַרברעכן". מער האָבן מיר פון אים ניט געהערט.

יציאת פאָל ריווער

פון פריערדיגע קאַפּיטלען ווייסן שוין די לייענער, אַז די ראַדיקאַלע אידיש־ריידנדיגע יונגע לייט וועלכע האָבן פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט און זיך באַזעצט אין פאָל ריווער, האָבן אין זייער נייע היים גענאָסן פון קולטורעלן לעבן אין דער פולער מאָס. אומזיסט האָבן זיי זיך געשראָקן, אַז אין דער קאָונטרי וועלן זיי „פאַרביזנעוועט" ווערן און פאַרגרעבט ווערן; וועלן ניט האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייזדן און וועלן פאַרגעסן אַז זיי זיינען אַמאָל געווען מענטשן. . . .
זיי האָבן געהאַט מכל טוב — אין דעם קולטורעלן זינען פון וואָרט: זיי האָבן גע־האַט אַ פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע (דער אַרבעטער רינג), לעקציעס, קאָנצערטן, טעאַטער, דיסקוסיעס, „אוטינגס" (אַרויספאָרן) אין קאָונטרי, זיך שיפן אויף לאָדקעס, א. א. וו. און אַ צוליג דערצו — און אַ גוטער צוליג — אַ קאָנ־ווענשאָן פון דער פעדעראַציע פון די אידישע סאָציאַליסטן פון מאַסאַטשוזעטס סטייט, איינגעאָרדנט פונ'ם דעמאָלטיגן סעקרעטאַר פון דער דאָזיגער אָרגאַ־ניזאַציע, היינטיגער חשוב'ער חבר ס. ד. לעווין, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון דעם אַקטיוון מיטגליד פון די פאָל ריווער אידישע סאָציאַליסטן, מאַקס קאַפּלאַן.
דער צוזאַמענפאָר פון די איבער הונדערט דעלעגאַטן און געסט פון אַלע גרע־סערע און קלענערע שטעט פון מאַסאַטשוזעטס — ווי פון באָסטאָן, טשעלסי, לין, סיילעם, פּיבאָדי, הייווערהיל, בראָקטאָן, ספּרינגפילד, האָליאָק, וואוסטער און אַנדערע שטעטלאַך, האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסן רושם אין אידישן קוואַר־טאַל. אידישע פאָלקס־מענטשן האָבן די קאָנווענשאָן באַטראַכט אַלס אַן עפּאָכע־מאַכנדיגע געשעעניש. פאַר וואָכן־לאַנג האָט מען אַרום בעדריק'ס סטאָר גע־הערט די סימפּאַטישע באַמערקונגען: „פאָל ריווער אַרבעט זיך אַרויף, פאָל ריווער ווערט אַ שטאָט מיט שטעט צוגלייך, מ'האַלט אונז אויך פאַר מענטשן!"

ל. חינדעס

דער שטילער קריזיס קומט אָן

אָבער בעת די פּראָגרעסיווע אימיגראַנטישע יונגע לייט האָבן געקענט באַ־פרידיגן זייערע קולטורעלע באַדערפנישן, זיינען ניט פארגרעבט געוואָרן און ניט געוואָרן קיין קרבנות פון דער געמבלינג עפּידעמיע (קאָרטן־שפּיל) וואָס האָט, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, רואינירט די צוקונפט פון א צאָל יונגע בחורים, איז אָבער דער עקאָנאָמישער לעבן פאַר די דאָזיגע ראַדיקאַלן, ווי פאַר א סך אַנדערע, אָנפאַנגס 1910 געוואָרן כמעט אומדערטרעגלעך שווער. א צאָל פון די גרויסע קאַטן מילן האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן דריי אָדער פיר טעג א וואָך, און דאָס האָט אָנגערירט די אינדוסטריעס וואָס האָבן באַדינט די קאַטן מילן, צושטעלנדיג זיי געוויסע רויע מאַטעריאַלן און אויסשטאַטונג.

די ערשטע צו פילן דעם אָנקומענדיגן שטילן קריזיס זיינען געווען די גרינע פעדלערס און די קליינע סטאָר קיפּערס, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה כמעט אויסשליסלעך פון די טעקסטיל אַרבעטער. פון דער „סלעק" האָבן געליטן באַלמעלאָכעס וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר יענעם אָדער פאַר זיך; און א סך פון זיי זיינען גאָר „אַרויסגעפאַלן" פון זייערע געשעפטן. די אַרויס־געפאַלענע האָבן ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען. אין די „מילן", ווי שוין פריער דערמאָנט, האָבן אידן צוליב פאַרשיידענע סיבות זיך ניט געקענט אַריינ־פּאַסן. קיין נייע לייכטע אינדוסטריעס, ווי קליידער פאַבריקן, שיך, אָדער לעדער סחורות שעפּער, זיינען אין שטאָט ניט אַריינגעקומען — בעסער געזאָגט, מ'האָט זיי ניט אַריינגעלאָזן. די קאַטן מאַגנאַטן, וועלכע זיינען די פאַקטישע באַלע־באַטים פון שטאָט, דערלאָזן ניט קיינע לייכטע אינדוסטריעס; זיי האָבן מורא אַז די לייכטע אינדוסטריעס וועלן אָפּציען פון זיי די יונגע בחורים און מיידלאַך, וועלכע וועלן זיכער גיין אַרבעטן אין די קליידער שעפּער, וואו אַרבעטס באַ־דינגונגען זיינען אומפאַרגלייכלעך בעסער. אין אַנדערע ווערטער: די טעקסטיל מאַגנאַטן האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זייער „רעזערוו" פון ביליגע אַר־בעטער. (ס'איז די אָנגענומענע „פּאָליסי" פון גרויסע אינדוסטריאַליסטן אין יעדע שטאָט און שטעטל אין אַמעריקע, ניט אַריינצולאָזן אין זייער באַטרעפנ־דיגע שטאָט קיין נייע פאַבריקן, סיידן זיי זיינען זיכער, אַז די נייע שעפּער וועלן ניט אָנרירן זייער „לייבאָר מאַרקעט" (אַרבעטער מאַרק, מענטשן וואָס זוכן אַרבעט). א קוילן מאַינינג שטעטל, צום ביישפּיל, וועט ניט צולאָזן אין זייער געגנט קיין שטאָל פאַבריקן אויס מורא, אַז אומצופרידענע קוילן־גרעבער וועלן אַוועקגיין אַרבעטן אין די דאָזיגע שטאָל פעקטאָריעס; און צוליב דער־זעלביגער אורזאַך וועט א שטאָל שטעטל ניט אַריינלאָזן קיין אַנדערע שווערע אינדוסטריע, ווי אויטאָמאָביל, גומי (ראָבער) און אַנדערע. אָבער די דער־

מאַנטעַ קוילן און שטאָל אינדוסטריעלע שטעטלאך לאָזן יאָ אריין קליידער פאַבריקן, ווי שוירטס (העמדער), „קלאָוקס" (ווייבערשע מאַנטלען) א. א. וו. ווייל 90 פראָצענט פון די אַרבעטער אין די דאָזיגע נאָדל־פאַכן זיינען פרויען, און פרויען אַרבעטן ניט אין די קוילן־גרובן אָדער אין די שטאָל פאַבריקן.

(פאַרבייפאַרנדיג די קוילן און שטאָל שטעטלאך אין פענסילווייניע, זעט מען ריזיגע הילצערנע גרויע געביידעס פון שוירט־פעקטאָריעס און אַנדערע קליידער, מייסטנס פון ניו־יאָרקער און פילאַדעלפיער פירמעס. דאָרט געפינען זיך אויך גרויסע געמויערטע ציגאַר שעפער. — ל. ה.) און אַזוי ווי אין שטאָט זיינען ניט געווען קיין נאָדל אינדוסטריעס, זיינען ניו־יאָרקער אידישע פינישערינס אָדער אָפּערייטאָרינס, וועלכע זיינען געקומען קיין פאָל ריווער זוכן א „צוקונפט", זיינען געווען שרעקלעך אַנטוישט — ניט געהאַט מיט וואָס צו וואַרטן . . . געווען דאָרטן איין קליינער אידישער קליידער מאַנופעקטשורער, וועלכער האָט באַ־שעפטיגט עטלעכע אידישע מיידלאך, אָבער ער איז ליידער שטענדיג געווען פינאַנציעל געדריקט און אָפט מאָל ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן די שכירות די אַרבעטערינען. און די מאַמעס פון די דאָזיגע פינישערינס און אָפּערייטאָרינס האָבן געדאַרפט גיין צו דעם באַלעבאָס (וועלכער איז אַגב געווען א „שיינער איד" מיט א לאַנגע באָרד), מאַנען זייערע טעכטערס „פעי", און געמאָנט האָבן די דאָזיגע מאַמעס מיט באַקציינער! . . .

אין דער בוי־אינדוסטריע אין פאָל ריווער איז אויך געווען „סלעק". קיין נייע הייזער האָט מען ניט געבויט און די אַלטע ניט פאַריכט, האָבן די געציילטע אידישע קאַרפּענטערס (סטאָלאַרעס), פעינטערס (מאַליאַרס), פעיפּער־היינגערס (קלעפּערס), לחלוטין ניט געהאַט וואָס צו טאָן. זיי פלעגן אַוועקפאָרן קיין ניו־יאָרק פאַר א פאָר טעג זוכן אַרבעט און ניט געפונען, זיינען זיי געקומען צוריק, אין דער האָפנונג צו קריגן כאָטש א פאָר טעג אַרבעט א וואָך. אָבער — אומזיסט! זיי זיינען געוואָרן „אינזשענירן" — געמאָסטן די גאַסן. . . .

הכלל, ס'איז געווען סלעק, סלעק און סלעק אומעטום — האָפנונגסלאָזע סלעק. די דאָזיגע אַרבעטסלאָזע האָבן ביסלעכווייז גענומען זיך צעפאָרן פון **שטאָט און עס איז געוואָרן א אמת'ער „יציאת פאָל ריווער . . . "** אייניגע פון די אויסוואַנדערער האָבן זיך באַזעצט אין דער שכנה'שע שטאָט פּראָווידענס, ראָוד־איילאַנד, אין שטעטלאך אַרום באָסטאָן, אין פּאָרטלאַנד, מעין; אַנדערע זיינען אַוועק קיין פענסילווייניע, ווירדזשיניע, און סאַוט קאַראָליינאַ; און אַנ־דערע — די פריימאַן ברידער — זיינען אַוועק אַזוי ווייט ווי פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן. די מייסטע פון זיי, אָבער, זיינען אַוועק קיין ניו־יאָרק, פון וואַנעט זיי זיינען געקומען

איך בין געווען איינער פון די ערשטע עמיגראַנטן. פון די דריי פרנסות

ל. הינדעס

וואָס איך האָב פּרובירט אין פּאָל ריווער — פּיקטשור פּעדלעריי, פּריוואַט לערעריי און לאַיף אינשורענס (לעבנס פאַרזיכערונג) — האָב איך קיין פּרנסה ניט געהאַט. צו פּעדלעריי און לאַיף אינשורענס ביזנעס, האָט מען מיר געזאָגט, בין איך צו שטיל, שעמעוודיג און ניט גענוג אַגרעסיוו. . . . (כ'האָב מורא אַז זיינען געווען גערעכט). פון מיין לערעריי האָב איך פאַרדינט, קאָן מען זאָגן, וואַסער אויף קאַשע.

מיט מיינעם, מ'שטיינס געזאָגט, אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל האָב איך ווייט ניט געקענט פאַרפאָרן. איך האָב מורא געהאַט אַריינצופאָרן אין אַ וויטע גרויסע שטאָט טאָמער וועל איך אַזוי גיך ניט קריגן קיין באַשעפטיגונג און בלייבן „סאַנס ד'ארושאַ", ווי דער פראַנצויז זאָגט, אָן געלט. דער געשפּענסט פון דער „שווערסטער משא" (היינע'ס נאָמען פאַר אַ ליידיגע קעשענע) איז געהאַנגען ווי „דאַמאָקלעס שווערד" איבער מיין קאָפּ, און דעריבער האָב איך זיך באַזעצט אין דער דערבייאיגער שטאָט ניו־בעדפאָרד, אויך אַ גרויסער טעקסטיל צענטער, מיט אַ באַפעלקערונג פון אומגעפער 80 טויזנט, באַשטייענד פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: קאַנאַדער פראַנצויזן, בראַזיליאַנישע און אַזאָרישע פּאָרטוגעזן; פּאָליאַקן, באָהעמער (היינט טשעכאָ־סלאָוואַקן), דייטשן, איירישע און אַ פּאָר הונדערט אידישע פאַמיליעס.

פאַרלאָזנדיג, מיט באַדויערן, די „גרעסטע שפּינדל שטאָט אין אַמעריקע", ווי פּאָל ריווער ווערט אָפּט באַצייכנט אין דער ענגלישער פּרעסע, האָב איך מיטגענומען אַ „סואַוועניר" (אָן אָנדיינק) פון דער שטאָט, אָבער מיין סואַוועניר איז באַשטאַנען ניט איינע פון די שיין־געמאָלטע קאָלירפולע „פּיקטשור־קאַרדס" פון די „מערקווירדיקייטן" פון שטאָט, ווי די שיינע געביידעס פון דער הויפּט גאַס, די פּאַרקס, די מאָנומענטן, די אימפּאָזאַנטע איינדרוקספולע געביידעס פון די שטאָטישע אינסטיטוציעס, ווי די עפנטלעכע ביבליאָטעק (פּאָבליק לאַיברערי), געביידעס פון לערן־אַנשטאַלטן, פון האָטעל און טעאַטער געביידעס, א. א. וו. — נאָר אַ סואַוועניר פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט; אָבער וועגן דעם, שפּעטער.

דער פּאָל ריוועד „סוּאוועניר״ — מיין ערשטער געדרוקטער אַרטיקל מיט מיין נאָמען

ווי פריער באַמערקט, איז דער אָנדיינק וואָס איך האָב מיטגענומען פון פּאָל ריוועד, ניט געווען איינע פון די געצאַצקעוועטע פּיקטשור קאַרטלעך. עס איז געווען דער אויסשניט („קליפּינג״) פון דער דעמאָלטיגער וואָכן־צייטונג, „די פרייע אַרבעטער שטימע״, מיט מיינעם אַ קורצן אַרטיקל איבער מיין נאָמען. דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל וואָס איך האָב זיך דערזען אין דרוק! דאָס איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער און אומפאַרגעסלעכער מאָמענט אין מיין לעבן. דער רוסישער קלאַסיקער, איוואַן טורגעניעוו, אין איינע פון זיינע דער־ציילונגען שילדערט אַ יונגן מאַן וועלכער, באַ אַ געוויסע געלעגנהייט, איז אַריינ־געפאַלן אין אַן עקסטאַז ווי איינער וועט ער דערזעט צום ערשטן מאָל זיין נאָמען אין דרוק. איך געדיינק, אַז איך האָב געפילט ווי אין „זיבעטן הימל״ . . .

מיין „אַרטיקל״ איז באַשטאַנען פון אַ קורצן באַריכט פון אַ סטרייק פון פיר טויזנט טעקסטיל אַרבעטער פון דער גרעסטער טעקסטיל פאַבריק אין פּאָל ריוועד, וועלכע האָט געהייסן די „אייראָן וואָירקס״ (אַ מאָדנער נאָמען פאַר אַ פאַבריק וואָס פּראָדוצירט ווייכע לייווענטענע געוואַנט, ווארום „אייראָן״ מיינט אייזן). ווי עס איז געווען באַריכטעט אין די צייטונגען, זיינען די טעקסטיל אַרבעטער אַרויס אין סטרייק געגען דער קאָמפּאַני דערפאַר וואָס זי, די קאָמ־פּאַני, האָט געגעבן די וועבערס שלעכטע „וואָרפּס״, פון וועלכע די פעדים האָבן זיך אָפטער געריסן, און זיי, די וועבערס, האָבן געדאַרפט ליגן שעה׳ן לאַנג איבער די „לומס״ (וועב שטולן) פאַרקניפּנדיג די איבערגעריסענע פעדים און גאָרניט פאַרדינען. אַ חוץ דעם, האָבן זיי אָפּגעשפּאָרט ווייטאָגן אין רוקן און אין עלענבויגן. די סטרייקערס האָבן געפאָדערט בעסערע קעטעס אָדער אַ גאַראַנטירטע וואָך וויידזשעס.

די העכער פיר טויזנט אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטראָמט פון דער ריזיגער טעקסטיל מיל געביידעס אין אַ כמורנעם נאָכמיטאָג אין מאַרטש אָדער אַפּריל 1910. דעם צווייטן טאָג, אינדערפרי, איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־מיטינג אין אַ גרויסן זאַל אויף פּלעזענט סטריט. איך בין נייגעריג געווען צו זען די פאַר־זאַמלונג און הערן די רעדנער. אָבער קיינעם, אויסער יוניאָן מיטגלידער מיט

ל. הינדעס

קאַרטלעך מיט אָפּגעצאָלטע „דיוס", האָט מען ניט אַריינגעלאָזן — אפילו ניט דעם רעפּאָרטער פון דער שטאָטישער מאָרגן - צייטונג, די „גלאָוב". די פּרעסע-קאָמיטע פון דער אַרבעטער פאַרזאַמלונג איז אַרויסגעקומען און פאַר־זיכערט דעם צייטונגס-פּאַרטרעטער, אַז נאָכ'ן מיטינג וועט מען אים דער־לאַנגען אַ געשריבענעם גענויעם באַריכט פון די פאַרהאַנדלונגען און פון די רעדעס וואָס זיינען דאָרט געהאַלטן געוואָרן.

קאַפּיטאַליסטישע צייטונג געגן באַלעבאַטים

צו מאָרגנס אינדערפרי, בין איך דערשטוינט געוואָרן צו לייענען אין דער דערמאָנטער „גלאָוב" דעם באַריכט פון דעם ריזיגן מאַסן-מיטינג פון די טעקסטיל סטרייקערס, אין וועלכן, צווישן אַנדערן, האָט זיך געלייענט: „אַלע רעדנער האָבן ביטער פאַרדאַמט די קאָמפּאַני פאַר די אונטערדריקונגס מעטאָדן (אָפּ־רעסיוו מעטאָדס") וואָס זי נוצט געגן די אַרבעטער." און עס איז טאַקע געווען פון וואָס דערשטוינט צו ווערן! שטעלט זיך פאָר: אַ קאַפּיטאַליסטישער רע־פּאָרטער אין אַ קאַפּיטאַליסטישע צייטונג, מיט דער גוטהייסונג, נאַטירלעך, פון די אייגנטימערס, נוצט אַזאַ „באַליידיגנדיגן" אויסדרוק געגן באַסעס!

דער סטרייק און דער אויסערגעוויינלעך מוטיגער אַרויסטריט פון דער בורזשואַזער צייטונג געגן די רויבערישע אַפּעטיטן פון די באַלעבאַטים, האָבן מיך אָנגערעגט אָנצושרייבן אַ באַריכט וועגן דעם סטרייק און צושיקן עס צו דער „פרייע אַרבעטער שטימע", אָנגעבנדיג די סיבה פון דעם אַרויסטריט פון די אומגעפער פיר טויזנט טעקסטיל אַרבעטער, און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז זיי וועלן געווינען אויב זיי וועלן שטיין מוטיג אין קאַמף. איך האָב אויך ציטירט דעם אויסדרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער צייטונג וועגן דעם סטרייק. די קעפּל וואָס איך האָב אַרויפגעשטעלט אויף דער קורצער קאָרעס־פּאָנדענץ האָט זיך געלייענט: „דאָס דערוואַרטעטע איז געשען!" געמיינט האָב איך, אַז דער סטרייק - באַריכט וועט געדרוקט ווערן אין דעם קאָלום פון „אַרבעטער נייעס פון אומעטום", אָן אַ נאָמען; אָבער צו מיין גרויסער איבעראַ־שונג, איז דער האַלב-קאָלומדיגער בריוול געדרוקט געוואָרן, וואָרט ביי וואָרט, אין אַ פּראָמינענטן פּלאַץ אויף דער צווייטער זייט פון דער צייטונג, מיט מיין נאָמען און אַדרעס אונטערגעשריבן!

דערוואוסט האָב איך זיך פון דער „גרויסער געשעעניש" אַ פּאָר טעג פריער, איידער איך האָב דערהאַלטן די צייטונג דורך פּאָסט מאָנטאַג. גייענדיג אַזוי אין אַ קילן זוניגן שבת פאַרמיטאָג אויף דער מעין סטריט, שטעלט מיך אָפּ דער יונגער גענאָסע, יצחק לעווין, אַ בחור אין די צוואַנציגער, מיט ברייטע

געזונטע פּלייצעס, מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן אין זיין געזונטן ברייטן פּנים, מיט צעוואָרפענע חנ'ודיגע יונגנט־פּרישטשיקלאַך, און מאַכט צו מיר: „גוט אָנגעשריבן".

— וואָס געשריבן, ווען געשריבן? — פרעג איך פאַרוואונדערט. (איך האָב שוין געהאַט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן פון מיין „ליטעראַרישע אַרבעט").

— איר האָט דאָך געשריבן וועגן דעם סטרייק — ענטפערט ער — ניט אַזוי?

— יאָ — דערמאָן איך זיך — אָבער פון וואַנעט ווייסטו דאָס?

— ס'איז דאָך דאָ אייער נאָמען אונטער דעם אַרטיקל.

און אַזוי זאָגנדיג, שפּיליעט ער אָפּ דעם ווינטערדיגן אויבער־ראָק און נעמט אַרויס פון רעקל־קעשענע דעם נומער „פ.אַ.ש." און ווייזט מיר דעם גע־דרוקטן בריוול מיט מיין נאָמען אונטערגעשריבן.

בין אַוועק אַהיים פאַנטאַזירן און פילאָסאָפירן

ווי געזאָגט, דערזעענדיג מיין נאָמען געדרוקט, בין איך אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז. איך האָב זיך אָבער קאָנטראָלירט. כ'האָב לעווינען דעם נומער „פ.אַ.ש." צוריק ניט געגעבן; בין באַלד אַוועק אַהיים, זיך איינגעזעצט אין אַ ווייכן וויג־שטול, פאַרמאַכט די אויגן און פּרובירט צו זיך קומען פון דער איבעראַשונג און גענומען פילאָזאָפירן און פאַנטאַזירן.

מיר איז גוט!

אַך, האָב איך געקלערט האַלב־דרעמלינדיג אין ווייכן וויג־שטול, ווי גוט מיר איז צו האָבן מיין נאָמען געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע"; באַקאַנט צו ווערן צו אירע 15 טויזנט לייענער — צווישן זיי אינטעליגענטע אידישע פּראָלעטאַריער, פּראָגרעסיווע פּראָפעסיאָנאַלן, אַרבעטער־פירער, קינסט־לער, אַקטיאָרן, כלל־טוער, לערער און פאָרגעשריטענע פאָלקס־מענטשן אין ניויאָרק און אין אַ סך אַנדערע שטעט אין אַמעריקע! ווארום די „פ.אַ.ש." איז דאָך מיט רעכט געווען פאַררעכנט אַלס די בעסטע אידישע וואָכן־שריפט אין אַמעריקע, אויב ניט אין דער גאַנצער וועלט. כאָטש דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די אידישע אַנאַרכיסטן, האָט זי דאָך געדרוקט די בעסטע פּובליציסטישע אַרטיקלען פון אַזעלכע וועלט־באַרימטע שרייבער ווי פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הורוויטש (יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי); פון דעם באַרימטן היסטאָריקער

און וויסנשאַפטסמאַן פיליפּ קראַנץ; מ. זאַמעטקין, דר. אַב. קאַספּע, יעקב מילך, ק. פאַרענבערג, פריינק ראָזענבלאַט (בן יקיר); די לעבעדיגע פעליעטאָנען פון „בראַנזווילער סטאָליאַר", פון ש. פרעס („דער קליין־שטעטלדיגער"), פון דר. י. געטער, און אַנדערע; די בעסטע דערציילונגען, סקיצן און לידער פון אַזעלכע באַוואוסטע שרייבער און דיכטער ווי אברהם רייזען, לעאָן קאָברין, ל. מילער, הערמאַן גאָלד, מרדכי דאַנציס, זישע לאַנדוי, ש. יודסאָן, מ. געלבאַרט, יענטע סערדאַצקי, מרים קאַרפּילאָוו, ש. דייקסל, קוצענאגו, בר יוסי, ל. מאַגיסטער, ב. לאַפּין, י. גויכבערג, און אַ סך אַנדערע — מענטשן וועלכע האָבן קיין שייכות ניט געהאַט מיט אַנאַרכיזם, ניט מיט איר פילאָזאָפיע אָדער טעאָריע.

די פ. אַ. ש. האָט אויך געהאַט העכסט אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענצן פון אייראָפּא פון דעם טאַלאַנטפולן שרייבער ז. וועגדראָף, און רייזע־בילדער פון אַמעריקאַנער שטעט פון יאַנאָווסקין; פון דעם קאָמערציעלן רייזנדן, דעם דערמאָנטן ט. אייגעס, פון יוסף לעווין, און נאָך, און נאָך. די גוט־פאַרשפּרייטע אַרבעטער צייטונג האָט אויך געדרוקט איבערזעצונגען פון די וועלט־באַרימטע רוסישע, דייטשע, פּוילישע, פראַנצויזישע און סקאַנדינאַווישע שריפטשטעלער. ליבהאָבער פון שיינע ליטעראַטור האָבן דאָרט געלייענט וויקטאָר הוגאָ'ס „די ים אַרבעטער"; געהאַרד הויפּטמאַנ'ס „די וועבער"; „דער וועג פון טהאָמאַס טרוק" (איך געדיינק ניט דעם נאָמען פון דעם אויטאָר); באַראָנעסע בערטהא פאָן זוטנער'ס „לייג אַוועק די וואַפן"; איבסענ'ס „דר. שטאָקמאַן", „דער מייסטער בילדער"; קנוט האַמסונס „הונגער"; פּשיבישעווסקיס „האָמאָ סאַפּיען" (דער בעל שכל); גאָרקי'ס „די הערן פון לעבן"; טאָלסטאָי'ס „שקלאַ־פעריי פון אונזער צייט"; און נאָך, און נאָך.

מיין באַליבטע צייטונג איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַן אומפּאַרטייאישער אָרגאַן. ווען ס'איז ערגעץ פאָרגעקומען אַ געשעעניש פון וועלט־פּאַרנעם — אַ רעוואָלוציע, אַן אַטענטאַט אויף אַ טיראַן, אָדער עפּעס אַ סכסוך אין אַרבעטער, פראַטערנאַלע אָדער קולטור אָרגאַניזאַציע, האָט מען שוין געוואַרט מיט אומגעדולד אויף פרייטאָג, ווען די צייטונג דערשיינט, צו וויסן וואָס די „פ.אַ.ש.", אָדער „וואָס יאַנאָווסקי, האָט צו זאָגן" וועגן דעם און דעם ענין.

אידישע שרייבער און פאַרלעגער, אַקטיאָרן און טעאַטער־פאַרוואַלטער האָבן אויך געוואַרט אויף דעם יום־טוב'דיגן פרייטאָג צו וויסן וואָס יאַנאָווסקי, דער רעדאַקטאָר, וועלכער איז געווען דער הויפּט ביכער און טעאַטער־רעצענזענט פון דער צייטונג, וועט זאָגן וועגן דעם און דעם ניי־דערשינענעם בוך און וועגן דער ניי־פאָרגעשטעלטער פּיעסע. די ליטעראַרישע וועלט האָט געהאַלטן אַ וועלט פון אים אַלס אַ גוטער ליטעראַטור און דראַמע קריטיקער. אַ באַקאַנטער ניו־יאָרקער אידישער שרייבער האָט מיר אין שיקאַגאָ איין מאָל פאַרטרויט אַ

פּאָל ריוועער — אַמאָל און היינט

סוד וועגן יאַנאָווסקין: „יאַנאָווסקי? — אַ נעכפּע אויף אים, ער איז אַ מבין, ער וועט אַבי־וואָס ניט דרוקן.״ (אומדירעקט איז דאָס געווען פֿאַר מיר אַ פיינער קאָמפּלימענט, ווייל צו יענער צייט האָט די צייטונג געהאַט אַ גרויסע צאָל פון מיינע „זאַכן״, און גרעסערע ווי די סטרייק קאָרעספּאָנדענץ פון פּאָל ריוועער.)

אידישע לייענער אין גאַנץ אַמעריקע — ראַדיקאַלן און אַ היפּשע ביסל קאָנסערוואַטיוון — האָבן אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון דער אַנאַרכיסטישער וואָכנשריפט, אַז ווען מ׳האָט געזען עמיצן טראָגן אין האַנט אָדער אין קעשענע אַ קאָפּיע פון דער דאָזיגער צייטונג האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענט און געקוקט אויף אים מיט יראת הכבוד, מיט רעספּעקט; און די לייענער פון דער „פ. אַ. ש.״ האָבן זיך באַטראַכט ווי פון איין משפּחה. ווען צוויי לייענער האָבן זיך צופעליג געטראָפן אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ, ווי אין אַ פּאַרק, אַ רעסטאָראַנט, אין באַן אָדער אין גאַס אין אַ פּראָווינציעלע שטאָט און זיך דערקענט דורך האַלטן אין קעשענע אַ נומער פון דער צייטונג, האָבן זיי באַלד געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און געוואָרן פריינט. (איך אַליין האָב דורך אַזעלכע „צופאַלן״ דערוואָרבן אַ צאָל אייביגע פריינט און אַזוי פאַרבליבן ביז דער גרויזאַמער טויט האָט זיי פון מיך אַוועקגעריסן.)

הכלל, ליבע לייענער, מיר איז געווען גוט! צו ווערן באַקאַנט צו טויזנטער אינטעליגענטע אידישע אַרבעטער, צו אַזאַ גרויסע צאָל פירער און אינטעלעקטואַלן — פון אַזאַ גליק האָב איך ניט געקענט אַפילו חלומ׳ען, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אין יענע מאָנאַטן האָב איך, ווי איר ווייסט שוין פון פריערדיגע קאַפּיטלען, און ווי איר וועט עס באַלד וויסן פון אַ קומענדיגן אַרטיקל — נישקשה׳דיג צוגעהונגערט. אָדער ווי מאָרים ווינטשעווסקי האָט געזאָגט: ״דאָס וואָס איך האָב געוואוסט אין דער טעאָריע האָב איך זיך דערוואוסט אין דער פּראַקטיק.״

דער מערקווירדיגער אָפּרוף פון דעם קורצן בריוול

איבעראַשנד ווי עס איז געווען פאַר מיר דערזעענדיג מיין ערשטע „ליטעראַרישע שאַפונג״ אין דער „פ.אַ.ש.״, איז נאָך מער איבעראַשנד געווען דער אָפּקלאַנג וואָס דער קורצער בריוול האָט געהאַט ניט נאָר אין פּאָל ריוועער און אַרומיגע שטעטלאַך, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט, ווי ניו־יאָרק, באָסטאָן, אויף דער פּאָל ריוועער „באָט״, און אַפילו אין אויסלאַנד — אין פראַנקרייך.

„קאַמיוואָיאַזשאָרן״ („דראָמערס״) וועלכע זיינען געקומען אין פּאָל ריוועער פאַר געשעפט, האָבן זיך אויף מיר נאָכגעפרעגט בא זייערע קונדן („קאָסטי־

ל. הינדעם

מערם"). זיי האָבן געוואָלט וויסן ווער איז דאָס דער בחור וואָס האָט אַזוי גוט אָנשריבן דעם בריוול אין דער ניו־יאָרקער אַרבעטער צייטונג. זיי האָבן פריער גאָר ניט געוואוסט, אַז אין פאָל ריווער — די שטאָט וואָס איז וויניג־וואָס באַקאַנט צו לייענער פון דער אידישער פרעסע — געפינט זיך איינער וואָס איז פאַראינטערעסירט צו שרייבן אַ באַריכט פון אַ סטרייק. דער צווייטער דראָמער, דער פאַרשטאָרבענער לואיס מאַטיסאָן, פון מאָלדען (אַ פאָרשטאָט פון באָסטאָן), מיט וועמען איך האָב זיך שפעטער באַקאַנט פערזענליך, האָט מיך אַרומגעזוכט אין שטאָט. ער האָט געוואָלט וויסן ווער איז דאָס דער בחור וואָס האָט אָנגעשריבן דעם אַרטיקל אין אַזאַ „אַנאַרכיסטיש־רעוואָלוציאָנערן גייסט!". איבערהויפט האָט אים אינטריגירט די קעפל אויף דעם בריוול, „דאָס דערוואַרטעטע איז געשעען!" נאָך אַ לייענער פון דער „פ.אַ.ש.", וועלכער האָט זיך אויף מיר געפרעגט און באַזוכט, איז געווען אַן אינטעליגענטער אידישער יונגערמאַן פון ניו־יאָרק, וועלכער איז געקומען צו גאַסט צו קרובים אין פאָל ריווער. דער דאָזיגער בחור, פון מיטלוואוקס, אין די הויכע צוואַנציגער, מיט סימפאַטישע בלויע אויגן הינטער זיינע „גאָלדענע" ברילן, וועלכער, אויסער אידיש, האָט גערעדט פליסיג רוסיש און ענגליש און, ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אויך פראַנצויזיש, האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט געלייענט דעם אַרטיקל ווען ער איז געווען אין פראַנקרייך — אין פאַריז — וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ פאָר מאָנאַטן אין דעם באַרימטן סאָרבאָן אוניווערסיטעט אַלס פאָרשונגס אַרבעטער („ריסוירטש וואָירקער"). אַזוי ווי, האָט ער ווייטער געזאָגט, ער איז געקומען באַזוכן זיינע אייגענע אין פאָל ריווער, האָט ער באַשלאָסן צו באַקענען זיך מיט קאָרעספאָנדענט פון דער „אַנאַרכיסטישער צייטונג".

אַ דריטער באַזוכער מיינער איז געווען אַ פעסט־געבויטער בחור אין די לעצטע צוואַנציגער, מיט שוואַרצע איינדרוקספולע גרויסע אויגן, זילבערנע ברילן, די געדיכטע האָר אַרטיסטיש פאַרקעמט אַף אַרויף. ער איז אַריינגעקומען אין מיין צימער ווען איך בין נאָך געווען אין בעט. ריידנדיג אין זיין געזונטן בעסאַראַבישן אידיש, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אַ מוזיקאַנט אויף דער „פאָל ריווער באָוט", די באַוואוסטע לוקסוריעזע פאַסאַזשיר שיף, וואָס קורסירט טעגלעך צווישן ניו־יאָרק און פאָל ריווער; אַז ער האָט אויף דער שיף געלייענט מיין „אַרטיקל" אין דער „פ.אַ.ש." און עס איז פאַר אים געווען אַן „אַנטפלעקונג" וואָס אין דער שטאָט, וואָס איז אים אַזוי באַקאַנט, האָט ער ביז איצט גאָרניט געוואוסט, אַז דאָרטן געפינט זיך אויך אַ „מענטש" (געמיינט האָט ער, אַ ראַדיקאַל און געזעלשאַפטלעכער טוער).

אָבער דעם גרעסטן סורפּריז וואָס די קורצע קאָרעספאָנדענץ אין דער פ.אַ.ש. האָט מיר געבראַכט, איז געווען אַ בריוו פון מיינעם אַ יוגנט־פריינט,

פאָל ריוועער — אַמאָל און היינט

א יונגער דאָקטאָר אין בעלוויאו מעדיקאל האָספּיטאל אין ניו־יאָרק, פון וועלכן איך האָב שוין ניט געהערט אומגעפער פינף יאָר. דעם לעצטן מאָל האָב איך אים געזען ענדע 1905, ווען ער איז אריינגעטראָטן אין דעם מעדיצינישן קאָלעדזש. אין זיין בריוו שרייבט ער מיר, אז ער האָט געליינט מיין „זאך" אין דער „פרייע ארבעטער שטימע" מיט מיין נאָמען אונטערגעשריבן, און אז דאָס הארץ האָט אים געזאָגט, אז איך בין דער אויטאָר פון בריוול, און פאַר־ענדיגט מיט ווארעמע קאָמפּלימענטן. „דו האָסט", שרייבט ער, „אלע עלעמענטן פאַר א צוקונפטיגן גוטן אידישן שרייבער." (די נבואה פון מיין יוגנטפריינט, דער היינטיגער דר. לעאָ ראָזענטאל פון איסטערן פּאַרקוועי, ברוקלין, איז אָבער בלויז טיילווייז מקוים געוואָרן.)

וואָכן און מאָנאַטן שפּעטער זיינען מיר געקומען באַזוכן פריינט און באַקאַנטע פון אַנדערע שטעט, וואו איך האָב געוואוינט איידער איך בין גע־קומען אין פּאָל ריוועער, און אויך מענטשן וועלכע איך האָב קיין מאָל ניט געקענט און ניט געזען. זיי האָבן געזען דעם בריוול און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין שטאָט אויפ'ן וועג פון ניו־יאָרק קיין באָסטאָן, זיך צו באַקענען מיט אַן „אייגענעם".

קורץ, דער אָפּרוף פון מיין ארטיקל האָט מיך פשוט צעטומלט! איך האָב זיך אַפילו אין דער פאַנטאַזיע ניט פאָרגעשטעלט אז די געציילטע געדרוקטע שורות אין דער צייטונג זאָלן פאַראורזאַכן אַזאַ פוראָר! אין אַנדערע ווערטער, אז מיין „דעביו" (דער ערשטער ארויסטריט) אין דרוק זאָל קריגן אַזוי פיל אַנערקענונג פון אינטעליגענטע גוט־באַלייענטע אידישע ארבעטער, פון קינסט־לער און פּראָפעסיאָנאַלן. די חשיבות פון דער „פרייע ארבעטער שטימע" איז באַ מיר, פאַרשטייט זיך, געוואַקסן, זעענדיג מיט מיינע אייגענע אויגן ווי זי ווערט געשעצט פון אירע טויזנטע לייענערס.

מיינע „מיסעסן" פאַרשטייען מיך ניט

פאַר די באַלעבאַסטעס מיט זייערע מענער, באַ וועמען איך בין איינגע־שטאַנען בין איך געווען אַ רעטעניש. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ „באָרדער" (קוואַרטיראַנט) זיי האָבן. דאַכט זיך, האָבן זיי געזאָגט, אַן אַנ־שטענדיגער בחור, „העכסט געבילדעט", קומט פון אַ גוטער פאַמיליע (אַ לאַנדס־מאַן האָט פאַרשפּרייט אין אידישן קוואַרטאַל אַ קלאַנג, אַז איך בין פון דער היים אַ נגיד'ס אַ זוהן — וואָס איז געווען אַ היפּש ביסל איבערטריבן. דער מיטליאָריגער איד האָט, ווייזט אויס געהאַלטן פון'ם כלל: „לויבנדיג יענעם לויבסטו זיך אַליין"); עס קומען צו אים אַזוי פיל פיינע לייט און דאָך האָט ער אָפט ניט צו באַצאָלן „רענט" (דירה־געלט); שטענדיג בלייבט אַ באַלאַנס פון איין וואָך ביז דער אַנדערער; אַמאָל הייסט ער קאָכן מיטאָג און אַמאָל ניט, שלאָפט שפּעט (כדי איינצושפּאָרן אַ פרישטיק . . .).

קורץ, זיי האָבן טאַקע מיך ניט געקענט פאַרשטיין, און ניט קענענדיג מיך פאַרשטיין, זיינען זיי גאַנץ אָפט גוט אין כעס געוואָרן פאַר מיין „מאָדנע אויפפירונג", און האָבן ניט געוואָלט איך זאָל איבערלאָזן „באַלאַנסן" פון איין וואָך ביז דער צווייטער. איין מאָל, אין אַ הייסן זומערדיגן אָוונט, ווען איך האָב געהאַט געגעבן אַ לעסאָן איינעם פון מיינע שילער, לויפט אַריין מיין „מיסעס", אַ פרוי אין די דרייסיגער, מיט פלאַמנדיג שוואַרצע אויגן אין איר קיילעכדיגן פּנים, האַסטיג אין מיין צימער און פאָדערט די רענט וואָס איך בין איר שולדיג (2.50 דאָלאַר). כ'האָב אַרויסגענומען פון קעשענע צוויי האַלבע דאָלאַרס, איר דערלאַנגט און צוגעזאָגט צו געבן איר די איבעריג מאָרגן.

— ניין! — האָט זי בייז אַ וואָרף געטאָן די צוויי פופציג סענטיגע מטבעות אויפ'ן טיש, אַזוי אַז זיי זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער'ן בעט — די גאַנצע געלט זאָל זיין! —

דער לעסאָן, פאַרשטייט זיך, איז איבערגעריסן געוואָרן. כ'בין אַרונטער־געגאַנגען אין גאַס, אָנגעטראָפן אַ פּאָר באַקאַנטע, געליען באַ זיי צו דאָלאַר (באַ דעם שילער האָב איך ניט געוואָלט בעטן, ווייל איך האָב שוין באַ אים נאָך פריער געהאַט גענומען אין פאָראויס אַ דאָלאַר אָדער צוויי), באַצאָלט איר דעם גאַנצן חוב און אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך „אַרויסגעמופט" (אָפּגעליידיגט דעם צימער).

פּאָל ריוועד — אַמאָל און היינט

מיין צווייטע „מיסעס", מרס. אייבראַמס (דעם נאָמען פון דער ערשטער מיסעס געדיינק איך לײדער ניט) — אַ פרוי אין די ערשטע דרייסיגער, מיט אַ פּאָר מילדע שוואַרצע אויגן אין איר לענגלעכן פּנים, אַ דערצויגענע אין אַמעריקע, גערעדט אידיש און ענגליש, איז אויך געווען אַנטוישט אין איר נייעם באָרדער, זי האָט אויך מסתמא געקלערט: „האַו קאַם!?" — ווי קומט עס וואָס אַזאַ „פיינער יונגערמאַן", האָט אַזוי פיל פיינע באַזוכער, זאָל איבערלאָזן אַ באַלאַנס פון וואָך צו וואָך פאַר רענט און פאַר קאָכן? און ווער ווייסט צי ער וועט ווען עס איז קענען באַצאָלן דעם אָנגעקליבענעם חוב.?" און ווי די ערשטע „מיסעס", האָט זי מיר אויך געבעטן צו „זוכן אַן אַנדער צימער"; דאָס הייסט, פּראָסט און פּשוט, „אַרויסמופן". די אַמעריקאַניזירטע מיסעס אייבראַמס האָט עס אָבער געטאָן אַביסל איידעלער ווי די ערשטע פון ספּרינג סטריט; זי האָט איבערגעגעבן איר מאַן צו „מאַכן דעם דזשאַב". איין מאָל אין אַן אָונט ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען אויף עטלעכע מינוט צו אַ שכנ'טע, איז אַריין צו מיר אין צימער מר. אייבראַמס, אַ איד אין די שפּעטע דרייסיגער, הויך געוואַקסן, טונקל־ברוינע האָר, מיט אַ פּאָר גרויסע גרויע אויגן אין זיין פאַרהאָרוועטן פּנים, און זאָגט אין אַ ציטערנדיגע שטימע, אַז ער קען מיך מער ניט האַלטן, ווייל איך צאָל ניט די רענט אין צייט, אַמאָל היים איך קאָכן און אַמאָל ניט. די פרוי זיינע קויפט איין די פלייש און די גרינצייג און ס'בלייבט ליגן; עס ווערט קאַליע, און אַנשטאַט עפּעס פאַרדינען פון מיר, פאַרלירן זיי גאָר!

מיט ווייטאָג האָב איך אויסגעהערט זיין באַפעל צו פאַרנעמען זיך פון זיין הויז, אָבער איך בין ניט געווען אין כעס — איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז ענדע וואָך וועל איך באַצאָלן ביז אַ סענט דעם גאַנצן חוב און עסן מיטאָגן רעגעלמעסיג יעדן טאָג.

מיין צוזאָג האָב איך דערפילט, ווייל אין יענע וואָך האָב איך געקראָגן אַן אַנדער באַשעפטיגונג, וואָס האָט זיך באַצאָלט אַביסל בעסער ווי די לערעריי, פון וועלכע איך האָב פאַרדינט „וואַסער אויף קאַשע", און בין פאַרבליבן וואוינען באַ די אייבראַמסעס ביז זיי האָבן, דריי מאָנאַטן שפּעטער, פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ.

ענדלעך פאַרשטאַנען די „מיספאַרשטענדנישן"

שמערצלעך און באַליידיגנדיג ווי ס'איז פאַר מיר געווען די גאָר ניט איידעלע באַהאַנדלונגען פון דער ערשטער מיסעס און די אמת איידעלע באַהאַנדלונגען פון דער צווייטער, בין איך אָבער לאַנג ניט געווען ברוגז אויף זיי. זיי האָבן מיך ניט פאַרשטאַנען: זיי האָבן געמיינט אַז זיי כאַפּן דאָ אַריין אַ באָרדער אַן אבן טוב. זיי האָבן ניט געוואוסט אַז מיינע פאַרדינסטן פון לערעריי זיינען זייער באַגרעניצט, און אַז די מערסטע פון מיינע באַזוכער

האָבן מיר גאָרניט ניט געבראַכט; פאַרקערט, מייסטע פון זיי זיינען גאָר געקומען צו מיר נאָך טובות; אַ פּאָר פון זיי האָבן פּרובירט אויסגעפינען צי איך קען אַרויסגיין איבער׳ן שטאָט צו שאַפן פאַר זיי עפּעס געלט. . . .

איך אַליין האָב פון אָנפאַנג ניט געוואוסט אַז די ביידע פאַמיליעס זיינען זייער אָרעם, און אַז זיי האָבן דערוואַרטעט אַז מיט מיין צאָלן פּינקטלעך די רענט און פאַרן קאָכן וועט אַרויסהעלפן אויפצוהאַלטן די הויז. דער מאַן פון דער ערשטער באַלעבאָסטע, אַ איד אין די פערציגער, מיט גרויסע בלויע אויגן אין זיין פּנים מיט אויסגעשטאַרצטע באַקן ביינער, האָט שווער געאַרבעט צו מאַכן אַ לעבן פאַר זיין פרוי און צוויי קינדער אין זיין „סעקאַנד־הענד סטאָר״, וואו ער איז געזעסן און געלאַטעט און איבערגעניצעוועט אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער צו פאַרקויפן, און גאַנץ אָפט האָט ער אַליין ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן די רענט. און מר. אייבראַמס האָט אויך זייער שווער געאַרבעט פאַר אַ לעבן צו מאַכן פאַר זיין פרוי און זיינע צוויי קליינע צווילינג־טעכטערלאַך אַלס פּשוט׳ער לעיבאָרער אין אַ „האָלסעיל גראָסערי״ (אַגולנע באַקאַלעי געשעפט), אָנלאָדנדיג און אויסלאָדנדיג שווערע זעקלאַך מעל און גרויפּן און גרויסע קאַסטנס שפּייז פּראָדוקטן; און פון דער דאָזיגער שווערע פּראַצע האָט ער קוים געקענט אויסקומען מיט דער הוצאה.

ווי געזאָגט, בין איך מיט מיינע געוועזענע באַלעבאָסטעס און זייערע מענער ניט געווע לאַנג ברוגז. ווען איך האָב די ערשטע באַגעגנט אין גאַס אָדער אין אַ סטאָר האָב איך זי גאַנץ פריינטלעך באַגריסט. און ווען די אייבראַמסעס האָבן, ווי שוין דערמאָנט, געוואוינט אין שיקאַגאָ, האָב איך זיי אַ פּאָר מאָל באַזוכט דורך די יאָרן 1917-18, ווען איך האָב פאַרבראַכט אין יענער שטאָט, און בין געווען באַ זיי אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

איך פאַרלאָז די שטאָט

אָנפאַנג הארבסט פון 1910 האָב איך פאַרלאָזן פאָל ריווער — די שטאָט וואו איך האָב קנאַפּע צוויי יאָר געלעבט, געליטן, געלערנט און געקעמפט — און זיך באַזעצט, ווי באַוואוסט פון אַ פריערדיגן קאַפּיטל, אין דער דערביייאיגער שטאָט ניו־בעדפאָרד, וואו איך האָב פאַרבראַכט גאַנצע דריי יאָר.

דורך די דאָזיגע דריי יאָר האָב איך זיך ניט געקענט אינטערעסירן מיט׳ן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער ערשטער שטאָט, ווייל אין מיין נייעם ישוב האָב איך די גאַנצע צייט געהאַט מיט זיך די פּראָבלעם פון מאַכן אַלעבן. צוליב פאַרשיידענע סיבות האָב איך זיך געמוזט נעמען צו אַ באַשעפטיגונג וואָס איז מיר גאָר ניט געווען צום הארצן און אויך ניט פאַר מיינע כוחות — פּעדלען. אַלס אַ „געשעפטס־מאַן״ האָב איך שוין געקענט צאָלן פּינקטלעך מיין רענט און פאַר קאָכן די פלייש׳נע מיטאָגן און געטראָגן גאַנצע שיך. אָבער קאָפּ־דרייעניש,

עגמת נפש, שלאָפלאָזע נעכט, נערוועזיטעט, האָב איך פון מיינע ביזנעס געהאַט איבער גענוג — אויפ׳ן פּוד! . . . און מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער נייער שטאָט איז געווען גאָר פון אַ נייעם סאָרט, וואָס איז מיר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט — איך בין אומדערוואַרטעט אריינגעצויגן געוואָרן אַלס אַן „אַקטיווער סימפּאַטיקער" פון דער נייער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, „אינדוס־טריעל וואָרקערס אָוו די וואָרלד" („אי־דאַבליו־דאַבליו" פאַרקירצט). אַלס אַ מיטגליד פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע האָב איך ניט געקענט זיך אָנשליסן, ווייל איך בין ניט געווען קיין שאָפּ־אַרבעטער, נאָר, ווי שוין פריער באַמערקט, אַ „ביזנעס־מאַן".

דער פּראָגראַם פון דער א.וו.וו., לויט וועלכן די אַרבעטער יוניאָנס וועלן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איבערנעמען די רעגירונגס־מאַכט און איינפירן סאָציאַליזם, האָט צו מיר דאַן בעסער אַפּעלירט ווי פּראָגראַמען פון די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַל דעמאָקראַטן. און די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אָרגאַ־ניזאַציע האָט אונטער דער פירערשאַפט פון וויליאַם (ביל) ד. העיוואָוד, עליזאַ־בעט גוירלי פלין, און אַנדערע, אָנגעפירט אָרגאַניזאַציע קאַמפּאַניעס, און אין די יאָרן 1911־12, גענעראַל סטרייקס אין די טעקסטיל צענטערס, ווי פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי; לאָורענס, מאַסאַטשוזעטס; און אין ניו־בעדפאָרד גופא. און מיין גאַנצע ענערגיע און די צייט וואָס איך האָב געקענט אָפּשפּאָרן האָב איך אוועקגעגעבן דער א.וו.וו. אַ פּאָר מיטגלידער, אַלעק לאַסאָוו און יואל ליפּניק, פון דעם נ. ב. „לעיבאָר ליג" (געווען באַקאַנט אַלס דער „מאַסאַטשוזעטסער אַרבעטער רינג") האָבן מיר אַביסל אַרויסגעהאָלפן אין מיינע באַמיאונגען לטובת די קעמפנדיגע טעקסטיל אַרבעטער.

הכלל, אין מיין נייער „היים" בין איך געווען אַ פאַרנומענער מענטש, און ווייניג וואָס צייט געהאַט אפילו צו טראַכטן פון מיין אַלטער „היים". פון צייט צו צייט פלעג איך דאָרט צופאָרן פאַר געשעפט, און זיך זען מיט אַ באַ־קאַנטן — און מער ניט. און ווען איך בין יאָרן־לאַנג געווען אַ רייזנדער, פלעג איך אויפ׳ן וועג פון ניו־יאָרק קיין באָסטאָן מיט דער „באָוט" זיך אָפּשטעלן אין פּ. ר. אַ קוק צו טאָן פון דערווייטנס אויף די גאַסן און די געביידעס, אָבער פאַר איבער דרייסיג יאָר האָב איך די שטאָט אינגאַנצן ניט געזען. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אויפ׳ן וועג פון באָסטאָן קיין ניופּאָרט, ראָוד אײלאַנד (די שטאָט וואו אין דעם יאָר 1658 איז אָנגעקומען אַ גרופּע פון 32 פּאָרטוגעזישע אידן און דאָרט געגרינדעט דעם צווייטן עלטסטן אידישן ישוב אין אַמע־ריקע — ל. ה.), איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן פּ. ר. און האָב באַשלאָסן אָפּצושטעלן זיך אויף אַ טאָג צייט צו כאַפּן אַ „בעסערן קוק" אויף דער שטאָט און זיך זען מיט די עטלעכע איבערגעבליבענע מיינע אַמאָליגע פריינט און גענאָסן.

פאָל ריווער הייטס

נאָך איידער איך וועל אייך דערציילן וואָס איך האָב געזען אין מיין אַלטער היים־שטאָט, האַלט איך פאַר וויכטיג נאָך אַמאָל צו באַמערקן, אַז דער לעצטער באַזוך מיינער אין פ. ר. איז געווען, ווי מיין אָנקומען און זיך באַזעצן דאָרט, אויך דורך אַ צופאַל.

אין 1909, ווי איר געדיינקט, בין איך פאַרבליבן אין יענער שטאָט, ווייל מיר האָט אויסגעפעלט די פינאַנציעלע מיטלען און איך האָב מורא געהאַט אריינצופאָרן אין דער גרויסער ניו־יאָרק אין די קאַלטע ווינטער־חדשים כמעט מיט אַ ליידיגע קעשענע. די סיבה פון מיין איצטיגן קורצן באַזוך איז געווען גאָר אַן אַנדערע:

ווי באַוואוסט, ליגט די שטאָט צווישן באָסטאָן און ניופּאָרט, ראָוד איילאַנד — די שטעטל וועלכע פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע. (אין דער דאָזיגער קליין שטעטל מיט אַ באַפעלקערונג פון אומגעפער 20 טויזנט, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דער געשיכטע, איז אין דעם יאָר 1658 אָנגעקומען אַ גרופּע פון פערציג פּאָרטוגיעזישע אידן און געגרינדעט דאָרט דעם צווייטן אידישן ישוב אין דעם נייעם לאַנד), און אַזוי ווי דער אַמעריקאַנער יודנטום האָט אין 1954 געפייערט אויף אַ גראַנדיעזן אופן דעם דריי־הונדערט יאָריגן יובילײ פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע (די ערשטע אידן זיינען אָנגעקומען אין 1654 אין ניו־יאָרק), בין איך זייער נייגעריג געווען אָנצוקוקן די שטעטל, ניופּאָרט, וואו עס שטייט נאָך די עלטסטע סינאַגאָגע, געבויט אים דעם יאָר 1769; דעם אַלטן בית עולם מיט די איינדרוקספולע מצבות אויף קברים פון די ערשטע פּיאָנירן; די אינטערעסאַנטע מאָנומענטן פאַר באַרימטע אַמעריקאַנער וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אין ניופּאָרט; די אימפּאָזאַנטע געביידע פון דער ערשטער פרייע פּאָלקס־ביבליאָטעק אין אַמעריקע, געגרינדעט אין 1700; און אַנדערע מערקווירדיקייטן פון שטעטל.

צוריק אַהיים פאָרנדיג, קיין באָסטאָן, האָב איך באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן אין פאָל ריווער פאַר אַ פּאָר טעג, צו כאַפּן אַ גוטן קוק אויף די גאַסן, אויף די הייזער פון מיין אַמאָליגע היים־שטאָט, און זיך זען מיט די פאַרבליבענע פריינט מיינע, וועלכע איך האָב שוין ניט געזען און ניט געהערט פון זיי פאַר צענדליגע יאָרן.

פאַל ריווער — אַמאָל און היינט

פאַל ריווער נאָך דער גרויסער שריפה פון 1928

דער וועטער איז געווען גוט צו מיר, ווען מיין באס איז אריינגעפאָרן אין א סעפטעמבער פארמיטאָג אין צענטער פון שטאָט. די זון האָט געשיינט אין איר פולער פראַכט און ס׳האָט געבלאָזן א קילער אנגענעמער ווינטל — אַן אידעאַלער ווינטשענסווערטער וועטער פאַר יעדן רייזנדן אָדער טוריסט, ווארום, ווי באוואוסט, פילט זיך א רייזנדער זייער מיזעראבל אין א פרעמדע שטאָט אין א רעגנדיגן אָדער צו קאַלטן וועטער, ווען מ׳קען ניט ארויסגיין אינדרויסן. . . .

שפּאַצירנדיג לאַנגזאַם איבער דעם טייל פון דער הויפּט גאַס וואָס הייסט סאַוט מעין סטריט, האָב איך כמעט קיין ענדערונגען ניט געזען — ס׳שטייט נאָך דאָרט דער לאַנגער ראַגאַווער פינף־שטאָקיגער רויטער מויער, אָבער די רויטקייט פון דער ריזיגער געביידע איז שוין א היפּש ביסל אָפּגעבלאַקעוועט. מ׳זעט נאָך דאָרט די חנוודיגע לאַנגע דריי־שטאָקיגע ווייסע געביידע פון דער מעגוואַיר דעפּאַרטמענט סטאָר. ס׳זיינען נאָך פאַראַן דאָרט די הילצערנע איין־שטאָקיגע געביידעס וואו ס׳האָבן זיך געפונען קליינע סטאָרס, אָבער די דאָזיגע קראָמען זעען אויס א סך אַנדערש ווי מיט פופציג יאָר צוריק — זיי פאַרמאָגן שוין שיינע בייכיגע שוי־פענצטערס; איבער די פארפוצטע גרויסאַרטיגע „וויסטאַווים״ זעט זיך פונדעסטוועגן די אַמאָליגע אַלטע גרויקייט און שימל. . . .

מיין ערשטער באַקאַנטער איד אין פ. ר., אוורעמל דער שוסטער („אייב דער קאַבלער״), איז שוין לאַנג, לאַנג דאָרט ניטאָ, ווי אויך זיינע גוטע שכנים, די קאַפּלאַן ברידער.

בכלל, האָב איך די סאַוט מעין סטריט געפונען אַלץ, ווי מ׳זאָגט אין רוסיש, „פּאַסטאַראָמו״; אָבער אריבערגייענדיג דורך דער דורכשניידנדיגער פּלעזענט סטריט צו דעם צפון׳דיגן טייל פון שטאָט, וואָס הייסט נאָרט מעין סטריט, האָב איך דעם געגנט גאָר ניט דערקענט. ניטאָ דאָרט מער די אַמאָליגע לאַנגע פיר־שטאָקיגע גרויע גראַניט געביידע, וואו ס׳האָבן זיך געפונען צענדליגע אָפיסעס פון דאָקטוירים, דענטיסטן, לאָיערס, אינזשענירן, ארכיטעקטאָרן, קינסטלער, און אַנדערע; ניטאָ שוין דאָרט דער היסטאָרישער ברווינער טעאַטער, וואו די טעקסטיל סטרייקערס אין 1904 האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע מאַס־מיטינגען פריי. אויפ׳ן פּלאַץ פון אַמאָליגן ברווינעם האָטעל איבערן וועג, וואו דער מענעדזשער האָט איין מאָל ניט געוואָלט אריינלאָזן אידישע אַקטיאָרן, שטייט שוין אויך א ברווינער האָטעל, נאָר גרעסער און מער אימפּאָזאַנט; און אויף די פּאַראַלעלנע געסלאַך פון דער מעין סטריט, וואו ס׳האָט אַמאָל גע־וואוינט די פּאַל ריווער אָרעמשאַפט, שטייען נייע הייזער, שפּייכלערס און, צווישן זיי, ליידיגע פּלעצער. און אויף פּלעזענט סטריט, אויפ׳ן וועג צו דער פּלינט, האָב

ל. הינדעס

איך שוין ניט געפונען די אַלטע טונקעלע הילצערנע נידריגע הייזער מיט די קליינע גראַסערעס, ביליגע רעסטאָראַנען, געשעפטן פון אַלטע שיך און קליידער („סעקאָנד הענד סטאָר"), און אַנדערע. אויף דעם פּלאַץ פון די אַמאָליגע אומעדיגע געביידעס שטייט אַ לאַנגע ריי בלישטשענדע ווייסע געזאָלין סטיי־שאַנס, און הינטער די דאָזיגע ווייסע „שטיבעלאַך" זעט מען אַ סך ניט־פאַר־בויטע שטחים לאַנד און אַ היפשע צאָל איינגעפאַלענע חורבות, וואָס האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד, ווייל אין יענע גאַסן האָבן געוואוינט אַ סך פון מיינע פריינט, וועלכע איך האָב אָפט באַזוכט. . . .

אָט די דאָזיגע ענדערונג, סיי אויף דער נאָרט מעין סטריט און סיי אין די הינטער גאַסן, ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, איז דער רעזולטאַט פון דער גרויסער שריפה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין פעברואַר 1928. דער „פייער" האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע פיר טעג און האָט פאַרניכטעט, אויסער די פייער־דערמאָנטע וויכטיגע עפנטלעכע געביידעס, אויך אַלע סטאָרס פון ביידע זייטן פון דער הויפּט גאַס און פון די אַרומיגע גאַסן. (ווי עס ווערט איבער־געגעבן אין דער געשיכטע פון פּאָל ריווער, איז דער פייער געווען דער צווייטער גרעסטער נאָך פון דעם יאָר 1843. אין יענער שריפה זיינען פאַרברענט גע־וואָרן 196 הייזער). צום גליק, האָבן די פלאַמען ניט דערגרייכט די צוויי פּרעכטיגע מאַרמאָרנע מויערן פון דער פּאַבליק לייברערי און דער „יאַנג מענ'ס קריסטשען אַסאָסיאיישאַן" און קיין מענטשלעכע לעבנס זיינען ניט אומגעקומען־

די שטאָט גייט באַנקראָט

דער מאַטעריעלער שאָדן פון דעם פעברואַר „פּאַזשאַר" האָט, לויט די אָפיציעלע ציפערן, באַטראָפן איבער 25 מיליאָן דאָלאַר, און די שטאָט איז נעגאַנגען באַנקראָט. די אַדמיניסטראַציע האָט ניט געקאָנט אַריינקריגן גענוג שטייערן („טעקסעס") אויף אויסצוהאַלטן דעם פּאָליציי דעפּאַרטמענט, די פייער־לעשער, דעם סאַניטאַציע אָפּטיילונג, די סקולס און די אַנדערע שטאָטישע אַנשטאַלטן, און די סטייט רעגירונג פון מאַסאַטשוזעטס האָט געמוזט איבער־נעמען די פאַרוואַלטונג און האָט עס אָנגעהאַלטן גאַנצע דריי יאָר, ביז די הונ־דערטע נשרפים זיינען ווי עס איז צו זיך געקומען און דער עקאָנאָמישער לעבן האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן מער אָדער ווייניקער נאָרמאַל.

פּאָל ריווער ניט מער דער גרעסטער טעקסטיל צענטער אין אַמעריקע

די אַמאָליגע ריזיגע קאַטן מילס — די לאַנגע פּיר און פּינף־שטאָקיגע גרויסע שטיינערנע מויערן מיט די קליינע ווייסע פענצטערלאַך, צעוואָרפן איבער אַלע עקן פון שטאָט — זיינען נאָך דאָ, אָבער ניט אין אַלע פון די דאָזיגע מילס פּראָדוצירט מען איצט „קאָטן קלאָט" (באַוולנע גיוואַנט).

לויט אַ דערקלערונג פון אַן אַלטן באַקאַנטן אידישן ביזנעסמאַן, וועלכער איז גוט אויסגעבונדן אין שטאָט, איז 60 פּראָצענט פון דער קאַטן אינדוסטריע אוועק אין דער סאַוט אָדער אינגאַנצן ליקווידירט. די טרויעריג־באַרימטע אָפּן־שאַפּ מאַרשאַל העט פעקטאָרי איז שוין לאַנג דאָרט ניטאָ; פון די 30 טויזנט טעקסטיל אַרבעטער וואָס האָבן ביז 1932 געהאַט געאַרבעט אין די טעקסטיל פאַבריקן, אַרבעטן איצט בלויז צוועלף טויזנט; אַז אין די אויסגע־ליידיגטע מיל געביידעס האָבן „אַריינגעמופּט" פאַרשיידענע אַנדערע אינדוס־טריעס, ווי גומי, עלעקטרישע מאַשין אויסשטאַטונג, און אַ באַדייטנדיגע צאָל דרעס שעפּער, וואָס געהערן צו ניו־יאָרקער קאָנטראַקטאָרס. דער זעלבער גע־שעפטסמאַן האָט מיר אויך אינפאָרמירט, אַז די אומגעפער דריי טויזנט אַרבע־טער וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין דער ניי־אַריינגעקומענער גאַרמענט אינ־דוסטריע, זיינען אָרגאַניזירט אין דער „אינטערנײשאַנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" און אַז די יוניאָן פאַרמאָגט פיינע „העדקוואָדערס" און אַ „העלט סענטער", וואו אירע מיטגלידער קריגן פריי מעדיצינישע באַהאַנדלונג.

די שטאָט פאַרמאָגט איצט אויך אַ ריזיגע אויל ריפאַינערי, וואָס באַ־שעפטיגט איבער טויזנט אַרבעטער. אָט די ריפאַינערי, צוזאַמען מיט די פריער־דערמאָנטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, האָבן געראַטעוועט די שטאָט פון אַן עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט איר באַדראָעט נאָך דער גרויסער שריפה, און פון דער עמיגראַציע און ליקווידאַציע פון די טעקסטיל פאַבריקן.

באַגעגענישן מיט די פיר איבערגעבליבענע

האָבנדיג געבאַפּט אַן אויבערפלעכלעכן קוק אויף די עטליכע גאַסן אין צענטראַלן געגנט, האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן אויף מיינע אַמאָליגע פריינט און גענאָסן, און האָב אויסגעפונען, אַז פון די צענדליגע נאָענטע באַקאַנטע און גענאָסן זיינען פאַרבליבן בלויז פיר: מאַקס קאַפּלאַן, דער (געוועזענער) דזשור־לערי־מאַן; דער (געוועזענער) טשעמאָדאַנען און קופערטן־מאַכער, לואיס האַרט־

שטיין; דער (געוועזענער) גראָסערי־מאַן און פּעיפּער־הענגער, מאַיק סטאָון; און דער (געוועזענער) שניידער־אַרבעטער, בעני לעווין, וועלכער אַרבעט היינט פאַר זיך.

נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אויף דעם באַזוך אין מיין אַלטער היים האָב איך שוין געוואוסט, אַז די סאַמע נאָענטסטע פון מיינע פריינט, ווי לואיס שוואַרץ, יאָשע שטיינבוק, לואיס הייסאָן, חיים אַנשין, זיינען שוין לאַנג ניט צווישן די לעבעדיגע. כ'האָב אויך געוואוסט, אַז היימאַן שאַפּיראָ, דער (געוועזענער) פּעדלער, איז מגולגל געוואָרן אין אַ דעליקאַטעסן סטאָר אין אַ שטעטל ניט ווייט פון באָסטאָן; אַז דער (געוועזענער) פּעדלער, וויליאם טאָקער, איז אויך פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ פלייש־מאַרקעט אין ווירדזשיניע; אַז די (געוועזענע) פּרוכט פּעדלערס, די פּריימאַן ברידער, זיינען אַוועק ווייט, ווייט, אין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן; אַז דער (געוועזענער) פּיקטשור פּעדלער, לואיס פעלדמאַן, איז פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ פוירניטשור סטאָר (מעבל געשעפט) אין אַ שטעטל אין ראָוד איילאַנד; אַז מיין העברעאישער לערער פריינט, זלמן פראַנטאָן, איז אַוועק קיין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט זיך קיין עין הרע אַרויפגעאַרבעט אויף אַ גרויסן געשעפטסמאַן; אָבער וואו זיינען די איבעריגע אינטימע פריינט מיינע? וואו זיינען זיי?

און פאַראַפראַזירנדיג דעם פאַרשטאָרבענעם אַרבעטער און פאָלקס־פּאָעט, אברהם רייזין, וועלכער קומענדיג אַהיים נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון עטלעכע יאָר און ניט געפינענדיג זיינע אַמאָליגע חברים און חבר'טעס און נאָענטע שכנים, האָט געפרעגט: „וואו איז יאַנקל, בערל דוד'ס? וואו איז שפרה, שרה לאה'ס? וואו איז חנה, שיינע־באַשע'ס? וואו איז פּייוול, חיים־יאָסל'ס? — און אַזוי האָב איך גענומען פרעגן: „וואו איז מאַקס הורוויץ? . . . דער הויכער אינטעליגענטער בחור מיט ערנסטע טונקל־ברוינע אויגן, דער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג און פון דער עדיוקיישאַן קאָמיטע (קולטור קאָמיטעט); וועלכער האָבן גערעדט געלאַסן מיט אַ לייכטן „ר", געלייענט פּאַמעלעך באַריכטן פון קאָנווענשאַנס, פון קאָנפערענצן; וועלכער פלעגט זיך איבערשרייבן מיט די לעקטאָרס און קאָנצערטיסטן וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אין פאָל ריווער? און טאַקע, וואו איז ער דער קאַפּעטקעוויטשער בחור מיט אַלע מעלות? (מאַקס האָט געהאַט איין קליינעם „חסרון": אַנשטאָט „קאָמיטע", ווי מ'פלעגט עס אָנרופן, האָט ער דעם וואָרט אַרויסגערעדט „קאָ־מיטע", מיט'ן טראָפּ אויף דער ערשטער זילבע פון וואָרט, „קאָ". אָבער מיטגלידער פון בראַנטש האָבן אים מוחל געווען דעם מינדערווירטיגן פעלער און ער איז געווען באַליבט בא אַלע וואָס האָבן אים געקענט.)

וואו זיינען זיי?

וואו, האָב איך ווייטער געפרעגט, איז סעם רובין, דער שניידער ארבעטער, דער „טשערמאַן" (פּאָרזיצער) פון ארבעטער רינג — דער הויכער בחור מיט'ן געשניצטן לענגלעכן נאָז צווישן זיינע קלוגע, מילדע שוואַרצע אויגן — וועלכער האָט געפירט די מיטינגען ווי אַ פּאַכמאַן, ווי אַ דערפאַרענער „פּאַרלאַמענ־טאַריער"; וועלכער האָט געוואוסט אויף אויסווענדיג אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע כללים און געוואוסט ווי אויפצונעמען אַ פאָרשלאַג, אַן אַמענדעמענט צום פאָר־שלאָג און אַן אַמענדעמענט צום אַמענדעמענט? וואו איז ער טאַקע דער סימ־פּאַטישער מענטש מיט'ן שטענדיגן ליבלעכן שמייכל אויף זיין לויכטענדן פּנים, וועלכער האָט אַלע מאָל געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר יעדן איינעם וואָס ער האָט געקענט?

און וואו איז דער „גרינער" מעבל־אַרבעטער, יצחק לעווין (וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל), דער ענטוזיאַסטישער בונדיסט, וועלכער האָט בײַ די מיטינגען פון דער עדיוקיישאַן קאָמיטע עטלעכע מאָל פאָרגעשלאָגן צו דיסקוטירן די „ערפורטער פּראָגראַם", און קיינער האָט זיך ניט געפילט קאָמפּעטענט גענוג אָנצופירן אַ דיסקוסיע איבער אַזאַ וויכטיגן ענין ווי דער פּראָגראַם פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון נײַנצענטן יאָר־הונדערט? . . .

און וואו, בין איך זייער נייגעריג געווען צו וויסן, איז פרידמאַן, דער פּייפּער־הייַנגער? דער פּייערדיגער ווילנער בונדיסט מיט די גרויסע בלויע אויגן און זיין ברייטן בלאַסן פּנים, מיט וועלכן איך האָב, ווי פריער דערמאָנט, געהאַט אַן אַ שיעור לאַנגע ויכוחים איבער טאַקטישע פראַגן אין דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וואו איז ער דער בלייכער קלעפּער, וועלכער האָט אַזוי פיל געליטן פון אַרבעטלאָזיקייט מיט אַלע אירע „ברכות"? וואו איז ער אַהינגעקומען און וואָס איז פון אים געוואָרן?

וואו איז דער שיך־אַרבעטער סעם גאָלדמאַן, דער איינציגער פּועלי־ציוניסט אין שטאָט, וועלכער האָט אָפט פּאָלעמיזירט מיט די בונדיסטן און פאַרטיידיגט אַזוי ענערגיש זיין שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אַלס די איינציגע לייזונג פון דער אידישער פראַגע? יאָ, מיט יאָרן צוריק האָבן מיר געהערט, אַז אין 1917 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אידישן לעגיאָן און איז אַוועק העלפן ענגלאַנד דעראָבערן פּאַלעסטינע פון די טערקן און פון די אַראַבער, און אַז נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ פּאָליסמאַן אין תל־אביב? (דער שפּאַס דערפון: סעם גאָלדמאַן, דער נידריג־געוואַקסענער בחור'ל,

ל. הינדעס

מיט זיינע קלוגע שיינע שווארצע אויגן, אין ברילן, דער פיינער אנגענעמער רעדנער און באגריסער אויף באנקעטן און פריוואטע שמחות — אט דער אידע־אליסטיש־אויסזעענדיגער חבר, איז געוואָרן א „קאָפּ״! (דער וואָרט „קאָפּ״ איז א צונאָמען פון אן אמעריקאנעם פּאָליסמאן, פּונקט ווי אין אלטן רוסלאנד איז א „גאָראָדאָוואָי״ באצייכנט געוואָרן מיט דעם ניט־קאָמפּלימענטאַרן נאָמען, „פּאָליציייסקי קריוטשאָק״).

און וואו איז אהינגעקומען אהרן דער שניידער, וועלכער פלעגט זינגען אויף ראדיקאלע אונטערנעמונגען און וועלכער האָט געהאט די אמביציע פּטור צו ווערן פון דער שווין צוגעגעסענער שניידעריי און ווערן א פּראָפעסיאָנאלער זינ־גער? וואו איז ער מיט זיין פאמיליע?

און וואו איז טאָקע אסתר שטיינבוק, די שוועסטער פון יאָשע שטיינבוק, די הויכע שיינע מיידל (די קראסאוויצע פון דער פלינט, האָט מען איר גערופן), וועלכע האָט געהאלטן די הויז פאר אירע צוויי ברידער און מאקס הורוויץ׳ן, און וועלכע האָט פריינטלעך אויפגענומען ניו־יאָרקער געסט און שטאָטישע חברים, וועלכע פלעגן דעבאטירן איבער די לעצטע וועלט געשעענישן און ליטעראַרישע נייעסן? וואו איז זי? מיט יאָרן און יאָרן צוריק האָבן מיר געהערט, אז פון פאל ריווער איז זי אוועק צו איר חתן (מאקס׳עס א ברודער) קיין וויניפּעג, קאנאדע, דאָרט געהייאט; אָבער וואו איז זי איצט?

און, צולעצט, וואו איז שיינדל בעדריק, די „גאליציאנער מיידל״, מיט אירע לאנגע גלאנציגע שווארצע צעפּ, פּארקניפּט ארום קאָפּ ביים שטערן; די שיינדל וועלכע האָט אזוי הארציג־זיס געזונגען „די וואנדערשטאכע״, פון מאָרים ראָזענפעלד; עדעלשטאט׳ס „אין דעם לאנד פון די פּיראמידן״, „צו דער ארבעטער פרוי״, און אנדערע דעמאָלטיגע פּאָפּולערע רעוואָלוציאָנערע און פאלקס־לידער. די שיינדל בעדריק, וועלכע האָט געשריבן אזעלכע אינטערע־סאנטע סקיצן און דערציילונגען — אָריגינעלע און באארבעטע — און איבער־זעצט פון אָריענטאלישע קלאסישע אויטאָרן. וואו איז זי? יאָ, מיר האָבן געהערט, אז אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז זי געקומען פון ניו־יאָרק קיין שיקאַגאָ דאָרט געהייראט א פּיאניסט, וועלכער האָט געשפּילט אויף פּראָגרעסיווע קולטור פארוויילונגען; געהאט פון אים א קינד, און ס׳איז לײדער ניט גוט געגאנגען; אָבער וואו איז זי איצט מיט איר פאמיליע?

קיינער פון די איבערגעבליבענע „אָלד־טאימערס״ האָט מיר ניט געקענט געבן קיין שום אינפאָרמאציע וועגן די אויבן־אויסגערעכנטע אלטע אומפּאר־געסלעכע אלטע פריינט מיינע — די גאסט־פריינטלעכע מענטשן, די נאָבעלע נשמות, וועלכע האָבן געהאט גרויס אפשיי פאר קולטור־מענטשן און געשטיצט מיט דער פולער האנט יעדע אקציע אין קאמף פאר א בעסערע וועלט.

איך האָף, אַז זיי אַלע לעבן נאָך און זיינען געזונט, און איך האָף נאָך צו זען זיי. אָך, ווי גוט עס איז צו זען זיך מיט אַלטע פריינט, וועלכע מ'האָט שוין ניט געזען און ניט געהערט כמעט אַ האַלבן יאָר־הונדערט! האָט דאָך אַן ענגלישער געלערטער (איך געדיינק לײדער ניט זיין נאָמען) געזאָגט: „צו באַגעגענען אַן אַלטן פריינט איז ווי נאָך אַמאָל איבערצולייענען אַ בוך וואָס מ'האָט געלייענט מיט יאָרן צוריק; מ'קאָן דעם בוך, די מענטשן בעסער פאַר־שטיין, אָפּשאַצן." מיט איין ווארט, ס'איז אַן אמת־גייסטיגער פאַרגעניגן — אַ פאַרגעניגן גאָרניט אָפּצושאַצן!

באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט די „4"

מאַקס קאַפּלאַן געוואָרן אַ מיליאָנער — גיין אָדער ניט גיין אים זען?

דעם ערשטן פון די פיר פאַרבליבענע פריינט מיינע און געגאַסן, וואָס איך האָב באַשלאָסן צו באַזוכן, איז געווען מאַקס קאַפּלאַן, מיין אינטימסטער פריינט פאַר די פאַר יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פּאָל ריוועך און וועל־כער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע ראַדיקאַלן און מיך געמאַכט צו פילן היימיש אין מיין נייער שטאָט, וואו איך בין אָנגעקומען, ווי פריער געזאָגט, אָנפאַנג ווינטער פון 1909.

אָבער ניט אַזוי לייכט איז מיר אָנגעקומען דורכצופירן מיין באַשלוס. איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן ישוב הדעת מיט זיך צי איך זאָל אים אינגאַנצן גיין זען; ווארום פון די נייע פּאָל ריוועך תושבים, וועלכע קומען אָפט קיין באָסטאָן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פאַר די איבער דריי צענדליג יאָר וואָס איך האָב ניט געהערט פון אים איז ער, מאַקס קאַפּלאַן, געוואָרן אַ מיליאָנער! מיינע אינפאָרמאַנטן האָבן מיר ניט געקענט זאָגן צי מאַקס איז טאַקע אַ גאַנצער מיליאָנער, דריי־פערטלדיגער, האַלבער אָדער אַ פערטלדיגער, ווייל ניט זיי און ניט איך האָבן געהאַט באַ דער האַנט די אַזוי־גערופענע „דאָן ענד ברעד סטריט דירעקטאָרי", וואָס גיט אינפאָרמאַציע וועגן דעם פאַרמעגן פון גרויסע ביזנעס־לייט. ער איז אָבער באַוואוסט אין שטאָט אַלס אַן איינגעפונדעוועטער גביר, גוט אַרויפגעאַרבעט (אין ענגליש רופט מען אַזאַ פערזאָן: „עי וועל פיקסד מען"); ער פאַרמאָגט די גרעסטע פּוירניטשור סטאָר און זיין איינענע פיר־שטאָקיגע קאָרנער געביידע אין סאַמע צענטער פון שטאָט, מיט לאַנגע ווער־הייזער (שפּייכלערס), מיט גרויסע טראָקס (לאַסט־וועגענער); אַז בשותפות מיט זיין אײנגערן ברודער, סעם פון ניו־בעדפאָרד, פאַרמאָגט ער אויך גוטע „ריעל עסטייט", וואָס ברייננט אים אַריין אַ נישקשה'דיגן עקסטרא איינקונפט. פון

ל. הינדעס

די זעלביגע פּאָל ריווער ניי־אַריינגעקומענע אידן דערווייס איך זיך, אז מיין אמאָליגער יוגנט־פריינט און געגאָסע איז אויך א גרויסער בעל צדקה: ער גיט אַוועק טויזנטער פּאַר'ן „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" און פאַר אַנדערע פילאַנ־טראָפּישע אַנשטאַלטן.

ווי באַלד אזוי, האָב איך געטראַכט, אז מאַקס איז טאַקע א מיליאָנער, ווער ווייסט צי ער וועט מיך וועלן אויפנעמען, ווארום עס איז דאָך גוט באַ־וואוסט, אז אויפגעקומענע גבירים זוכן דאָך מיט אַלע מיטלען זיך אָפּצוטרייס־לען פון זייערע אַלטע קבצנישע פריינט און באַקאַנטע און ווילן זיי אפילו ניט דערקענען. אמת, מיר זיינען טאַקע געווען, ווי געזאָגט, זייער גוטע פריינט און חברים; געווען אָפּטער א גאַסט אין זיינע עלטערנס הויז צו א מיטאָג, געשלאָפן בא זיי און ווען ער איז געווען פאַרהייראַט צו זיין ליבע פרוי, מאַלי, און גע־וואוינט פאַר זיך, בין איך געווען איינגעלאַדן צו א מאָלצייט. מיר פלעגן זיך זען כמעט יעדן טאָג פאַר די קנאַפּע צוויי יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין זיין שטאָט. מיר האָבן דיסקוטירט אויף א פריינטלעכן אופן פּאָליטישע פראַגן און טאַקטישע פּראָבלעמען. ער, אַלס סאָציאַל דעמאָקראַט, האָט געהאַלטן אז די אַרבעטער דאַרפן פריער דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט, כדי אָפּצושאַפן קאַפּיטאַליזם. און איך ווידער, אַלס אַנאַרכיסט, האָב געגלויבט אז דורך א גענעראַל סטרייק, ווי די דעמאָלטיגע אַנאַרכיסטן־סינדיקאַליסטן האָבן אַגיטירט, קען מען שטירצן ביידע מיט אַמאָל — דעם קאַפּיטאַליזם מיט זיין שטאָט.

הכלל, איך און מאַקס זיינען געווען נאָענטע, טרייע פריינט און מיט־קעמפער פאַר דער זאַך פון סאָציאַליזם, און אַלס אַזעלכער וועט ער מיך ניט סנאָבירן; אָבער „קי ען סאַבע?" (ווער ווייסט) האָט דאָן קיכאָט געפרעגט. ער איז דאָך פּאָרט א גביר! . . .

און, האָב איך ווידער געקלערט, אז ער וועט מיך שוין יאָ אויפנעמען, טאָ ווי וועלן מיר ריידן — אויף אידיש אָדער אויף ענגליש? ווארום עס איז דאָך א פאַקט אז אַרויפגעאַרבעטע היימישע אידן זיינען ניט גערן צו רעדן אויף דעם קבצנישן אידיש („זשאַרגאָן", רופן זיי דאָ). די סאַמע אומוויסנדיגסטע אַלרייטניקעס, די היימישע „בור דראיתא'ס (פאַרגרעבטע) וועלן בעסער ריידן א צעקאַליעטשעטן ענגליש איידער זייער מוטער־שפּראַך (מאַקס איז גראָד ניט געווען קיין אומוויסנדיגער בחור. ער האָט געקענט לערנען פון דער היים, געווען א ליבהאָבער פון אידישע ליטעראַטור און שוין גערעדט א גראַמאַ־טיקאַלישן ענגליש.)

און, האָב איך נאָך אַמאָל געטראַכט, אז ער וועט מיך שוין אויפנעמען און מיר וועלן ריידן אויף דעם זאַפטיגן גראָדנער אידיש, טאָ וועלן מיר זיך „אירצן" אָדער „דוצן", ווי אין די יונגע יאָרן?

און אַז איך בין שוין געווען פול מיט האָפנונגען, אַז מאַקס וועט מיר יאָ אויפנעמען; אַז מיר וועלן רײדן אויף מאַמע־לשון און אַז מיר וועלן זיך „דוצן" איז אַנטשטאַנען אַ נייע פּראָבלעם — פון וואָס וועלן מיר רײדן?

איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז ער וועט ניט אָנפאַנגען דעם געשפּרעך מיט דערציילן מיר ווי אַזוי ער האָט זיך אַזוי הויך אַרויפגעאַרבעט (אין פּאַר־גלייך מיט די צענדליגע אַנדערע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג) און איך בין געווען אין ספק צי אים וועט אינטערעסירן מיינע איבערלעבונגען פאַר די לאַנגע יאָרן וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען. (ער האָט יאָ אַביסל געהערט פון מיין מיטאַרבעטערשאַפט, ניט היינט געדאַכט, אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", אין „פאָרווערטס", אין שיקאַגאָ אידישן „קוריער"; ער האָט אָבער לחלוטין ניט געוואוסט פון מיינע רייזעס אין דער סאָוט, אין פּענסילווייניע, אין דער ווייטער וועסט, און איבער צענדליגע אַנדערע שטאַטן אין אַמעריקע.)

טאָ פון וואָס, האָט מיר ווידער געעגבערט דער מוח, וועלן מיר פּאַרט אָנקניפּן אַ שמועס?

און דאָ האָב איך זיך דערטראַכט: אפשר וועט מאַקס'ן זיין אינטערע־סאַנט צו הערן, ווען איך וועל אים דערמאָנען, ווי ער האָט מיט יאָרן און יאָרן צוריק דעקלאַמירט פאַר אַ קליינע גרופּע יונגע בחורים און מיידלעך פּרץ'ס „חנניא בן דוסא"; אָדער ווי ער האָט האַרציג געזונגען אין זיין שיינע טענאָר־שטימע, פאַרנדיג אויף אַ שיפל, דעם אַמאָליגן בונדיסטישן פּאָפּולערן ליד, „טרוימענדע שלעסער"; אָדער די מעשה וואָס ער האָט דערציילט פאַר אַ גרופּע בחורים וועגן אַ לעקישעוואַטן אידן אין שטאָט, וועלכער האָט זיך ערב יום־כפור געלאָזט שלאָגן מלקות און נאָכהער זיך באַקלאָגט, אַז דער שלעגער האָט אים, דורך אַ טעות אָדער אומישנע, אַריינגעציילט אַ סך מער ווי ס'האָט אים גע־קומט — אַ מעשה פון וועלכע אַלע צוהערער זיינען געבליבן אָן זייטן פון געלעכטער? . . .

די אַנטוישונג

און אַזוי, אָנגעלאָדן מיט געדאַנקען, געמישט מיט האָפנונג און צווייפל, האָב איך זיך אין וואָרעמען זוניגן פאַרמיטאָג אַוועקגעלאָזן צו דער אימפּאָ־זאַנטער גרויסער קאַפּלאַנ'ס פּוירנישוער סטאָר אויף דער ברייטער זייט פון פּלעזענט סטריט, אַ פּאָר בלאָק פון דעם צענטראַלן געגנט פון דער מעין סטריט. אַריינקומענדיג אין דער „לאָבי" פון דער סטאָר, האָט מיך איינער פון די אָנגע־שטעלטע, אַ הויכער בלאָנדער מאַן אין די פערציגער, אויפגענומען מיט דער געוויינלעכער העפלעכער פראַגע: „קען אי העלפּ יו?" („קען איך דיר אַרויס־

העלפן?") און ווען איך האָב אים דערקלערט דעם צוועק פון מיין באזוך, האָט ער א פרעג געטאָן בא א צווייטן קלױרק, װעלכער איז געװען פארנומען מיט א קונה, און יענער האָט אים געענטפערט: „מר. קעי איז אוט אָװ טאון". (מר. קעי — קאַפּלאַן — איז ניטאָ אין שטאָט.)

(אין דער אידישער געשעפטס־װעלט אין אמעריקע איז אזא מנהג, אז אנגעשטעלטע רופן זייערע באַלעבאַטים װעמענס נעמען פאנגען זיך אָן מיט א „קוף", װי קאָהען, קאַפּלאַן, קאַרעץ, א.א.װ., באַם ערשטן בוכשטאַב, װייל דער "קעי" קלינגט שענער װי דער פולער נאָמען — ל.ה.)

דערזעלבער „רעספּעפּשאַניסט", װעלכער האָט מיך אױפגענומען אזוי איידל, האָט מיך געבעטן צו זיין אזוי גוט און לאָזן מיין נאָמען אין אָפּיס, װייל דער „באָס" װיל װיסן װער ס'איז אים געקומען זען פאר דער צייט פון זיין אַפּװעזנקייט. מיט פארגעניגן האָב איך באװיליגט זיין פארלאַנג. און אזוי האָב איך זיך אומזיסט געשראָקן, אומזיסט געצװייפלט און אומזיסט געהאָפט. . .

אין געשפּרעכן װאָס איך האָב געהאַט מיט נייע באַקאַנטע אין פ.ר. האָב איך דערװאוסט, אז מיין אַמאָליגער בעסטער פריינט, מאַקס, איז נאָך א מיטגליד פון אַרבעטער רינג, נאָר צו די מיטינגען קומט ער ניט; אז אין דעם יאָר 1931 האָט ער מיט זיין פרוי, מאָלי, געמאַכט א רייזע קיין סאָװעטן־פארבאַנד.

לואיס האָרנשטיין, מאַקס סטאָון און בעני לעװין

דער צווייטער פון די פארבליבענע מיטצייטלער מיינע, װעמען איך בין געגאַנגען זען, איז געװען לואיס האָרנשטיין. געטראָפן האָב איך אים גראָד אין גאַס. ער האָט מיך דערקענט; איך אים — ניט. דער אַמאָליגער הויכער טשעמאָדאַנען און קופערטן־מאַכער, מיט זיינע לעבעדיגע שװאַרצע אויגן, פאר װעמען די מיידלאַך זיינען ממש א כפרה געװען, האָט זיך שטאַרק געענדערט זינט איך האָב אים ניט געזען — א פּאָר אינטשעס נידעריגער, דער קערפּער פולער, מיט א באַלעבאַטישן פּעפּעקל; זיינע שװאַרצע אויגן הינטער ברילן מיט שװאַרצע רעמלאַך, זיינען אביסל פארצױגן מיט א גרױען נעפּל — װי בא עלטערע מענטשן. זיין שיינע שטאַרקע טענאָר־שטימע איז אָבער פארבליבן. ער רעדט ביידע שפּראַכן — אידיש און א געשולטן ענגליש — (דעם גוטן ענגליש װאָס ער רעדט האָט ער, װי איך האָב זיך דערװאוסט, ־דערװאָרבן נאָכדעם װי ער געקראָגן א ירושה פון א קרוב, און פאר דעם געלט איז ער געזעסן גאַנצע פיר יאָר צייט, גאַרניט געטאָן און בלויז געלערנט. — ל.ה.) עלעגאַנט געקליידעט, מאַכט ער דעם איינדרוק פון א דערפאָלגרייכן לאָיער (אַדװאָקאַט). ער איז דאָס אָבער ניט. ער האָט געהאַט אַן אַנדער פּרנסה, װעגן

וועלכע מיר׳ן ריידן שפּעטער. איצט איז ער צוריקגעצויגן („רעטאַירד״).

דער קראַקאָוו־געבוירענער געוועזענער קופּערט־מאַכער („טראַנק־מייקער״, אין ענגליש), איז ברייט באַוואוסט אין שטאָט. ניטאָ קיין איין איד וואָס קען ניט פּערזענלעך האַרנשטיינען. ער איז „פּול״ אומעטום. ער איז אַ מיטגליד פון אַלע וויכטיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין פּ. ר., און אין אַלע פּאַראייגען איז ער דער גאַנצער מאַכער, אָדער אין ענגליש, „די ביג שאַט״ (דער גרויסער שאָס, דער גרויסער שיסער). ער איז דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער „יו דזשיי איי״ (יונייטעד דזשואיש אַפּיל), וועלכע זאַמלט געלט פאַר ישראל און פאַר די אידן אין אַנדערע אייראָפּייאישע און אַפריקאַנער לענדער; דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, פּרעזידענט פון דער סאַנס אָוו איזראַעל סאָסייעטי און אַ טוער אין אַנדערע ענגליש־שפּרעכנדיגע אָרגאַניזאַציעס. „לו״ (פאַרקירצט פון לואיס), ווי ער איז באַקאַנט צווישן זיינע נאָענטע מיט־אַרבעטער, פּאָרט אַלס דעלעגאַט צו קאָנווענשאַנס אין די גרויסע שטעט, וואו ער לאָזט הערן זיין שטאַרקע טענאָר־שטימע, וועלכע קלינגט אָפט ווי אַ באַריטאָן. . . .

געגאָסע האַרנשטיין, ווי ער איז געווען באַקאַנט אין אידישן קוואַרטאַל מיט איבער פיר צענדליג יאָר צוריק, האָט נאָך אַ וויכטיגע פונקציע: ער איז דער פאַרוואַלטער פון דעם פאָנד וואָס די „יו־דזשיי־איי״ טיילט אָפּ פאַר אידישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, ווי די סאַניטאַריומס פאַר אָרעמע שווינדזיכטיגע אידן אין דער שטאָט דענווער, קאָלאָראַדאָ; לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע; די „האיאַס״, די פאַרשיידענע ישיבות אין אַמעריקע און אין מדינת ישראל, די הכנסות אורחים, און סתם אָרעמע אידן, דורכפאָרער, וועלכע מ׳דאַרף אַרויס־העלפן „צו פאָרן ווייטער״. און דער „ביזי״ (שטאַרק פאַרנומענער) האַרנשטיין איז דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיגן פאָנד. אין אַנדערע ווערטער: ער איז דער בעל מחלק (באַלמעכאַלעק), דער פאַנאַנדערטיילער פון די צדקות.

ווען אַ פאַרטרעטער פון אַ געוויסן אַנשטאַלט אָדער אַ משולח פון אַ ישיבה קומט אַריין אין שטאָט זאַמלען צווישן ביזנעסלייט ביישטייערונגען, ענטפערט מען אים ניט, מען שיקט אים צו האַרנשטיינען — גייט זען האַרנ־שטיינען — זאָגט אים אַ סטאָרקיפּער, און ווען דער איד קווינקלט זיך, ווייל ער פאַרדעכטיגט אַז מען וויל אים דאָ פירן אין באָד, ווי מענדעלע זאָגט; אָדער מ׳וויל אים ווייזן וואו „אַ גוטער איד וואוינט״ (ווי עס איז די טבע פון די האַרט־לייביגע גבירים), דאָן זאָגט מען צום צווייטן מאָל און שטריינג: „גייט צו מר. האַרנשטיינען, גייט!״

אָן אַנדער געשעפטסמאַן באַגעגנט דעם קאָלעקטאָר אָדער די קאָלעק־טאָרקע מיט דער פראַגע: „שוין געזען מר. האַרנשטיינען? נאָך ניט? גייט זען מר. האַרנשטיינען, גייט; ער וועט אייך שוין פיקסן״. („פיקסן״ איז דער

ל. הינדעס

אידישיזירטער ענגלישער ווארט „פיקס”, וואָס האָט עטלעכע באַדייטונגען: 1) פאַריכטן, 2) באַשטימען — אַ פּרייז אָדער אַ דאַטום, 3) באַזאָרגן, פאַרזאָרגן, 4) זיך אָפּרעכענען אָדער אָנלערנען. ווען צוויי זייערע צוקריגן זיך, סטראַשעט איינער דעם צווייטן: „אַל פיקס יו” (איך וועל דיך שוין פיקסן) און דער צווייטער ענטפערט: „אַל פיקס יו בעפאָר יו פיקס מי (איך וועל דיך פיקסן נאָך איידער דו פיקסט מיך).)

דער צדקה־פאַנאַנדערטיילער, מר האָרנשטיין, „פיקסט” טאַקע די פאַר־טרעטער פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. זיצנדיג בא זיין שרייב־טיש אין אָפיס, אָפּיס פונ׳ם יו־דזשיי־איי, וואו מיט זיינע שוואַרצע געדיכטע האָר, פאַרקאַמט מיט אַ שרונד אין מיטן און אין ברילן מיט שוואַרצע רעמלאַך, זעט אויס ווי אַן אמת׳ר אַמעריקאַנער דזשאָדזש אָדער ריכטער. (אים פעלט אויס בלויז די ברייטע לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע מיט די ברייטע אַרבל). מיט געדולד און סימפּאַטיע הערט ער אויס די בקשות פון די אַפּליקאַנטן; ער באַטראַכט די וויכטיקייט פון די אַנשטאַלטן און באַשליסט וויפיל צו געבן. ער קלינגט אָן אַ פּאָר מיטגלידער פונ׳ם קאָמיטעט און דעם טרעזשורער (קאַסירער) און — געפּטר׳ט אַן עסק.

אָט די אַלע כלל אַרבעטן, זאָגט ער, טוט ער אינגאַנצן אומזיסט. ער דאַרף ניט קיין געצאָלט. ער קריגט סאָשל־סעקיוריטי און אַ פּענסיע פון אַ גרויסע אינשורענס קאָמפּאַני, פאַר וועלכע ער האָט געאַרבעט פיל יאָרן.

דער אַמאָליגער טראַנק־מייקער און הייִנטיגער ענערגישער כלל־טוער, האָרנשטיין, האָט, פאַר די יאָרן וואָס איך האָב אים ניט געזען, אַנטוויקלט אַ ניס־קשה׳דיגן חוש פאַר הומאָר. צום ביישפּיל: אַליין אין די הויכע זיבעציגער, רופט ער גוט־מוטיג זיינע מיטאַרבעטער, איינגערע פון אים, מיט די נעמען: „אָלד־טאַימער”, „פּאָפּ”, און נאָך אַ גאַר ניט קאָמפּלימענטאַרן צונאָמען, אָבער יענע בלייבן אים ניט שולדיג: זיי דערמאָנען אים, אַז ער איז אַ גאַליציאַנער. . . .

מאַיק סטאָן — ניט „אַרויפגעאַרבעט”

דער דריטער פון די פיר שארית־הפליטה, מיין אַמאָליגער נאָענטער פריינט און אַנאַרכיסטישער גענאָסע, מאַיק סטאָון, איז, ווי איך האָב זיך דערוואוסט, געבליבן ניט „אַרויפגעאַרבעט”. אויף דער עלטער (ער איז שוין אין די הויכע זיבעציגער), מוז ער נאָך אַרבעטן אַלס פּעיפּער־הייִנגער (קלעפּער), ווייל מיט די „אָלד איידזש אַסיסטענס”, צו וועלכע ער איז באַרעכטיגט, און מיט די „סאָשל סעקיוריטי” קאָן ער ניט אויסקומען; זאָגט ער זיך אָפּ פון די סטייט אָלד איידזש און גייט אַרבעטן (סאָשל סעקיוריטי דערלויבט צו פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר

אַ וואָך עקסטרא, אָבער די „אָלד אײדזש אַסיסטענס", וואָס איז אײַנגעפירט אין בלויז צוויי שטאַטן אין אַמעריקע — מאַסאַטשוזעטס און קאַליפאָרניע — דער־לויבט ניט קיין עקסטרא הכנסה — ל. ה.) און דערצו נאָך איז זײַן ליבע פרוי דזשעני, די הויכע בלוי־אויגיקע באַשײדענע, גוט־הערציקע און גאַסט־פרײַנט־לעכע דזשעני, וועלכע פלעגט אַזוי פײַן אויפנעמען אין איר ציכטיגע הויז לעק־טאָרס און קולטור טוער פון באָסטאָן און ניו־יאָרק — אַט די נאָבעלע דזשעני ליגט שוין נעבעך זיבן יאָר הילפלאָז און האָפנונגסלאָז קראַנק אין אַ „האָום" אין באָסטאָן.

אים האָב איך לײדער ניט געקענט זען פערזענליך, ס'איז שוין געוועזן שפּעט אין אָוונט און איך האָב געמוזט רײדן מיט אים דורכ'ן טעלעפאָן.

מײַן געוועזענער אַנאַרכיסטישער גענאָסע, מיט זײַנע מילדע שוואַרצע אויגן אין זײַן פולן פּנים — דער אײדעלער און געלאַסענער מאַיק — איז שטאַרק איבעראַשט געווען פון מײַן באַזוך אין זײַן שטאָט, ווײַל ער האָט געדענקט, אַז איך האָב שוין פון לאַנג פאַרלאָזן אַמעריקע און זיך באַזעצט אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

— פאַר וואָס האָט איר אַזוי געדענקט? — פרעג איך אים.

— איך ווײס? — ענטפערט ער — כ'האָב געהערט אַז איר זײַט אַ שטאַר־קער פּאַטריאָט פון די באָלשעוויקעס; נו, האָב איך געדענקט, אַז איר זײַט אַוועק־געפאָרן צו זײ. —

לאַנג דיסקוטירן מיט אים אויפ'ן טעלעפאָן האָב איך ניט געקענט, כ'האָב בלויז דערקלערט וואָס דער גרויסער פרײַהײטס־קעמפער, טהאָמאַס פּײן, האָט געזאָגט: „מײַן לאַנד איז דאָרט וואו קײן פרײַהײט איז ניטאָ"; אַז פאַר יעדן פרײדנס און פרײַהײטס־ליבנדן מענטש איז דאָ גענוג אַרבעט צו טאָן דאָ בײַ אונז אין אַמעריקע, וואו עס בושעוועט איצט דער מעקאַרטיזם; וואו ס'איז אײַנ־געפירט דער פאַשיסטישער סמיט־אַקט, וואָלטער־מעקאַרן און אַנדערע פינצ־טערע אַקטן; וואו טויזנטער מענשן ווערן פאַרשפאַרט אין די טורמעס און דעפּאָרטירט דערפאַר וואָס זײ באַשטײען אויף זײער קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט צו פאַרטײדיגן זײערע אידעאַלן פאַר פרידן און סאָציאַלן יושר. „נײן", האָב איך אים געזאָגט, „איך האָב ניט בדעה צו פאַרלאָזן אַמעריקע."

מײַן געוועזענער גענאָסע, סטאָון, איז זײער נײַגעריג געווען צו וויסן ווי קום איך, אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער געגנער פון שטאַט, איז מיט אַמאָל גע־וואָרן אַזאַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער באָלשעוויסטישער מלוכה — וואָס איז אויך אַ שטאַט.

אויף זײַן באַרעכטיגטער פראַגע האָב איך אים געענטפערט:

— וואָס איך זאָל ניט האָבן פריער געווען — צי אַ פּועלי־ציוניסט, אָדער

ל. הינדעס

אן אנאַרכיסט — איז מיין אידעאָלאָגיע, מיין לעבנס ציל, שטענדיג געווען אַנטי־קאַפּיטאַליסטיש. פריער פון אַלץ, האָב איך געגלויבט אין אָפּשאַפן דעם קאַפּי־טאַליזם; און ווי באַלד די באָלשעוויקעס האָבן דאָס געטאָן, טאָ געבענטשט זאָלן זיין זייערע הענט. —

מיין אַמאָליגער געגנאָסע האָט אויף מיין ענטפער ניט רעאַגירט.

פון אַ פּאָר נייע באַקאַנטע אין שטאָט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז כאָטש רעכט געשטימט, איז ער אָבער ניט קיין „רעד־בעיטער", פאַלט קיין מאָל ניט אַן אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ניט אויף זיינע פירער. ער איז טאָלעראַנט — אַן אָרנטלעכער מענטש.

בעני לעווין דערקענט מיך ניט און געדיינקט מיך ניט

אַ מאָדנע „דערפאַרונג" האָב איך געהאַט באַזוכנדיג דעם לעצטן פון די פיר פאַרבליבענע, אָדער, צו באַנוצן אַ ליטעראַרישן אויסדרוק, „די לעצטע פון די מאָהיקאַנער" — בעני לעווין, דער אַמאָליגער שלאַנקער דאַמען־שניידער אַרבעטער („ליידיס טיילאָר"), מיט זיינע טונקל־ברוינע אויגן און זיין הייזעריג־לעכע שטימע. ער אַרבעט שוין לאַנג ניט פּאָר יענעם; ער פאַרמאָגט איצט זיין איינענע שאַפּקע אין אַ זייטיגע סטריט, אַ פּאָר בלאָק פון דער הויפּט גאַס. אין זיין אויסערלעכן אויסזען האָט ער זיך פאַר די 40 יאָר צייט קיין סך ניט געביטן, אַ חוץ וואָס ער איז אַביסל גרוי געוואָרן. ווען איך טרעף אים אין גאַס, ווי איך האָב געטראָפן האַרנשטיינען, וואָלט איך אים יאָ דערקאַנט.

בעני האָט אָבער מיך ניט דערקאַנט; און ניט נאָר ניט דערקאַנט, ער האָט אַפילו ניט געדיינקט מיין נאָמען, כאָטש ער איז געווען איינער פון די נאָענטסטע באַקאַנטע — באַגעגנט אים אויף מיטינגען, אויף דער „אָפּן־עיר" קיבעצאַרניע לעבן בעדריק'ס סטאָר, און ער איז אויך געווען פּאָר עטלעכע מאָ־נאַטן מיינער אַ שילער, ווען איך האָב געלערנט לייענען און שרייבן ענגליש. כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין ווייב'ס קרובים, וועלכע איך האָב גוט געקענט פּאָר דער צייט וואָס איך האָב געוואוינט אין זיין שטאָט און אין ניו־בעדפאָרד. כ'האָב אויך פּרובירט אָפּפרישן זיין זכרון פון דער באַגעגעניש ווען ער האָט מיר אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה, אַז ער קען שוין אַליין איבערלייענען אַ „סאַין" (שילד) אויף די געשעפטן און סטריט קאַרס (טראַמוואַיס) און אַז וואַרטנדיג אויף אַ קאַר דאַרף ער שוין בא קיינעם ניט פרעגן צי דאָס איז די ריכטיגע קאַר וועלכע ער דאַרף נעמען צו פאָרן אין אַ באַשטימטן פּלאַץ. אויף דער דערמאָנטער באַגעגעניש האָט ער מיר אויך דערציילט, אַז ער קען שוין איבערלייענען די „בילס" (רעכענונגען) וואָס ער קריגט פון די גאַז און אינשורענס

קאָמפּאַניעס. הכלל, ער איז געוואָרן אַ „גאַנצער יענקי״! אָבער מיין געוועזענער שילער גערדיינקט ניט — ניט ניט די באַגעגעניש, ניט די לעקציעס, ניט די „א. ר.״ מיטינגען — אבסאָלוט גאָר ניט. און — „דער מיט פּאַסירט״, ווי מ׳פּלעגט זאָגן אויף מיטינגען, ווען אַ פּאָרשלאַג איז דורכגעפירט אָדער אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען.

און אַזוי ווי ער האָט מיך ניט דערקענט און ניט געדיינקט אפילו מיין נאָמען, בין איך אַוועק פון אים זייענדיג אונטערן איינדרוק, אַז ער האָט זיך אומישנע געמאַכט ניט דערקענענדיג, ווייל ער האָט אפשר געמיינט אַז איך בין געקומען עפּעס בעטן בא אים — פאַר זיך אָדער פאַר אַ געוויסן צוועק; אָדער אַז ער האָט מיך טאַקע ניט דערקאַנט און ניט געדיינקט און האָט מיך פאַרדעכ־דיקט, אַז איך בין איינער פון די פלינקע חברה וואָס פלעגן אַרומפּאָרן איבער די קלענערע שטעט פאַרקויפן „מציאות״ — דימענטן, בריליאַנטן, „געפונענע״ גאָלד און . . . אויך „גערלט־מאַשינקעס״; און דעריבער, האָב איך געטראַכט, האָט ער מיט מיר קיין סך ניט געוואָלט ריידן.

(אין די צוואַנציגער און די דרייסיגער יאָרן האָבן זיך אין אַמעריקע, ספּעציעל אין די קאָונטרי־ שטעטלאַך, באַוויזן „אַגענטן״ וואָס האָבן געזוכט און, צום באַדויערן, געפונען אויך נאַאיווע קליינע ביזנעסלייט צו פאַרקויפן טייערע חפצים. די פאַרקויפער פון די דימענטן און בריליאַנטן, מיט זייערע געשליפענע צינגלאַך, האָבן איינגעשמועסט זייערע פּראָספּעקטיווע קונדן, אַז די דאָזיגע דימענטענע רינגען און בריליאַנטן האָבן אַמאָל געהערט צו די רייכע פּריצים, באַנקירן, גראַפן און באַראָנען פון צאַרישן רוסלאַנד, וועלכע האָבן באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך ווען זיי זיינען אַנטלאָפן געוואָרן פון דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע און זיי אריינגעשמוגלט דאָ אין אַמעריקע; און אַז מען קען זיי קויפן ממש בחצי חינם (האַלב אומזיסט). דער גאָלד הענדלער, ווידער, האָט איינגערעדט זיינע מעגלעכע קאַסטימער, אַז די „גאָלד״ האָט גע־פונען אַ פאַרמער אין נעוואַדאַ סטייט אַקערנדיג די ערד, און אַז מ׳קען גאָר אָן ספק נתעשר ווערן פאַרקויפנדיג די „סחורה״ צו דזשועלערי מאַנופעקטשורערס (צירונגס פאַבריקאַנטן), כאָטש דאָס איז געגן געזעץ (לויט דעם פעדעראַלן געזעץ, טאָר אַ פּריוואַט הענדלער ניט פאַרקויפן קיין רויע גאָלד. דער גאָלד־גרעבער מוז דאָס פאַרקויפן צו דער פעדעראַלער רעגירונג, וועלכע דורך דער „עסעי־ביוראָ״ (אָן אָפּטיילונג פון טרעזשורי דעפּאַרטמענט אָדער פינאַנץ מיניס־טעריום) ראַפינירט עס אין פאַרשיידענע קוואַליטעטן, צעהאַקט עס אין קליינע צינגעלאַך און פאַרקויפט עס צו יוועלירער), אָבער מאַלע וואָס מען טאָר ניט! . . .

נאָך אַנדערע שווינדלערס וואָס האָבן פאַרקויפט געלט־מאַשינקעס האָבן „געוויזן״ זייערע קרבנות ווי אַזוי אריינלייגנדיג אין דער הילצערנער מאַשינקע

ל. הינדעס

א דאלאר ביל (אסיגנאציע) און א דריי־טאָענדיג א רעדל, קומט ארויס א צען דאלארדיגע ביל — א גוטער צענערל.

איבעריג צו זאָגן, אז די איינגעקויפטע „מציאות" זיינען געווען געפייקטע אַרטיקלען. די „רוסישע" דימענטן און בריליאַנטן זיינען געווען ביליגע אימי־טיישאַנס (נאָכגעמאַכטע); די „גאָלד" איז געווען עפּעס אַ פּאָלירטער גלאַנציגער מעטאַל; און די „גנבֿ־מאַשינקע" קענט איר זיך שוין אַליין אָנשטויסן.

אָט אַזוי האָבן אַסך אידן פאַרלאָרן די פּאָר דאלאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגע־שפּאָרט פון די נאָך־מלחמה פּראָספּעריטי יאָרן, און פאַרבליבן מיט האַרץ־ווייטאָג און שאַנד. . . .

פיר פון די אָפּגענאַרטע אידן האָב איך גראָד געקענט פּערזענלעך. דאָס איז געווען איינער — אין פּאָרטלאַנד, מעין; אַ צווייטער — אַ שניידער אין ראָקסבורי, לעבן באָסטאָן; דער דריטער — אַ שניידער אין שענאַנדאָ, פּענסיל־וויניע; און דער פערטער — טרעפט ווער — דער חזן־שוחט פון דעם קליין שטעטל, דאַרהעם, נאָרט קאַראָליינאַ. ער איז דאָס געווען דער חכם וואָס האָט איינגעקויפט די „געלט־מאַשינקע" פאַר גאַנצע פינף טויזנט דאלאַר!

באַגעגענישן און שמועסן מיט די באַשווינדלטע

מיט פיר פון די אָפּגענאַרטע „מציאות"־קויפער האָב איך זיך באַקענט נאָך אין די יאָרן ווען איך בין געווען אַ רייזנדער קאָלעקטאָר פאַר אַ דענווער, קאָלאָ־ראַדאָ, סאַנאַטאָריום פון אידישע שווינדזיכטיגע („קאָנסאָמפּטיווס") און האָב באַרייזט עפּעס אַ דריי הונדערט שטעט, שטעטלאַך און דערפער אין צוועלף שטאַטן פון אַמעריקע.

דער ערשטער פון מיינע באַקאַנטע וואָס האָט איינגעהאַנדלט אַ „צאַרסקן" דימענטענעם רינג פאַר 300 דאלאַר, וואָס איז ניט ווערט געווען אַפילו קיין פינף, איז געווען אַן עלטערער איד, אַ למדן, מיט אַ לאַנגע באָרד אין דער שטאָט פּאָרטלאַנד, מעין. אין אַ וויינענדיגע שטימע האָט ער מיר דערציילט ווי אַזוי ער איז באַרויבט געוואָרן פון זיינע פּאָר דאלאַר.

— גייענדיג אין גאַס — האָט ער אָנגעהויבן — טרעפט מיך אָן אַ איד און פרעגט מיך וואו ער קען קריגן אָפּצועסן אַ כשר'ן מיטאָג, און אַזוי ווי ער איז אַ פרעמדער אין שטאָט, האָט ער מיך געבעטן צוצופירן אים צום פּלאַץ. אויפ'ן וועג זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ שמאָלע געסל און דאָרט האָט ער מיר דערציילט, אז ער איז אַן אַגענט פון אַ גרויסע דזשועלערי פירמע, און האָט אַרויסגענומען פון די קעשענעס שיינע קעסטלאַך מיט רינגען. דער בלייאַסק פון די רינגען האָט מיך פּשוט פאַרכאַפּט, און ער האָט מיך איינגערעדט צו

קויפן א „טייערן רינג" פון רוסלאנד פאר דריי הונדערט דאלאר, וואָס איז ווערט לכל הפחות, טויזנט. —

ס'האָט לאנג ניט גענומען ביז דער איד האָט אויסגעפונען וואָס פאר א „בארגן" ער האָט ארייגעכאפּט. . . .

דער צווייטער איד, א שניידער, פון ראקסבורי, א פארשטאָט פון באָסטאָן, וועלכער האָט אַמאָל געוואוינט אין די וועסט ענד, איז באשווינדלט געוואָרן אין גאנצן פופצן הונדערט דאלאר, איינקויפנדיג א טייערן דימענטענעם רינג, וואָס א „רוסישער באראָן האָט געטראָגן", און וואָס איז ווערט, ווי די פייקערס האָבן אים איינגערעדט, דריי מאָל אזוי פיל. דער אָפּגענאַרטער שניידער האָט דערציילט, אז ער האָט זיך ניט געלאָזן אזוי גיך אָפּנארן. ער איז אוועק מיט'ן רינג צו א דזשולער און יענער האָט באשטעטיגט, אז דאָס איז אמת'ע סחורה. אָבער קומענדיג א היים, האָבן די פלינקע זשוליקעס, דורך א טריק (אוועק־שטעלנדיג אויפ'ן טיש אנדערע שיינע קעסטעלאך מיט רינגען) פארביטן דעם ריכטיגן חפץ אויף א ביליגע אימיטאציע. און אזוי האָט זיך דער אלטער שניידער נעבעך אָפּגעוואשן מיט זיינע שווער־פארהאָרעוועטע אָפּגעשפּאָרטע פופצן הונדערט דאלאר!

דער שענאַנדאָ'ר שניידער און די „אמת'ע" גאָלד

דער אָפּגענאַרטער שניידער פון דער מאַינינג שטעטל, שענאנדאָ, פענסיל־וויניע, וועלכער האָט פארלאָרן פופצן הונדערט דאלאר איינקויפנדיג געפונענע גאָלד, האָט דערציילט אזא מעשה:

„איינמאָל אין דערפרי קומט אריין צו מיר אין סטאָר א מאן פון אנשטענ־דיגן אויסזען, שטעלט זיך פאָר אלס א שניידער און פרעגט, צי איך קען אים געבן א פּאָר טעג ארבעט, כדי צו פארדינען עטלעכע דאלאר וואָס ער האָט נויטיג צו פאָרן קיין קאנאדע; און אזוי ווי איך האָב זיך דאן גענויטיגט אין אן ארבעטער צו העלפן מיר „ארויספינישן" (פארטיג מאכן) אביסל ארבעט, האָב איך אים באלד געהייסן זיך אוועקזעצן צום מאשין. צוקוקנדיג ווי ער ארבעט האָב איך אויסגעפונען, אז דער „אורח" איז טאַקע דער אמת'ער בעל־מלאכה — ניט קיין „פישעלע פארטאַטש" — און אים געבעטן צו פארבלייבן נאָך א פאָר וואָכן. כ'האָב אים אריינגענומען צו זיך אין הויז אויף לאָדזשי און באָרד, און דורך די פאָר וואָכן האָט ער מיר פארטרויט א סוד, אז ער האָט גאָלד צו פארקויפן —„אמת'ע גאָלד", וואָס א פארמער האָט געפונען אויף זיין פארם אין נעוואדא סטייט, און אז מ'קען פון דער סחורה אָנשאַרן גאנצע אוצרות, און אזוי ארום פטור ווערן פון דער „חזיר'שער שניידעריי" און לעבן

ל. הינדעס

„אַ גוטן טאָג״. ער האָט פאַרלאַנגט דריי טויזנט דאָלאַר. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב גאָר ניט אַזוי פיל געלט, האָט ער מיר עס אוועקגעגעבן פאַר די העלפט. דער „פרעמדער״ האָט אַזוי שיין און איידל גערעדט, אַז איך האָב אים גאָר ניט געקאָנט פאַרדעכטיגן אַז ער איז אַ שווינדלער. אַ פּאָר שעה נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן די פופצן הונדערט דאָלאַר איז ער שוין צו דער אַרבעט ניט געקומען און איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן.

דעם צווייטן טאָג, ווען ער איז אַריין צו אַ שטעטלשן יוואועליר פרעגן מבינות אויף דער „גאָלדענער מציאה״, האָט דער גלויביגער און אָפּגענאַרטער שענאַנדאָר שניידער אויסגעפונען זיין אומגליק: ער האָט זיך דערוואוסט, ערשטנס, אַז די גאָלד איז גאָר קיין גאָלד ניט, און אַז ווען דאָס וואָלט אפילו יאָ געווען גאָלד, טאָר אַ פּריוואַט מענטש ניט אַרומטראָגן פאַרקויפן רויע גאָלד. בלויז די רעגירונג קען קויפן ניט קיין אויסגעאַרבעטע גאָלד.

— כ'האָב זיך געריסן די האָר פון קאָפּ! — האָט ער פאַר מיר געוויינט — פאַר וואָס בין איך באַלד ניט אַריין צו אַ דזשועלערי־מאַן — נאָך איידער איך האָב באַצאָלט די געלט — צו שאַצן דעם ווערט פון דער סחורה? —

דער שווינדלער האָט, קענטיק, געהאַט מער מזל ווי דער באַשווינדלטער...

די טראַגעדיע און די קאָמעדיע אין דעם שוחט'ס איינגעקויפטע „געלט־מאַשינקע״

די מעשה מיט'ן חזן־שוחט פון דאָרהעם, נאָרט־קאַראָליינאַ, וועלכער האָט אַריינגעכאַפּט דעם גרויסן „באַרגן״ (מציאה), די געלט־מאַשינקע, און האָט פאַרלאָרן זיינע איינענע פינף טויזנט דאָלאַר, איז אַ לאַנגע מעשה. מיר וועלן דאָס אָבער מאַכן אַזוי קורץ ווי מעגלעך.

דאָס איז געווען אין אַ קילן פעברואַר טאָג פון דעם יאָר 1927 אָדער 1928, ווען דער „באָס״ האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם קליין שטעטל דאָרהעם, וועלכע ווערט אָפט באַצייכנט אַלס די „טאַבאַק און די זאַקן שטאָט״, מיט אַ באַפעלקערונג פון 25 טויזנט נפשות. אַריינקומענדיג צו מיין ערשטן קליענט, אַ היימישער איד אין די פערציגער, האָט ער מיר, ווי דער שטייגער איז, דערלאַנגט פריינטלעך די האַנט, און דערביי אומעטיג געפרעגט: „וואָס זאָגט איר דערצו?״

— וואָס? — פרעג איך אים — וואָס איז געשען? —

און דאָ האָט ער מיר גענומען דערציילן פון דער טראַגעדיע וואָס איז די טעג פאָרגעקומען אין דעם אידישן ישוב פון שטעטל; נעמלעך, אַז דער שוחט איז אָפּגענאַרט געוואָרן פון צוויי ערשט־קלאַסיגע אַפּעריסטן, וועלכע האָבן אים פאַרקויפט אַ געלט־מאַשינקע פאַר פינף טויזנט דאָלאַר. דורך פאַר־

שיידענע טריקס האָבן זיי אים געוויזן ווי אַריינלייגנדיג אין דער קעסטעלע אַ דאָלאַר „ביל" און אַ פּרעסטועגדיג מיט אַ הענטל די פּלאַטע, קומט אַרויס אַ צען־דאָלערדיגע אַסיגנאַציע. דער חזן האָט די „געמאַכטע" צענערלאַך אויסגעביטן אין באַנק און אין פּאָסט־אָפיס, און די קאַסירערס אין דער באַנק און אין פּאָסט אָפיס האָבן ניט געפונען קיין פּגימה אויף זיי. איז ער נאַטירלעך געווען זיכער, אַז ער האָט טאַקע געפּאַקט דעם קאָלאָסאַלן אוצר! אָבער נאָכדעם ווי די צוויי פייקערס האָבן געקראָגן זייערע פינף טויזנט דאָלאַר און האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, און דער איינקויפער פון מיסטעריעזע געלט־מאַשינקע האָט פּרובירט „מאַכן" די צענערלאַך האָט ער אויסגעפונען זיין בראָך! ער האָט ניט געקענט אַרויסבאַקומען די דערוואַרטעטע גרויסע בילס. (עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פלינקע חברה האָבן אונטער איין פּלאַטע אַריינגעלייגט אמת'ע צען־דאָלאַרדיגע און דער אָפּגענאַרטער כלי־קודש האָט געמיינט אַז דאָס זיינען די „געמאַכטע"). ער האָט באַלד געמעלדעט דער פּאָליציי. דעם צווייטן טאָג איז די נייעס דערשינען אין די לאָקאַלע ציימונגען און די גאַנצע שטאָט האָט זיך דערוואוסט פון דעם „מאָדנעם אומגליק", וואָס האָט געטראָפן דעם „נייסטינגן פירער" פון דער אידישער געמיינדע אין דאָרהעם.

אָט דער פאַרברעכערישער און נאַרישער אַקט מצד דעם „רב'ן" איז באמת געווען אַ טראַגעדיע. ער האָט צו שאַנד און צו שפּאָט געמאַכט דעם גוטן נאָמען פון די אידן פון שטאָט, וועלכע האָבן געציילט אומגעפער הונדערט פאַמיליעס. אַנטיסעמיטישע קריסטן האָבן געלאַכט פון זייערע אידישע שכנים. ווען זיי האָבן באַגעגנט אַ אידן, האָט מען מיר איבערגעגעבן, האָבן זיי אים באַגריסט מיט „העלאָ, ראַבאַי!" און ווען אַ איד איז אַריין אין אַ מאַרקעט האָט איינער פון די קאַסטימער, אַן אַנטיסעמיט, פאַרשטייט זיך, אָנגעזאָגט דעם קלוירק, אַז ער זאָל אים גוט באַהאַנדלען ווארום ער איז אַ "ראַבאַי". . . .

די חרפּות און ביושים וואָס די דאָזיגע פינצטערע אַפּערע האָט פאַראורזאַכט דעם אידישן ישוב איז גאָר ניט צו באַשרייבן. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זיינען אידן געלאָפן איינער צום אַנדערן אויסדערציילן די האַרץ, הערן אַ טרייסט־וואָרט. . . .

דער געלט־גייציגער קאָרופּטער חזן־שוחט האָט תיכף רעזיגנירט פון זיין גוטע און בכבודיגע שטעלע פון וועלכע ער האָט געמאַכט אַ פיין לעבן און איז אוועק קיין ניויאָרק, מיטנעמענדיג זיין פאַמיליע, די מעבל און אַ היפּש ביסל האַרץ־ווייטאָג און חרפּה. . . .

ל. הינדעס

די פייקערס קריגן די "5 טויזנט", אָבער ניט קיין געלט

אין דער דאָרהעמ'ער אידישע טראַגעדיע האָט אָבער אויך ניט געפעלט די קאָמישע זייט: דורך אַ קלוגן איינפאַל מצד דעם באַנק־פּרעזידענט, האָבן די רייך־געקליידעטע זשוליקעס (די געלט־מאַשינקע פאַרקויפערס, האָט מען מיר געזאָגט, זיינען געווען זייער רייך אָנגעטאָן) ניט געקראָגן דאָס געלט. זיי האָבן טאַקע באַקומען "פינף טויזנטערלאַך", אָבער זיי האָבן זיי ניט געקענט אויס־בייטן אויף קלענערע אַסיגנאַציעס.

דאָס איז אַזוי געשען:

ווען דער בעל־דבר איז אַריינגעקומען אין דער באַנק אַרויסציען זיין גאַנצן פאַרמעגן, האָט ער פאַרלאַנגט די גאַנצע סומע פון פינף טויזנט אין מזומנים — ניט קיין טשעק אָדער "דרעפט" ("אָנווייזונג"). פרעגט אים דער באַנקיר: "ראַבאַי, צו וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל געלט אין קעש? (אין מזומן). ווילט איר קויפן אַ הויז? קומט אַריין מיט'ן אייגנטימער און מיר וועלן אים אויסצאָלן מיט אונזערן אַ טשעק. ווילט איר פאַרלייען דאָס געלט אויף מאָרט־גיידזש? דאַן ברייגנט אַריין דעם פערזאָן אהער; ווילט איר קויפן אַן אוטאָ־מאָביל אָדער שערס און באָנדס? קומט אַריין מיט'ן אַגענט און מיר וועלן אַראַנזשירן די טראַנסאַקציע און ער וועט קריגן זיין געלט. אָבער דער "ראַבאַי" (אָך־און־וויי) האָט ניט געענטפערט אויף דעם באַנקיר'ס פראַגן און איז באַ־שטאַנען אויף די מזומן.

אָט דאָ האָט דער באַנק־פּרעזידענט פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט געפּלאָנע־וועט אַ גרויסער שווינדל; האָט ער געזאָגט דעם "חשוב'ן" דעפּאָזיטאָר, אַז ער קען אים היינט די געלט ניט געבן, ווייל ער דאַרף דאָס האָבן פאַר אַ "פּעי ראָל" (אויסצוצאָלן אַרבעטער שכירות) פאַר אַ געוויסע פאַבריק, און אים געהייסן קומען צוויי טעג שפּעטער, ווען ער וועט אַריינקריגן עקסטראַ מזומן פון דער "פעדעראַל רעזווירוו באַנק" אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניע. אָבער אנשטאָט קליינע אַסיגנאַציעס האָט דאָרהעמער באַנקיר געבעטן דער "פעדעראַל רעזערוו" צו שיקן אים פינף איינציגע טויזנט דאָלאַרדיגע בילס. ער האָט פאַרשריבן די נומערן פון די גרויסע אַסיגנאַציעס און אָפּגערופן דעם "רעווערענד„ צו קומען נאָך זיין געלט. אַזוי שנעל ווי דער "פאַרשטייער" פון דער דאָרהעמ'ער אידישע געמיינדע, פאַרשיכורט פון דער גלענצנדיגער אויסזיכט אַז אָט־אָט ווערט ער אַ מולטי־מיליאָנער; אַז אָט־אָט האָט ער איינגעקויפט "אַלאַדינ'ס וואונדער לאָמפּ. פון די "טויזנט און איין נאַכט" מעשיות, איז דער גליקלעכער שוטה־שוחט אוועק אהיים און מיט בײדע הענט דערלאַנגט די אייגנטימער פון דער "מאַשינקע" די פינף טויזנטערלאַך. אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס דער

צוקונפטיגער מיליאָנער איז געווען אויפ׳ן וועג אהיים, האָט דער קלוגער באַנק פּרעזידענט טעלעגראַפירט דער זעלבער פעדעראל רעזווירוו באַנק אין ריטשמאָנד צו פאַרהאַלטן די וואָס וועלן קומען אויסבייטן טויזנט דאָלאַר בילס מיט די און די נומערן. און די ריטשמאָנד פ. ר. האָט אַזעלכע אינסטרוקציעס אַרויס־געשיקט צו אַלע באַנקען אין די פאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדע. און אויף דעם אופן האָבן די אַרטש־שווינדלער ניט געקראָגן דאָס געלט, און זיי האָבן „נעבעך" געאַרבעט אומזיסט. זיי האָבן זיך גאָר ניט געריכט, אַז עמיצער וועט זיי אַפּטאָן אַזאַ געלונגענעם שפּיצל! און מיר קענען זיך לייכט פאָרשטעלן, ליבע לייענער, די קללות וואָס די אָפּגענאַרטע פייקערס האָבן אַרויפגעשאָטן אויפ׳ן קאָפּ פון דעם דאָרהעמ׳ער באַנק־באַאַמטן.

געוואָונען פון דער מיאוס׳ער טראַנסאַקציע האָט, פאַרשטייט זיך, די וואַשינגטאָנער רעגירונג; ווייל דער טרעזשורי דעפּאַרטמענט וועט די טויזנט דאָלאַרדיגע בילס קיין מאָל ניט אַריינקריגן און אויך קיין מאָל ניט אויסצאָלן.

אַ באַגעגעניש מיט׳ן פאַרשוין צען יאָר שפּעטער אין פּענסילווייניע

אַ צען אָדער צוועלף יאָר נאָכדעם ווי די דאָרהעמ׳ער אידן האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן פון די חרפּות און ביושים וואָס זייער געוועזענער „ראַבאַי" האָט זיי פאַרשאַפט מיט זיין פאַרברעכערישע און אידיאָטישע אויפירונג, טרעף איך דעם נפש אין אַלענטאַן, פּענסילווייניע, אַ שטאָט פון אומגעפער הונדערט טויזנט באַפעלקערונג, זעכציג מייל מזרח־צו פון פילאַדעלפיע, וואו ער האָט אָנגעהאַלטן אַ שטעלע פון „רעווערענד" אין אַ קליין שול׳כל.

דאָס איז געווען אין אַ זומערדיג׳ן פאַרנאַכט, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דעם געגנט וואָס הייסט „סיקסט וואַד", וואו עס וואוינט די אידישע אָרעמ־קייט פון שטאָט. פאַרבייגייענדיג די קליינע שולכ׳ל, וואו עס דאַווענען די אָרעמע דזשאָבּנק און רעגנס־פעדלערס, רעגס סאָרטירער און פּאַקערס (די ציי־ניקער אין אַנדערע שטעט רופן מיט חוזק אַזאַ שול די „שמאַטאַרסקע שול", פון דעם וואָרט שמאַטעס), האָב איך דעם געוועזענעם דאָרהעמ׳ער שוחט דערזען זיצנדיג אויף אַ באַנק, צוגעשלאָגן צו דער הילצערנער וואַנט פון דער רויטער שמאָלער שול־געביידע וואָס קומט אַרויס אין הויף. ער האָט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך מיך ניט צו דערקענען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳וועט אים ניט העלפן, ווארום איך האָב אים גוט געקאַנט פון דער שטאָט פון וואַנעט ער איז אַנטלאָפן געוואָרן מיט שאַנד. איך האָב אים באַלד דערקענט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זיין אַמאָליגער קיילעכדיגער פּנים, מיט די רויטע באַקן,

ל. הינדעס

מיט דער קורץ־געשאָרענע שוואַרצע בערדל, איז שוין געווען שטאַרק אויסגע־צויגן און באוואָקסן מיט טונקל־גרויע האָר; און אָנגעטאָן איז ער געווען ניט קיין סך בעסער ווי די מיטגלידער פון זיין קאָנגרעגיישאָן אינדערוואָכן. און אַזוי ווי קיינער אויסער אים איז אויף דער באַנק ניט געזעסן און קיינער איז ניט געווען אין הויף, האָב איך געכאַפּט מיט אים אַ שמועס.

געוואָלט האָב איך אים אַפילו פרעגן, צי די מיטגלידער פון זיין שול אָדער די שטאָט באַלעבאַטים וויסן פון זיין טרויעריגע פאַרגאַנגענהייט. איך האָב אָבער באַשלאָסן דאָס אים ניט צו פרעגן, כ'וועל זיך דערוויסן שפּעטער, האָב איך געטראַכט, ווען איך וועל זיך זען מיט איינעם פון די אידישע פירער פון דער שטאָט. אַנשטאָט דעם, האָב איך געשטעלט אַן אַנדער פראַגע — די פראַגע וואָס איז געלעגן אויף די ליפּן פון יעדן איינעם וואָס האָט געהערט פון דער געשיכטע, און האַרציג געלאַכט, נעמליך, „צו וואָס האָבן די אייגנטימער פון דער „מאַשינקע" געדאַרפט אייער געלט, בעת זיי האָבן דאָך געקאָנט מיט דערזעלביגער מאַשינקע אָנמאַכן צענדליגע מיליאָנען צענערלאַך און איבער־שטייגן ראָקאַפעלער'ן צוזאַמען מיט מאָרגאַנען און די אַנדערע אַמעריקאַנער מולטי־מיליאָנערן? און ווי קומט עס? — פרעג איך אים ווידער — וואָס איר זייט געווען אַזוי דום און נאַריש צו גלויבן די פּייקערס? —

אָבער אַנשטאָט צו געבן אַ דירעקטן ענטפער אויף מיינע צוויי פראַגעס, האָט דער אָפּגענאַרטער חזן־„פינאַנציר" געענטפערט מיט דער פראַגע: „פאַר וואָס ער?"

— ווער איז דאָס דער „ער"? — וויל איך וויסן.

און ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ רייכן האָלסייל דזשאָנק דילער אין שטאָט, בא וועמען אַנדערע פּייקערס האָבן אויסגענאַרט גאַנצע 15 טויזנט דאָלאַר, פאַרקויפנדיג אים אַזאַ „אַפּאַראַטל" וואָס פאַרוואַנדלט אַ „פינפערל" אין אַ פופציגער . . . (מיט דעם ענטפער האָט ער אַפּנים געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז ניט דער איינציגער באַלוואַן . . .)

מיין צווייטע, און די לעצטע פראַגע, צו דעם נייעם „רעליגיעזן פירער" פון די אַלענטאַונער אָרעמע רעגס־פּעדלערס איז געווען די אויף וועלכע מענטשן האָבן שטאַרק געוואָלט אַן ענטפער:

— ווי קומט עס — פרעג איך אים — וואָס אַזאַ איד ווי איר: אַ חזן־שוחט, אַ שליח ציבור, אַ מוהל און מסדר־קידוש'ן — און נאָך, און נאָך — אַ איד וואָס דאַרף ווייזן אַ ביישפּיל פון ערליכקייט, אַנשטענדיגקייט, פון גוט־האַרציקייט — אַזאַ איד זאָל זיך אַריינלאָזן אין אַזאַ קרימינעלע אַוואַנטורע, וואָס שטעלט אין געפאַר זיין אייגענע פרייהייט און דעם גוטן נאָמען פון זיין געמיינדע און אויך דעם נאָמען פון אַלע אידן אין לאַנד? —

אויף דער פראַגע האָט ער שוין קיין ענטפער ניט געהאַט. ער האָט אונטערגעשפּאַרט די האַנט אונטער דער באַוואַקסענער מאָרדע און טרויעריג געשמייכלט. . . .

אַוועקגייענדיג פון אים בין איך געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: צי זאָל איך אַרויסגיין איבערן שטאָט און דערציילן די מיטגלידער פון דער קליינער שול די „ביאָגראַפיע" פון זייער נייעם חזן, אָדער ניט? האָב איך בעסער באַשלאָסן זיך צו זען מיט איינעם פון די פּראָמינענטע באַלעבאַטים, אים דערציילן וואָס איך און צענדליגע טויזנטער אידן אין אַמעריקע (די טרויעריגע געשיכטע איז געווען געדרוקט אין אַלע אידישע צייטונגען) ווייסן וואָס פאַר אַ פויגל דער איצטיגער „גייסטיגער פירער" פון דער קליינער שולכ'ל איז. בין איך אַריין צו דעם פאָטאָגראַפער, ה. סמיט, וועלכער האָט געהאַט זיין סטודיאָ אין יענעם געגנט. מר. סמיט, וועלכער איז באַקאַנט אַלס סקיצן־שרייבער, איז געווען איבעראַשט צו הערן, אַז דער „העלד" פון דער געלט־מאַשינקע אַפערע, פון וועלכע ער האָט געלייענט אין די צייטונגען, געפינט זיך אין זיין שטאָט און איז דער „ראַבאַי" פון דער קליינער קאָנגרע־גיישאַן. איך האָב געבעטן מר. סמיט'ן ער זאָל זיך זען מיט אַנדערע געזעל־שאַפטלעכע טוער פון שטאָט און באַשליסן וואָס צו טאָן מיט אים.

אַ יאָר שפּעטער, אויף מיין יערלעכן באַזוך אין אַלענטאַון, האָב איך שוין דעם אָפּגעבלאָפטן „פינאַנציר" אין דער יאַרמלקע ניט געפונען. אַזוי ווי מר. סמיטה איז ניט געווען אין שטאָט און בא אַנדערע באַלעבאַטים האָב איך ניט געוואָלט פרעגן, ווייס איך ניט, צי דעם נפש האָט מען משלח געווען אָדער ער האָט זיך אַליין אָפּגעטראָגן.

אָ, דער לייכטער פאַרדינסטל!

צוזאַמענציענדיג דעם סך הכל פון די דערמאָנטע שווינדלערייען און די באַשווינדלטע, ווילט זיך פרעגן: ווי קומט עס וואָס מענטשן „קליינע מענטש־לאַך", האַנדלען מיט „געשעפטסלייט" וועלכע זיי האָבן קיין מאָל ניט געזען? ווי קומט עס וואָס זיי האָבן געגעבן גרויסע סומען געלט צו מענטשן וועלכע זיי האָבן ניט געקענט — ווילד־פרעמדע מענטשן?

דער תירוץ איז: דער חושק צו אַ לייכטן פאַרדינסטל! אָט דער אויס זיכט פון פאַרדינען אַן „עקסטרא דאָלאַר", אָדער צו זען זייערע ווייבער, טעכ־טער און שניר באַהאַנגען מיט די דימענטן און זיין גלייך מיט די „דזשאָונסעס" (די אַריסטאָקראַטיע); און אין דעם פאַל מיט'ן חזן מיט דער געלט־מאַשינקע, וועלכער האָט געהאָפט צו ווערן אַ מיליאָנער און האָבן אַלעמען אין דער אדמה.

ל. הינדעס

און פאר וואס האבן אט די אפגעגאַרטע זיך ניט מישב געווען מיט משפחה, שכנים, גוטע פריינט, אדער מבינים אויף שמוק־זאכן? און דער ענטפער איז: זיי האבן שטארק מורא געהאט, אז עמיצער וועט בא זיי אויסכאפן די מציאה! אט דער „גאלדענער חלום" האט זיי בלינד געמאכט צו דער געפאר פון פארלירן זייערע שווער־פארהארעוועטע און אפגעשפארטע פאר דאלאר. אט די קרבנות פון די שווינדלערס זיינען געווען ניט קלאסנבאוואוסט; זיי האבן ניט פארשטאנען, אז „גרינגע דאלארן" קומען אן צו די וואס לעבן דירעקט און אומדירעקט פון יענעמס פראצע: ווי פאבריקאנטן, גרויס־הענדלער, באנקירן, אבער קיין מאל ניט דעם ארבעטס־מאן; און דער וואס באט אן א קליינעם מענטשל אזעלכע „גליקן" ווי די דערמאנטע מציאה־איינקויפער, איז אן צווייפל א זשוליק. אין א סאציאליסטישע געזעלשאפט איז ניטא קיין פלאץ פאר אזעלכע פייקערס, ווייל אין א סאציאליסטישע וועלט דארף מען ניט קיין דזשולערי. דער אמעריקאנער שרייבער, עדווארד בעלאמי, אין זיין בארימטן בוך, „איקוואליטי" (גלייכהייט), וואו ער רעדט וועגן אומנוצלעכע אינדוסטריעס, דערקלערט, אז דזשולערי איז א סחורה בלויז אין א קאפיטאליסטישע געזעלשאפט, ווייל אונטער'ן קאפיטאליזם דארף די פרוי זיך פארקויפן און, אז צו פארקויפן זיך און צו געפינען א „גוטן קונה", דארף מען זיך אויספוצן אין דימענטן און בריליאנטן. אבער אין א קלאסנלאזע געזעלשאפט וועט די פרוי זיין פולקאם אומאפהענגיג עקאנאמיש, געזעלשאפטלעך, און וועט זיין אזוי קולטורעל אנטוויקלט, אז זי וועט ניט דארפן זיך באהענגען מיט בריליאנטענע אויערינגלאך און מיט דימענטענע פינגערלאך, כדי צוצוציען דעם „ריכטיגן קויפער" — דעם מאן וועלכער איר געפעלט. (ווען די דאזיגע שורות ווערן געשריבן האבן מיר ניט בא דער האנט די סטאטיסטיקס פון דער צירונגס אינדוסטריע אין סאוועטן פארבאנד און די אנדערע סאציאליסטישע לענדער, נאר פון א פרוי וועלכע האט פארבראכט א געגנויעם יאר אין סאוועטן־לאנד, דערוויסן מיר זיך, אז פרויען, קאמ. פארטיי מיטגלידער און לערערינען טראגן ניט קיין דזשולערי, ווייל דאס איז אן איבערבלייבעכץ פון דער בורזשואזנער וועלט. און פון א קארעספאנדענטקע פון דער נאציאנאלער ציימונג, די „קריסטשען סייענס מאניטאר", האבן מיר ניט לאנג צוריק געקראגן די אינפארמאציע, אז מ'זעט כמעט קיינע פרויען באהאנגען מיט צירונג. זי איז געווען, דערציילט זי, אין מאסקווער אפערא־הויז און אפילו דארטן האט זי ניט געזען קיין באצירטע פרויען. זי איז אנטציקט געווארן, באריכטעט זי, פון דער שיינקייט פון די ווענט און פון די באלקאנען מיט די פראכטפולע דעקאראציעס, אבער זי האט ניט געזען קיינע בלישטשענדיגע אויערינגלאך אויף די אויערן פון די פרויען. און זי פארענדיגט איר ארטיקל מיט א קלאג: „וואס טויגן די שיינע

ווענט, די פּרעכטיגע קאַנדעליאַברעס, די זעלטענע קונסט־בילדער וואָס באַצירן די ווענט, אַז עס פינקלט ניט? („איט דאָז נאָט ספּאַרקל”).

(אַ ליגן, ווען עמען איך האָב געוויזן די קאָרעספּאָנדענץ, איז אַ בעלן געווען צו קויפן אַ זיידענע נאָזטיכל (הענדקערטשיף) און אַוועקגיין אין דער רעדאַקציע פון דעם ”מאָניטאָר” און פּרוּוון אויסווישן די ציבעלע טרערן פון דער קאָרעספּאָנדענטקע, וואָס זי פאַרגיסט אויף דעם „בראָך” וואָס איז באַפאַלן דער בורזשואַזנע מאָדע פון טראָגן פינקלדיגע בריליאַנטן אין אַ סאָציאַליסטישן לאַנד).

און פאַר געלט־מאַשינקעס איז פּאָזיטיוו ניטאָ קיין פּלאַץ אין אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג. קיינער זוכט ניט איינצוהאַנדלען אַזאַ „אַפּאַראַט”, ווייל מיט געלט קען קיינער ניט קויפן אַ פאַבריק אָדער אַ מאַיאָנטיק און דינגען „הענט”; קיינער קען ניט קויפן אַ קראָם און מאַכן פּראָפיטן פון פאַרקויפן סחורה; קיינער קען ניט קויפן קיין הייזער און לעבן פון רענט; קיינער קען ניט פאַרלייהען געלט אויף פּראָצענט. קורץ, קיינער קען אונטערן סאָציאַליזם ניט פירן אַ פּאַראַזיטישן לעבן, אָדער ווי מ׳פלעגט זאָגן אין דער אַלטער היים: „לעבן ווי אַ גראַף„. ווייל, ווי ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין רוסלאַנד באַלד נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, מוז יעדער געזונטער מענטש טאָן נוצלעכע אַרבעט, „דער וואָס אַרבעט ניט, דער עסט ניט”, זאָגט זיך אין דער פּראָקלאַמאַציע, און פון אַרומגיין ליידיג קומט אַרויס אַ סך צרות און שאַנד.

דער שוחט און די שניידערס האָבן, ווי שוין געזאָגט, ניט געוואוסט פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן, זיי זיינען געווען באַהערשט פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע פון מאַכן אַ לייכטן דאָלאַר, אָדער ווי מען זאָגט אין דער וואולגאַרער שפּראַך: „ען איזי באַק”; און זיי זיינען אַריינגעפאַלן, און האָבן פאַרפינצטערט זייער אייגענעם לעבן און דעם לעבן פון זייערע פאַמיליעס, און געוואָרן דער ציל־ברעט פאַר שפּאָס און געלעכטער.

ווידער — צוריק צו פאַל ריווער

ווי די לייענער ווייסן שוין, בין איך אוועק פון בעני לעווינ'ען זייער אַנטוישט. אַ געוועזענער שילער, האָב איך געטראַכט, זאָל ניט געדיינקען אַ לערער, זאָל ניט געדיינקען זיין נאָמען — אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן! מיר האָבן אַלע געהאַט אין אונזערע יונגע יאָרן מלמדים, פּריוואַטע לערער, לערער אין די שולן, און מיר געדיינקען זיי אַלע מיט זייער אויסזען, מיט זייערע נעמען — אַפּילו מיט זייערע ווייבער און קינדער. וואָרום, ווי זאָגט זיך אין תלמוד, „דאָס וואָס מיר לערנען אין דער יוגנט פאַרגעסן מיר ניט." (איך געדיינק לײדער ניט גענוי דעם אָריגינעלן תלמודישן אויסדרוק). און פּונקט ווי מיר פאַרגעסן ניט וואָס מיר האָבן אַמאָל געלערנט אַזוי פאַרגעסן מיר ניט אונזערע יונגט־חברים, גוטע שכנים, גוטע פריינט און אַלע וועלכע מיר האָבן געקענט.

און נאָך שמערצליכער איז געווען מיין איינדרוק (מעגלעך אַ פאַלשער איינדרוק), אַז מיין געוועזענער שילער האָט מיך אָנגענומען פאַר איינעם פון די פלינקע שווינדלערס, וואָס זוכן בעלנים אויף „מציאות" . . . אפשר, האָב איך געקלערט, איז עמיצער אין זיין שטאַט געוואָרן אַ קרבן פון די אַפערריסטן און אפשר איז ער אַמאָל אַליין אָפּגענאַרט געוואָרן — ווער ווייסט?

מיט אַ שווערע האַרץ בין איך צוגעגאַנגען אַ פינף בלאָק ווייטער אויף דער נאָרט מעין סטריט, צו דער אימפּאָזאַנטער „יאַנג מענ'ס קריסטשען אַסאָסיאיישאַן" בילדינג; אריין אין דער ציכטיגער העל־באַלויכטענער „לאָבי" מיט די שיינע קאָלירפולע אָריענטאַלישע טעפּיכער אויפ'ן דיל; זיך אריינגעזעצט אין אַ ווייכן באַקוועמען מיט פליוש־באַצויגענעם „פאָטעל" און באַמיט זיך צו באַפרייען פון די אומעדיגע געדאַנקען און דעם אומאַנגענעמען איינדרוק וואָס איך האָב ארויסגעטראָגן פון בעני'ס שניידער־סטאָר. . . .

אַ האַלבע שעה שפּעטער בין איך שוין געזעסן אין דעם רעפערענץ־צימער פון דער פאַל־ריווער פּאַבליק־לייברערי, וואָס געפינט זיך איבערן וועג — די ביבליאָטעק וועלכע איז אין די יאָרן 1909־1910 באַטראַכט געוואָרן פון באַרימטע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן, איינגעשלאָסן קאָנגרעסמאַן העגרי דזשאָרדזש, דזשוניאָר, דער ווירדיגער זוהן פון דעם באַרימטן פירער פון די „סינגל טעקס" באַוועגונג, הענרי דזשאָרדזש, דער פּראָפעסער פון'ם ברייט־

פארשפרייטן בוך: „פראָגרעס ענד פאווערטי" (פּראָגרעס און אָרעמקייט) — אלס די שענסטע און די מאָדערנסטע ביבליאָטעק אין גאַנץ ניו־ענגלאַנד.

אריינקומענדיג אינ'ם רעפערענץ רום האָב איך זיך אוועקגעזעצט בא דעמזעלביגן טיש בא וועלכן איך בין געזעסן אויף מיין ערשטן באזוך אין דער ביבליאָטעק, א שבת נאָכמיטאָג, א פּאָר טעג נאָך מיין אָנקומען אין שטאָט. אויף דעם זעלבן טיש, געדיינק איך, האָב איך געפונען ליגנדיג צוויי ביכער — באַלזאַק'ס „א תפילה פון אן אטהעאיסט" (אָדער ווארום דער אטהעאיסט איז געגאַנגען אין קירך) און הערבערט ספּענסער'ס „סאָשל סטאַטיקס" (דער ערשטער — א שיינע מעשה'לע; דער צווייטער — א סאָציאַל־פילאָזאָפישע ווערק פון וועלכע טאָלסטאָי, ווי ער דערקלערט אין זיין „וואָסקרעסעניע", האָט געשעפּט געוויסע געדאַנקען, וועלכע ער האָט פאַרקערפּערט אין זיין וועלט־באַרימטע ווערק.) באַלזאַק'ס מעשה'לע האָב איך באַלד איבערגעלייענט און שטאַרק הנאה געהאַט. אין דער העכסט אינטערעסאַנטער און ממש פאַרכאַפּנ־דיגע דערציילונג שילדערט דער וועלט־באַרימטער פראַנצויזישער קלאַסיקער, האָנאָרינע דע באַלזאַק, א פּראָפעסאָר, א פריידיינקער, וועלכער האָט געמוזט גיין אין קירך זאָגן א תפילה נאָך זיינעם א בעל־טובה. דער דאָזיגער בעל־טובה, אן אָרעמער וואַסער־טרעגער, האָט א סך ארויסגעהאָלפן דעם פּראָפעסאָר ווען ער איז געווען אן אָרעמער מעדיצינישע סטודענט. ער פלעגט אים אריינטראָגן סובארעס מיט מילך פאַר פרישטיק און פאַר אָוונט־ברויט; און ווען דער גע־פלאָגטער סטודענט איז געוואָרן דאָקטאָר און שפּעטער פּראָפעסאָר, האָט ער אים געוואָלט אָפּצאָלן מיט געלט, אָבער דער גוט־הערציגער וואַסערמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען געצאָלט. ער האָט געהאַלטן פון דעם אָנגענומענעם כלל, אז פאַר א טובה נעמט מען ניט קיין געצאָלט, ווארום קריגן באַצאָלט פאַר א טובה איז דאָס קיין טובה ניט. . . .

אנשטאָט געלט האָט ער געבעטן דעם פריידיינקער־פּראָפעסאָר, אז נאָך זיין טויט זאָל ער גיין אין קירך זאָגן א תפילה פאַר זיין נשמה. דער געוועזענער הונגער־ליידנדיגער סטודענט האָט אים ניט געקענט אָפּזאָגן זיין בקשה, און האָט אים צוגעזאָגט.

ווען דער פרומער וואַסער־טרעגער איז געשטאָרבן, האָט דער פּראָפעסאָר זיך געפונען אין גרויס פאַרלעגנהייט — גיין אין א גאָטעס־הויז? האָט ער גע־טראַכט — ווי פּאַסט עס פאַר אן אטהעאיסט? מ'וועט דאָך לאַכן פון אים, אָדער ער וועט געשטעמפּלט ווערן אלס א היפּאָקריט! אָבער, האָט ער ווידער זיך באַדיינקט, ער האָט דאָך פּאָרט צוגעזאָגט זיין גאָטס־פאַרכטיגן וואָלטעטער, אז ער וועט יאָ גיין אין קירך, און אלס א געוויסנהאַפטער מענטש דאַרף ער דאָך האַלטן וואָרט?

ל. הינדעס

הכלל, ווי געזאָגט, דער אַטהעאיסטישער פּראָפעסאָר האָט זיך געפונען אין אַ דילעמאַ — ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן יאָ צו גיין. אָבער צוקומענדיג צו דער ריזיגער שטיינערנע גאָטעס הויז, האָט ער ווידער חרטה געהאַט; ער האָט אָבער געפּאַסט גענוג מוט, אַרויף אויף די טרעפּ, זיך געשטעלט בּאַ דער אַריינגאַנגס־טיר, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און שנעל אַוועק, אַז קיינער זאָל אים ניט באַמערקן. און מיט דעם האָט דער פּראָפעסאָר געפילט, אַז ער האָט דערפילט אַ צוזאָג און ניט פאַרבראָכן זיינע אַטהעאיסטישע איבערצייגונגען. . . .

דער אויטאָר, באַלזאַק, דערציילט אויך ,אַז דעם פּראָפעסאָרס ברויטגעבער איז געווען אַזאַ פרומער קאַטהאָליק, אַז ער האָט מיטגענומען זיין געטרייען הונט איר קירך; ער האָט אים געלערנט ניט צו האַוקענען דריי בלאָק פאַר דער קירכן געביידע, און ווען די מתפללים זיינען געפאַלן אויף די קני האָט ער זיי נאָכגעטאָן. . . .

אָבער ספּענסער׳ס, בין איך זיך מודה, האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

אין דעם אַלטן אידישן קוואַרטאַל

נאָך מיין קורצן באַזוך אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, מיין אַמאָליגע, אַזוי־צו־זאָגן, „גייסטיגע היים, בין איך אַוועק כאַפּן אַ קוק אויף דעם אַלטן אידישן קוואַרטאַל, וואו איך האָב געוואוינט די גאַנצע פּאַר יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין שטאָט און וואו איך בין געווען אַ באָרדער און קוואַרטיראַנט באַ פיר פאַרשיידענע „מיסעסן״ (באַלעבאָסטעס).

ספּרינג סטריט איז די ערשטע אידישע גאַס וואָס ציט זיך באַרג אַרונטער פון דער סאַוט מעין סטריט. אַריינקומענדיג אין דער דאָזיגער סטריט, האָב איך באַלד דערזען די גרויסע ענדערונגען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען פאַר די פיל יאָרן וואָס איך בין דאָרט ניט געווען. אַ האַלבער בלאָק הייזער פון דער לינקער זייט איז אינגאַנצן אַרונטערגענומען געוואָרן און פאַרבליבן איז דער ליידיגער פּלאַץ מיט די גריבער, וואו אָרעמע באַרוועסע אינגלאַך האָבן אַרומגעשפּרונגען און געטאַנצט. . . .

די אַלטע הילצערנע צווייי און דריי שטאָקיגע הייזער אין דער רעכטער זייט פון דער גאַס זיינען נאָך דאָ. אָבער ניטאָ שוין דאָרט דער „גאַליציאַנער גראָסערי־מאַן״, ווי די שכנים האָבן אים גערופן; ניטאָ דאָרט פרידמאַנ׳ס אידישער רעסטאָראַן, סנעל׳ס בעקעריי, גאָרדאָנ׳ס מילכיגע סטאָר, די בוטשער סטאָרס — ניטאָ קיין זכר (זייכער) פון זיי! עס שטייט נאָך די דריי־שטאָקיגע ווייסע הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט מיין מיסעס, די „קיילעבדיגע שניידערקע״,

מיט די שוואַרצע האָר, וועלכע איז שטענדיג געווען אין כעס אויף מיר פאר וואָס איך צאָל ניט פּינקטליך די דירה־געלט.

איבערן וועג שטייט נאָך דער לאַנגער טונקל־גרויער דריי־שטאָקיגער „בלאָק" וואָס ציט זיך אַריין אין וואַשינגטאָן סטריט, וואו בעדריק האָט גע־האַטן זיין דעליקאַטעסן און צייטונגס סטאָר; וואו אַרבעטער און פּעדלערס פלעגן זיך, ווי שוין עטלעכע מאָל פריער דערמאָנט, צענויפקלייבן און „אַרומ־ריידן די וועלט". אָט דער פּלאַץ, וואו ס'האָט אין מיינע יאָרן געקאָכט און געשפּרודלט מיט אידישן לעבן„ איז איצט שטיל ווי אויף אַ בית עולם . . . ניטאָ דאָרט בעדריק'ס סטאָר; מר. בעדריק און זיין פרוי זיינען שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט.

די צוויי־עטאַזשנע אַלטע הילצערנע הויז, אַנטקעגן דער געוועזענער „קיבעצאַרניע", וואו איך בין געווען אַ באַרדער בא דער שטומאַטשקע, איז שוין אויך ניטאָ. די געביידע איז אַרונטערגענומען געוואָרן מיט פיל יאָרן צוריק, צוזאַמען מיט דער ריי נידריקע הילצערנע קרעמלאַך, מיט דער קליינער שולכ'ל און מיט דער גרויס געמויערטער שול. דער ליידיגער פּלאַץ פון די אַראָפּגעוואָרפענע בנינים איז באַוואַקסן געוואָרן מיט גראָז; אָבער דער גרינער גראָז מאַכט ניט שענער די גאַס, דאָרט זיינען אָנגעוואָרפן גאַנצע בערג מיט ברוך־אייזן, אַלטע טיילן פון אויטאָמאָבילן, גומענע רעדער און אַנדערע זאַכן וואָס די אויג וויל ניט אָנקוקן. . . .

אַמאָליגער אידישער קוואַרטאַל „אידן־ריין"

אריינקומענדיג אין דער דערבייאיגער פערי סטריט, די דריטע לאַנגע גאַס פון דער גהעטאָ, וועלכע איז פאַר מיינע צייטן געווען געדיכט באַזעצט פון אידישע פאַמיליעס, וואו איך האָב געהאַט אַ סך פריינט און באַקאַנטע, בין איך אריינגעפאַלן אין אַ זייער אומעטיגע שטימונג. די הילצערנע הייזער, וועלכע שטייען נאָך, נויטיגן זיך אין דער האַנט און אין דער באַרשט פון אַ „פּעינטער" (הויז־מאָלער), און אין אַלגעמיין אָפּגעלאָזן. דער שמאָלער צוויי־גאָרנדיגער רויטער מויער, מיט דער אויבערשטיבל וואו די קאַפּלאַן פאַמיליע האָט געוואוינט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דזשאַנק און רעגס־שאַפּ, מיט דיקן שטויב אין אַלע פענצטערס פון אַלע זייטן. . . . אַ פּאָר הייזער ווייטער שטייט נאָך דער דריי־שטאָקיגער לאַנגער הילצערנער בלאָק, דער געלער פאַרב אַ היפּש ביסל אָפּגעקראָכן; די פענצטער אָן פאָרהאַנגלעך און די שויבן באַ־דעקט מיט אַלערליי „קאָלירן" — ניט קיין פריילעכע דערמאָנונג פון די יאָרן ווען מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט באַ פריינט אַ סך אנגענעמע שטונדן אין פאַרלעזונגען און פּאָליטישע דיסקוסיעס.

איבער'ן וועג, די קאַפּלאַנ'ס אַמאָליגע דזשולערי סטאָרקע, די צאַצקע פון דער גאַס, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חורבה אין פולן זינען פון וואָרט — די הילצערנע טונקל־גרויע ווענט איינגעפאַלן, די פענצטער אויסגע־בראָכן; אינווייניג אָנגעוואָרפן מיט פאַרפוילטע אַלטע פּאָליצע־ברעטער, צע־בראָכענע טישן, שטולן, און וואָס ניט. . . . אריינקוקנדיג פאַלט אָן אויף איך אַ פּחד. איך דאַכט זיך, אַז דאָרטן ראַיען זיך אַלערליי שדים . . . און איר טראָגט זיך אָפּ פון דאָרטן אַזוי שנעל ווי איר קענט. . . . די קאַפּלאַנס זיינען שוין לאַנג ניט די איינגנטימער פון דער דאָזיגער „פּראָפּערטי", און ס'איז אַ גרויסער וואונדער וואָס די שטאָט־באַאַמטע לאָזן די חורבות שטיין, ווארום אַ ליאַדע ווינטל קען צעטראָגן דעם גאַנצן „בנין" און טרעפן אַ פאַרבייגייער. (ס'זעט אויס, אַז די שטאָט־טאַטעס קימערן זיך זייער ווייניג איבער די באַקוועמ־לעכקייט און זיכערקייט פון די טעקס־צאָלער וועלכע וואוינען אין די אָרעמע געגנטן. זיי אַרט ניט וואָס די אַמאָליגע קאָבעדיגע וואַשינגטאָן סטריט איז אָנ־געוואָרפן מיט זאַכן פאַר וועלכע דער איינציגער פּלאַץ איז דער ים . . . און דאָס

פאָל ריוועך — אַמאָל און היינט

וואָס דאָרט ביים „סיידוואָק" שטייט אַ חורבה, אַ פּאַרזעעניש, וואָס שטעלט אין געפאַר מענטשלעכע לעבנס.)

ניטאָ קיין אידן

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָב איך שפּאַצירט הין און צוריק איבער די לאַנגע גאַסן און די זייטיגע געסלאַך פון דער אַמאָליגער געטאָ און ניט אָנגע־טראָפן קיין איין אידן בא וועמען איך וואָלט געקאָנט זיך נאָכפרעגן אויף די פאַמיליעס וועלכע איך האָב גוט געקענט און געוועזן באַפריינדעט. איך האָב קיינעם ניט געזען — ניט קיין עלטערן און ניט יונגע אידישע מענטשן, ניט קיין פרויען און ניט קיין קינדער, און ס׳האָט מיר אויסגעזען אַז דער גאַנצער אידישער געגנט פון אַמאָל איז איצט — כמעט אַ האַלבער יאָר־הונדערט שפּע־טער — געוואָרן „אידן־ריין".

אַ נייע אידישע אינסטיטוציע און אַ מאָדנע באַגעגעניש

און אַזוי בלאָנדזשענדיג און זוכנדיג אידן און ניט געפינענדיג, בין איך אריין אין דער קאָלאָמביאַ סטריט, וואָס פירט דירעקט באַרג אַרויף צו דער מעין סטריט. עטלעכע טריט פאַר׳ן ראָג איז מיין בליק געפאַלן אויף אַ ברייטע גרין־גרוי הילצערנע הויז איבערן וועג, מיט ווייסע שילדן אין די פענצטער מיט דעם אויפשריפט אין גלאַנציגע שוואַרצע אותיות: „היברו סקול אָוו פאָל ריווער".

— אהאַ! — האָב איך געטראַכט, אַ מאָדערנע תלמוד־תורה, וואָס איז פאַר מיינע צייטן ניט געוועזן און אַז די גרויסע צאָל אַמאָליגע „היברו טיטשערס" (מלמדים) מיט די ביינערנע טיטלען זיינען שוין מער ניטאָ; אַז די לערערס און לערערינס זיינען געבוירענע אַמעריקאַנער און לערנען „עברית באַנגליות" (העברייאיש פאַרטייטשט אין ענגליש). איך האָב אָבער געוואָלט וויסן מער איינצלהייטן וועגן דעם נייעם רעליגיעזן לערן־אַנשטאַלט, אָבער איך זע קיינע אידן פאַרבייגייענדיג — בלויז מענטשן מיט טונקעלע פּנים׳ער פון פּאָרטוגיעזן און איטאַליענערס און פון די סלאַווישע ראַסן, און שוין געהאַלטן ביים פאַר־נעמען זיך צו דער מעין סטריט. אָבער גאָר אומדערוואַרטעט דערזע איך אריינקומענדיג אין דער קאָלאָמביאַ סטריט אויף דער זייט פון דער „היברו סקול" אַ הויכן אידן אין אַ לאַנגן שוואַרצן אויבער ראָק, מיט אַ שוואַרצן ווייכן קאַפּעליוש מיט אַ פּיטשינקע שוואַרץ־גרויע בערדעלע אונטערן ליפּ. מיין איינ־דרוק איז געוועזן אַז ער איז אָדער דער אָרטאָדאָקסישער רב פון שטעטל, אָדער

ל. הינדעס

א חזן־שוחט, און אפשר גאר א שמש אין אן ארטאדאקסישער שול. אלענפאלס, ער האט מיר אויסגעזען צו זיין עפעס א כלי־קודש, און אזא איינער, בין איך געווען זיכער, וועט מיר קענען געבן גענויע אינפארמאציע וועגן דער תלמוד תורה און וועגן דעם אלטן אידישן קווארטאל בכלל.

צוקומענדיג צו אים פון איבערן וועג, האב איך זיך פארגעשטעלט אלס א געוועזענער פאל־ריווער תושב מיט יארן צוריק און האב אים דערמאנט די נעמען פון א פאר פראמינענטע ביזנעסלייט וועלכע איך קען.

דער איד איז קענטיג ניט געווען צופרידן מיט די נעמען פון די גוט באוואוסטע ביזנעסלייט. פון דעם אומפריינטלעכן בליק וואס ער האט אויף מיר געווארפן, האט זיך מיר געדאכט אז, פונקט ווי בעני לעווין, פארדעכטיגט ער מיך, אז אפשר בין איך איינער פון די פייקערס וואס זוכן צו פארקויפן „מציאות", ווארום די דאזיגע שווינדלערס ווייסן די נעמען פון אלע אנגע־זעענע אידן פון שטאט. און צו זיין זיכער, אז איך נאר אים ניט אפ אין מיין דערקלערונג אז איך בין א געוועזענער פאל־ריווער תושב, האט ער מיר געפרעגט וואו און באוועמען איך בין איינגעשטאנען פאר דער צייט וואס איך האב פארבראכט אין זיין שטאט.

— מיין ערשטע סטאנציע — ענטפער איך אים — איז געווען בא זאוול דעם שמש. —

— א, בא זאוולען — מאכט ער צו מיר האלב ערנסט און האלב שמייכלענ־דיג — ער איז דאך געווען א רעגס פעדלער. —

— יעס, גיב איך צו — ער איז טאקע געווען אי א שמש און אי א רעגס־פעדלער און א גרויסער ארעמאן דערצו. —

און דער פרום־אויסזעענדיגער איד האט, נאך מיין ענטפער, געמאכט אזא קרומע מינע ווי ער וואלט זאגן: „אז דו ביזט איינגעשטאנען בא זאוולען, ביזטו מסתמא געווען א גרויסער קבצן אדער א קנאפער יחסון. (דער איד, ווי די לייענער ווייסן שוין פון פריער, האט האלב געטראפן . . .), אבער ניט געקוקט אויף די אלע מיספארשטייענישן, איז דער איד, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט אלס מר. וויינער, איינער פון די עלטערע העברייאישע לערערס אין שטאט (איך געדענק לײדער ניט צי איך האב אים ווען עס איז געזען אדער געהערט פון אים ווען איך בין געווען זיינער א שכן), איז געווען גוט געגוג מיר צו דערציילן די געשיכטע פון דער נייער תלמוד־תורה, וועגן די פארבליבענע אידן אין דעם אלטן ישוב און וועגן די אידישע ארגאניזאציעס וואס זיינען נאך פארבליבן פון די אמאליגע יארן.

מר. ווײַנער דערציילט און בייזערט זיך

דער זקן מר. ווײַנער, דער איינציגער פאַרבליבענער „היברו טיטשער" פון אַמאָל און איינער פון די עלטסטע אידן אין שטאָט, האָט מיר איבערגעגעבן די איינצלהייטן פון דער געשיכטע פון דער נייער רעליגיעזע אינסטיטוציע. די ת"ת, האָט ער געזאָגט, איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר צוואַנציג צוריק. דאָ לערנען זיך די קינדער וועמעס עלטערן וואוינען אין די עקן פון שטאָט, אַרום די מילן; און אַן אויטאָ־באַס קלייבט צוזאַמען די שילער און ברענגט זיי אַהער און פירט זיי אָפּ אַהיים; די לערער אין דער תלמוד־תורה זיינען שוין ניט די אַמאָליגע מלמדים, נאָר אַמעריקאַניזירטע יונגע בחורים און מיידלאַך, געענדיגטע פון די סעמינאַר אָדער היברו טיטשערס קאָלעדזש — פּונקט ווי איך האָב זיך פריער פאָרגעשטעלט — און אַז פון די צענדליגע לערער פון די יאָרן 1909־1910 איז ער דער איינציגער פאַרבליבן; די איבריגע — צעפאָרן, צעגאַנגען, צעמופּט אין אַנדערע שטעט און קיינער ווייסט ניט און הערט ניט פון זיי.

אין די אַלטע אידישע גאַסן, האָט ער מיט באַדויערן געזאָגט, זיינען געבליבן אַ קליין הייפעלע אידן, וואָס מ'קען איבערציילן אויף די פינגער. אַ סך פון די אַלטע תושבים זיינען אַוועק „אויף די בערג" און אין די גאַסן אַרום די בערג, וואו עס שטייט שוין אַ מאָדערנער טעמפּל, מיט אַן ענגליש־ריידנדיגן ראַבאַי און מיט די אַנדערע זיבן גליקן; און דער איינציגער אנדיינק פון דעם אַלטן אידישן ישוב איז די „רוסישע" שול אויף פּוירל סטריט, אַ זייטיגע גאַס וואָס שניידט דורך ספּרינג סטריט.

איך האָב אים געוואָלט פרעגן צי ער קנעלט נאָך־צו מיט פּריוואַטע תלמידים, צי ער איז פאַרבונדן מיט דער תלמוד־תורה אַלס לערער, צי ער אַליין וואוינט נאָך אין איינע פון די אַמאָליגע אידישע גאַסן; אָבער איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן, ווייל איך האָב באַמערקט אַז ער קוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי און אַביסל ברוגז'לאַך . . . האָב איך אים באַדאַנקט פאַר דער אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע און געזעגענענדיג זיך האָב איך אים געפרעגט ווי מ'גייט דאָ צו צום קאָמיוניטי צענטער, אין דער האָפנונג דאָרט צו קריגן מער איינצלהייטן פון דער אידישער באַפעלקערונג פון מיין אַמאָליגער היים־שטאָט.

— וואָס? — ענטפערט ער אין אַ שטימע וואָס דערמאָנט דעם היימישן שטרייגנן קאָנטשיק־מלמד — אַ קאָמיוניטי צענטער?! ניטאָ דאָ קיין קאָמיוניטי צענטער — קיין מאָל ניט געווען, איר זוכט וואָס איז ניטאָ. —

וואונדער איך זיך: אין פּאָל־ריווער ניטאָ קיין קאָמיוניטי צענטער! איך בין געווען כמעט זיכער, אַז די היינטיגע אידישע פּאָל־ריווער האָט יאָ אַזאַ

אינסטיטוציע, וואַרום אַ ריי קלענערע שטעט אין ניו־ענגלאַנד, וועלכע איך האָב באַזוכט דורך די דריי צענדליג יאָרן וואָס איך בין געווען אויף דער רייזע („אויפ׳ן ראָוד", רופט מען דאָס אין ענגלישן אידיש), ווי בייגאָר און פּאָרט־לאַנד, מעין; מאַנטשעסטער, ניו העמפּשיר; בוירלינגטאָן, ווערמאָנט; ניו בעד־פאָרד, מאַסאַטשוזעטס; ניופּאָרט, ראָוד איילאַנד; און אַנדערע שטעטלאַך, מיט אַ סך קלענערע ישובים — זיי האָבן קאָמיוניטי צענטערס. דעריבער האָב איך זיך געחידוש׳ט, וואָס מיין פריערדיגע היים־שטאָט, מיט אַ באַפעלקערונג היינט, קיין עין הרע, פון טויזנט פאַמיליעס, און האָט נאָך די רעפּוטאַציע אַלס אַ רייכע געמיינדע (ביז ניט לאַנג צוריק האָט דאָרט געוואוינט דער פאַר־שטאָרבענער גרויסער מיליאָנער־פילאַנטראָפּ הערי זיסקינד, וועלכער האָט גע־געבן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר דעם באָסטאָנער בית ישראל האָספּיטאַל; הונדערט טויזנט דאָלאַר דעם בראַנדייס אוניווערסיטעט; און הונדערט טויזנט פאַר דעם פאָל ריווער טעמפּל. — ל. ה.)

— אַזאַ ישוב זאָל ניט האָבן קיין „צענטער"! —

רבי ווײַנער׳ן איז קענטיג ניט געפעלן געוואָרן וואָס איך וואונדער זיך אַזוי איבער די גאַנצע פראַגע וועגן דעם קאָמיוניטי צענטער און האָט געוואָלט וויסן פאַר וואָס איך אינטערעסיר זיך אַזוי שטאַרק מיט אַן אינסטיטוציע וואָס איז גאָר ניטאָ אין שטאָט.

— מיסטער — מאַכט ער צו מיר אין זיין באַסאָווע שטימע, פאַרציענדיג זיין סיגאַרעטל וועלכן ער האָט געהאַלטן צווישן זיינע פון טאַבאַק פאַרגעלטע פינגער — צו וואָס דאַרפט איר דאָס אַלץ וויסן? —

מיין ענטפער איז געווען, אַז ס׳וועט מיר אפשר אַמאָל אויסקומען צו שרייבן אַן אַרטיקל וועגן דער שטאָט.

— פאַר וועלכן „פּעיפּער" (ציימונג) שרייבט איר? —

— אָ, די פרייהייט, אָ, די פרייהייט! — האָט דער אַלטער ביין אויסגע־שריען ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ קאָרעספּאָנדענט פאַר דער איינציגער אידישע צייטונג אין אַמעריקע וואָס קעמפט אומדערמידלעך געגן אַנטיסעמיטיזם, געגן ראַסן־האַס, פאַר פרידן, פאַר פעלקער־פריינדשאַפט און פאַר אַ בעסערן פרייערן לעבן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

— איך האָב קיין צייט ניט, איך האָב קיין צייט ניט — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק ניט געבנדיג מיר די האַנט.

איבעריג צו זאָגן, אַז דער אַלטער „היברו־טיטשער" (מלמד) איז אַ קרבן פון דער איסט בראָדוויייער „אידישע" פרעסע און אויך מעגלעך (אויב ער לייענט ענגליש) פון דער פאַשיסטישער „פאָל־ריווער ניוס", וועמעס רעדאַקטאָר איז אַ גאַנצער שמעלקע מיט דעם טרויעריג־באַרימטן סענאַטאָר דזשאָזעף מעקאַרטי.

דער פארשווין פארפעלט קיין מאָל ניט צו קומען אין באָסטאָן צו די מעקארטי־פארזאמלונגען און „באַשיינט" די פלאַטפאָרמע מיט זיין אנוועזנהייט. . . .

אידישע מיליאָנערן און קלעריקאַלן ווילן ניט קיין קאָמיוניטי צענטערס

אנטוישט פון מיין באגעגעניש און די געשפּרעכן מיט דעם אַלטן מר. ווינער, בין איך אַוועק אין א האָטעל, געשטאַנען דאָרט איבער נאַכט און פאר לאַנגע שעה'ן האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דער סיבה וואָס פּ. ר. איז ניט „מיט לייטן גלייך" און פארמאָגט ניט אזא אינסטיטוציע ווי א קאָמיוניטי צענטער. פרעגן בא די עטלעכע פארבליבענע באַקאַנטע האָב איך ניט געוואָלט, ווארום איך בין געווען מער ווי זיכער, אז פון מיין פראַגע וועלן זיי זיך פילן באַליידיגט. עס איז שוין אזא אַנגענומענער כּלל, אז א גאַסט אָדער א באַזוכער, וועלכער קומט אין שטאָט פאר געשעפט אָדער פאר געזעל־שאַפטלעכע צוועקן, טאָר ניט אָנווייזן אויף די חסרונות וואָס ער געפינט דאָרט: ער טאָר ניט קריטיקירן די שטאָט־באַאַמטע פאר וואָס זיי רייניגן ניט אָפּ די „סלאַמס"; פאר וואָס זיי פאַריכטן ניט די צעריסענע „סייד־וואָקס" (טראָטואַרן); פאר וואָס זיי לאָזן שטיין איינגעפאַלענע חורבות. דער גאַסט טאָר אפילו ניט דערמאָנען די פּאָליטישנס וועלכע זיינען פארוויקלט אין גרעפט (כאַבאַר) סקאַנ־דאַלן; ער טאָר אפילו ניט זיך באַקלאָגן אויף דעם שלעכטן וועטער . . . אַלץ וואָס דער גאַסט דאַרף טאָן איז: לויבן די שטאָט — אַלץ איז גוט, שיין און פיין; און טאָמער איז דער קאָמערציעלער רייזנדער אָדער געזעלשאַפטלעכער טוער ניט פארזיכטיג גענוג און וואַרפט אַמאָל אריין א פּאָר קריטישע ווערטער וועגן דעם וואָס אים געפעלט ניט, אָדער וואָס די שטאָט דאַרף האָבן — און האָט ניט — ווערט דער באַטרעפנדיגער תושב אין כעס און פילט ווי צו פרעגן דעם אורח: „זאָג מיר נאָר, גוטער ברודער, האָסט עפּעס בא אונז אריינגעלייגט וואָס דו קומסט אונז באַריידן?"

און דעריבער האָב איך טאַקע בא קיינעם ניט געפרעגט און אַליין פּרובירט אויסגעפינען די סיבה וואָס די פּאָל־ריווער אידישע געמיינדע איז אזוי אומ־דערוואַרטעט געבליבן הינטערשטעליג אין פארזאָרגן זיך מיט אזא וויכטיגע אינסטיטוציע ווי א קאָמיוניטי צענער, וואָס איז נויטיג פאר דעם קולטורעלן וואוילזיין פון דער אידישער יוגנט. און אזוי טראַכטנדיג זיינען מיר געקומען אויף די געדאַנקען די געוויסע אידן פון די ניו־ענגלאַנד און פּענסילווייניע, וועלכע האָבן זיך פאר מיר באַקלאָגט אויף די שוועריקייטן וואָס זיי האָבן געהאַט איידער זיי האָבן אויפגעבויט די „צענטערס". די גרויסע גבירים, האָבן

ל. הינדעס

זיי געקלאָגט, האָבן זיך אַנטזאָגט אַרויסצוקומען מיט גרעסערע סומען אָנצו־היבן די וויכטיגע אונטערנעמונג. זייער טענה איז געווען, אַז זיי זיינען אַבסאָ־לוט ניט פאַראינטערעסירט אין קאָמיוניטי צענטערס. זיי וועלן דאָרט זייערע קינדער ניט שיקן, ווייל זיי ווילן ניט, אַז זיי זאָלן זיך אויסמישן מיט די קינדער פון די אָרעמע קלאַסן, אָדער דעם „ריף ראַף", ווי זיי, די „יאַהודים" רופן קינדער פון „ניט אַרויפגעאַרבעטע". און די זעלביגע אָלרייטניקעס האָבן געהאַלטן, אַז די צענטערס זיינען צו „באָלשעוויסטיש", ווייל אין די דאָזיגע אַנשטאַלטן האַלטן אָפּ זייערע מיטינגען דער אַרבעטער רינג, דער אָרדן, און אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס.

די ראַבאַיס, ווידער, כאָטש זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין אָפענע אָפּאָזיציע, האָבן אָבער געקוקט קרום אויף די ק. צ. פּראָיעקטן. זיי האָבן געפילט, אַז דער צענטער איז אַ שטאַרקער קאָנקורענט צו דער שול; זיי האָבן געפילט, אַז דער צענטער וועט אָפּציען די יוגנט פון דער שול, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די צענטערס זיינען שבת און יום־טוב פאַרמאַכט אויף אַלע „זיבן ריגלען" און קיינער קען דאָרט ניט אַריינקומען. זיי, די רבנים, ווייסן אויך, אַז די קינדער פון די פאָלקס־מענטשן געפעלט בעסער די קולטורעלע אַקטי־וויטעטן און די קולטורעלע פאַרוויילונגען ווי די אין די סינאַגאָגעס; זיי ווייסן אויך, אַז אין דער פאָלקס־אינסטיטוציע, וואו זייערע עלטערן זיינען מיטגלידער, פילן זיך די קינדער מער היימיש ווי אין דער קאַלטער אַטמאָספערע פונ'ם טעמפּל, וואו זייערע עלטערן זיינען, צוליב די הויכע אָפּצאָלונגען („דיוס"), ניט קיין מיטגלידער. די דאָזיגע קלעריקאַלן זיינען אויך איבערצייגט, אַז דער דירעקטאָר פונ'ם צענטער, וועלכער פירט אָן מיט די קולטורעלע אַקטיוויטעטן און וועלכער איז אַ קאַלעדזש גראַדואירטער און אַ ספּעציאַליסט אין איינ־פלאַנצן דיסציפּלין און גוטע זיטן בא דער יוגנט — איז אין שטאַנד אָפּט מאָל אַזוי, אויב ניט מער, פּאָפּולער ווי דער ראַבאַי.

און צוליב די דערמאָנטע אורזאַכן, האָבן די געזעלשאַפטלעכע טוער אין אַ סך שטעט געהאַט גרויסע שוועריקייטן אויפצובויען די צענטערס. אָבער דער דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג האָט אַביסל ווייכער געמאַכט די הערצער פון די גבירים און זיי האָבן געמוזט ביישטייערן באַדייטנדיגע סומען, מיט וועלכע די שטאָט האָט געקאָנט צוטרעטן צו דער בויאונג פון דער נויטיגער אידישע אינסטיטוציע. די כלי־קודש זיינען, ווי פריער, געבליבן „נייטראַל", כאָטש זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז די היברו־סקולס און די „סאַנדעי" סקולס וועלן ענדלעך אַריבערגעפירט ווערן פון דער שול צום צענטער — אָפּ־שוואַכנדיג דערמיט זייער פּרעסטיזש אין שטאָט.

פאָל ריווער — אַמאָל און היינט

רעדינג, פענסילווייניע

אַ ביישפּיל פון אַ שטאָט, וואו די אידישע כלל־טוער האָבן באַגעגנט גרויסע שוועריקייטן אין גרינדן זייער אימפּאָזאַנטן צענטער, וועלן מיר נעמען רעדינג, פענסילווייניע, זעכציג מייל פון פילאַדעלפיע, מיט אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון אומגעפער 120 טויזנט נפשות.

די פירער פון דעם דאָזיגן אידישן ישוב, וואָס האָבן דאַן געציילט אַ 600 פאַמיליעס, האָבן זיך אַרומגעזען אַז די יוגנט האָט ניט וואו אַהינצוטאָן זיך דורך די לאַנגע ווינטערדיגע אָוונטן, די זונטאָגס און די קריסטלעכע יום־טובים, און צוליב דעם ווערן אַ סך פון די בחורים געטריבן אין די „פּול רומס" (ביליאַרדן), געמבלינג הייזער, אין די ביליגע טאַנץ־זאַלן, און אַנדערע פּלעצער וואו זיי דאַרפן ניט גיין. האָבן זיי, די שטאָט־פירער, באַשלאָסן אויפצובויען אַזאַ אינסטיטוציע וואָס וועט זיין צוגיינגלעך צו די קינדער פון די פּאָלקסמענטשן — פריי אָדער פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל („דיוס") — וואו זיי וועלן קאָנען אָפּהאַלטן זייערע קלוב מיטינגען און געניסן פון די קולטורעלע פאַרוויילונגען — אַ קאָמיוניטי צענטער.

אָבער די צוויי גרויסע גבירים פון שטאָט, די לוריע בראַדערס, וועלכע זיינען געווען פאַררעכנט אַלס מולטי־מיליאָנערן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוצוטראָגן זייער חלק פאַר דעם וויכטיגן צוועק. צוערשט האָבן זיי צוגעזאָגט, אָבער שפּעטער חרטה געקראָגן („אויסגעבעקט" רופט מען דאָס אין אידישן ענגליש). די ענערגישע טוער און איניציאַטאָרן פון דעם פּראָיעקט האָבן אָבער בעשלאָסן ניט אָפּצולאָזן די „קאַרגע גבירים" און האָבן אָרגאַניזירט די עפנטלעכע מיינונג געגן זיי; און דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך אַן אָפענעם בריוו, וואָס אין דערשינען אויף דער ערשטער זייט פון דער דעמאָלטיגער וואָכנטלעכע צייטונג, „רעדינגער אידישע שטימע", רעדאַקטירט פון דעם פאַרשטאָרבענעם אידיש־ענגלישן שרייבער, יעקב (דזשייקאָב) קאַראַלסקי. אינ׳ם בריוו האָט מען די דזשאָנק־מאַגנאַטן צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייערע ניט־דערפילטע צוזאָגן, אויפמערקזאַם מאַכנדיג זיי, אַז דאָס וועט אָפּהאַלטן אויף פיל יאָרן דאָס פאַרענדיגן די גרויסע געביידע פון צענטער. דער דאָזיגער דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג האָט געווירקט, און די צוויי מיליאָנערסקע ברידער (איינער פון זיי, מאַקס, אַ געוועזענער מלמד און רעגס־פּעדלער), האָבן געמוזט צוטראָגן גרויסע סומען צום בנין. און היינט צו טאָג האָבן די רעדינגער אידן אין מיטן שטאָט איינעם פון די שענסטע און פּרעכטיגסטע קאָמיוניטי צענטערס אין אַמעריקע.

צי די פאָל־ריווער אידישע פירער האָבן געפּלאַנעוועט אַ קאָמיוניטי צענ־

טער און צי זיי האָבן געהאַט די זעלבע שוועריקייטן צו שאַפן די פאָנדן פאַר אזא אינסטיטוציע, ווייס איך ניט; ווייל איך האָב, ווי געזאָגט, ניט געפרעגט.

צוויי „אָלד טיימערס":
מר. מינעס און יאַנקל קראַוואַיעוו

דעם צווייטן טאָג, באַלד אינדערפרי, בין איך צוגעגאַנגען צו דער שוין איינמאָל דערמאָנטער פוירל סטריט, ניט ווייט פון האָטעל, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל מיט דער סאָוט מעין סטריט, צווישן ספּרינג און פּאַקאַסעט גאַסן. איך בין נייגעריג געווען אַ קוק צו טאָן אויף דער הויז, נומער 19, וואו איך בין געווען אַ באָרדער בא די אייבראַמס פאַמיליע מיט קרוב אַ האַלבן יאָר־הונדערט צוריק. איך האָב גערעכנט אריינצוגיין צו די איצטיגע איינוואוינער פון צווייטן שטאָק און בעטן דערלויבניש צו זען די גרויסע ברייטע ליכטיגע קיך און עס־צימער און דעם שמאָלן צימער וואו איך האָב אַמאָל געשלאָפן און גע'חלומ'ט, ווען איך בין געווען אַ יונגער בחור. אָבער איך בין געווען ביטער־אַנטוישט; די הויז איז שוין פון לאַנג אַרונטערגענומען געוואָרן. ניטאָ קיין זכר, קיין סימן, אַז אויף דעם ליידיגן פּלאַץ איז געשטאַנען די שיינע דריי־שטאָקיגע ווייסע הילצערנע הויז, וועלכע האָט מיט יאָרן צוריק באַלאַנגט צו מר. דזשייקאַבסאָן, אַ מיטל־יאָריגער פרומער איד, אַ דאָרפ'ס פּעדלער, מיט אַ פערד און וואָגן, וועלכער, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט געליטן אַ שרעקלעכע טראַגעדיע — אין דער אינפלוענציע־עפּידעמיע, וואָס האָט געבור־שעוועט אין אַמעריקע אין אָנהויב פון 1920, ווען די סאָלדאַטן האָבן זיך צוריק־געקערט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער פאַרלאָרן זיינע דריי שיינע געראָטענע יונגע טעכטער. עס האָט מיך ווי געטאָן צו הערן די טרויעריגע נייעס, ווייל איך האָב די מיידלאַך גוט געקענט, איך פלעג זיי זען יעדן טאָג ווען איך האָב דאָרט געוואוינט.

מר. דזשייקאָבסאָן און זיין פרוי האָבן די טראַגעדיע ניט איבערגעלעבט.

אַ צען טריט ווייטער פון דעם ליידיגן פּלאַץ, שטייט נאָך די איינגעפאַלענע חורבה פון דער קליינער הילצערנער קאַטאָלישער קירך. קוקנדיג אויף דער „געביידע", האָב איך זיך דערמאָנט ווי דער איירישער גלח פלעגט שטיין אויף די טרעפ יעדן זונטאָג פאַרנאַכט, אָנגעטאָן אין דער לאַנגער שוואַרצע קאַפּאָטע, מיט דער פיר־שפּיציגער יאַרמולקע און גערופן פאַרבייגייער אריינצוגיין אין זיין טשווירטש. ער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז מ'קומט ניט אין זיין קירך. „די חברה" האָט ער געזאָגט, „גייען אומעטום, אָבער ניט אַהער." כ'האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך „סימפּאַטיזיר" מיט אים, אָבער העלפן קאָן איך אים ניט. . . .

פּאָל ריווער — אַמאָל און היינט

א סך הייזער פון דער שמאָלער פּוירל סטריט זיינען שוין ניטאָ און די ליידיגע פּלעצער אַנגעוואָרפן מיט ברוך־וואַרג. עס שטייט נאָך אָבער די רויטע געמויערטע „רוסישע" שול מיט גוט־אויפגעפּאסטע גרינע לאָנקעס פון אלע זייטן.

מר. מינעס — דער „ניינציגער"

א פּאַרבייגייענדיגער מיטל־יאָריקער היימישער איד האָט מיר אינפאָר־מירט אז מר. מינעס, וועלכער האָט אמאָל געוואוינט אויפ׳ן דריטן פלאָר פון דער דזשייקאָבסאָנ׳ס הויז, לעבט נאָך; אז ער דאַרף שוין זיין א ניינציגער, און אז ער שטייט נאָך אין דער זעלבער קליינע שוך־סטאָר אויף פּלעזענט סטריט, וועלכע ער האָט געעפנט מיט איבער זעכציג יאָר צוריק.

ניט פאַרלירנדיג קיין איין מינוט האָב איך זיך אוועקגעלאָזט צו זען דעם אַלטן מר. מינעס און זיין שוך־סטאָרקע אין אן איינשטאָקיגע הילצערנע טונקעלע געביידע. כ׳האָב געוואָלט טאָקע אים אַליין זען און דורך אים אפשר אָפּנעמען גרוסן פון אונזערע שכנים און באַקאַנטע. אריינקומענדיג אין דער באַשיידענער קרעמל — די זעלבע וואָס איך האָב א סך מאָל געזען אין מיינע צייטן — האָט מיר א יונגער אַנגעשטעלטער אַנגעוויזן אויף א הויכן, פעסט־געבויטען, גלאַט־ראַזירטן מאַן, אַנגעטאָן אין א טייערן בלויען אַנצוג און אין א פיינעם טייערן הוט. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק מער פון א באַנקיר אָדער א רייכער ריעל עסטייט מאַן איידער א קליינער שיך־הענדלער און גע־וועזענער שוסטער פון דער היים.

— יעס — האָט ער מיר אויסגעשטעקט א געזונטע האַנט — איך בין מר. מינעס. איך האָב טאָקע געוואוינט אויפ׳ן דריטן פלאָר אין דזשייקאָב־סאָנ׳ס הויז. ער האָט מיך ניט דערקענט און מיין נאָמען האָט ער מסתמא קיינמאָל ניט געוואוסט, אָדער געוואוסט און פאַרגעסן. ער געדיינקט אָבער, אז בא די איבעראַמסעס אויפ׳ן צווייטן פלאָר איז איינגעשטאַנען א „באָרדער", וועלכער איז געווען א לערער און א לאַיף אינשורענס אַגענט.

מיין אַמאָליגער שכן האָט זיך פאַרטראַכט און שטיל אַרויסגערעדט:
„שוין א היבש ביסל יאָרן אַוועק זינט דאַן. א סך וואַסערן פאַרלאָפן פון יענע יאָרן. איך בין שוין 89 יאָר אַלט; יאָ, גאַנצע ניין־און־אכציג יאָר — אָט ווי איר קוקט מיך אָן!"

מר. מינעס׳עס אויסזאָגן זיינע יאָרן האָט מיך באמת איבעראַשט, וואָרום עס איז גוט באַוואוסט, אז אידישע עלטערע מענטשן וועלן אונטער קיינע אומ־שטענדן ניט זאָגן ווי אַלט זיי זיינען, (אוים מורא, זאָגט מען, פאַר עין הרע . . .).

ל. הינדעס

א מאָדנע דערפאַרונג מיט עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן מיר ניט געוואָלט זאָגן זייערע יאָרן, האָב איך געהאַט מיט יאָרן צוריק אויף א באַזוך אינ'ם באָסטאָנער מושב זקנים. דער סופּעראינטענדענט פון דער היים, מר. קאָרעץ, ע"ה, האָט מיר אָנגעוויזן אויף א געפּאַקטע זקנה, פון מיטל־וואוקס, מיט גרויסע לעבעדיגע בלויע אויגן אין איר קיילעכדיגן פּנים; אירע גערדיכטע האָר אינגאַנצן ווייס. זי איז געווען אריבער ניינציג, זאָגט מיר מר. קאָרעץ. אויף טשיקאַוועס בין איך צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט ווי אַלט זי איז.

— מיסטער — ענטפערט זי, מאַכנדיג א ברוגז'ע מינע — זייט אזוי גוט און ציילט בעסער אייער געלט איידער מיינע יאָרן. —

— כ'האָב ניט וואָס צו ציילן — זאָג איך איר (און איך האָב טאַקע דאַן ניט געהאַט, צווישן אונז זאָל דאָס בלייבן).

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זי אויסגעשאָסן — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

נאכדעם ווי זי האָט זיך גוט אויסגעלאַכט האָט די „ניינציגעריין" איינגעשטימט צו זאָגן ווי אַלט זי איז.

— אַלט גענוג צו שטאַרבן! — און ווידער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט פון איר אייגענע חכמה, און די אַלע וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו דעם „אינטערוויאו" האָבן הארציג מיטגעלאַכט. . . .

דער מאה'דיגער

א איד, פון מיטלוואוקס, מיט א לאַנגע שוואַרץ־גרויע באָרד, אַן ברילן, וועלכער, ווי מר. קאָרעץ האָט מיך אינפאָרמירט, איז געווען א „מאה'דיגער" (דאָס הייסט אריבער הונדערט), איז צוגעקומען צו מיר. ער האָט געמיינט, אז איך בין א דאָקטאָר (איך האָב געטראָגן א פּאָרטפעל אונטערן אָרעם). האָבנדיג אויסגעהערט זיינע „פּראָבלעמען", ווי די דאָקטורים רופן דאָס — ווייטאָגן אין די אָרעמס, אין רוקן, אין די קני, און וואו ניט — האָב איך פּרובירט אויסגעפינען זיין עלטער.

— זיידע — פרעג איך אים — ווי אַלט זייט איר ביז 120? —

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן? —

— גלאַט אזוי זיך. —

— גלאַט אזוי זיך? —

— יעס, גלאַט אזוי זיך. —

— נו, איך וויל אייך זאָגן: מיינע אייניקלאך האָבן שוין אייניקלאך. נו, גענוג פאַר אייך? —

און איך ענטפער אים: „טאַקע גענוג, אָבער מיך אַרט ניט אז איר ווערט

דערציען ביז די געוואונטשענע מאה ועשרים."

— א דאנק! —

ווי איר זעט, האָט דער זקן און די זקנה געגעבן שפּאַסיגע און אינטערע־סאַנטע ענטפערס, אָבער קיינע ציפערן; און אַלץ אויס מורא פאַר עין הרע. . . .

מר. מינעס, דער יונג־אויסזעענדיגער נײַנציגער, האָט נישט קיין מורא פאַר א „בייז אויג". „וואס מער מ'גיט מיר עין הרע", זאָגט ער אין שפּאַס, „אַלץ לענגער לעב איך."

נחת פון קינדער

אין משך פון אונזער געשפּרעך האָט דער נײַנציגער מיר אָפּגעגעבן גאָר ניט קיין פרייליכן גרוס פון מר. און מרס. אייבראמס. דורך משפּחה וואס די לעצטע האָבן איבערגעלאָזן אין שטאָט, האָט ער זיך דערוואוסט, אז זיי זײַנען שוין ביידע לאַנג טויט, געשטאָרבן אין שיקאַגאָ; נאָך ניט קיין גאַנץ אַלטע מענטשן געווען; און אַז זייער צווילינג־טעכטערלאך, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט און מיט וועלכע איך האָב זיך געשפּילט ווען איך האָב באַ זיי גע־וואוינט כמעט א גאַנצן יאָר — האָבן לײַדער גאָר ניט דערגרייכט אין לעבן און זיי זײַנען פאַרזעסן געוואָרן. . . .

דערפאַר האָט מר. מינעס, וועלכער איז באַקאַנט אין שטאָט אַלס „מר. מאַינס" (צוליב דער אויסלעגונג פון זײַן נאָמען אין ענגליש, קומט אויס באַ די אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן קיין מאָל ניט געלערנט קיין פרעמדע שפּראַכן — „מאַינס" — וואס מיינט אין אידיש קוילן־גרובן, אָדער מעטאַל־גרובן) מיר דער־ציילט פון דעם נחת וואס ער האָט פון זײַנע פינף קינדער — ניט שלום־עליכמ'ס „נחת פון קינדער" — נאָר טאַקע אמת'ן נחת — און גרויס נחת דערצו, (גאָר ניט ענלעך צו שלום־עליכמ'ס דערציילונג). איבערהויפּט, זאָגט ער, האָט ער פיל נחת פון אידא'ן, די מיטלסטע פון זײַנע דריי טעכטער. אידא, ווען איך האָב איר געקענט, איז געווען א זעכצן־יאָריגע האַי־סקול מיידל, דעם דריטן יאָר; שיין געוואַקסן, בלאָנדע האָר, מיט קיילעכדיגע בלויע אויגן אין איר פולן פּנים. זי פלעגט אָפט אַרונטערקומען מיר אַרויסהעלפן אין קאָרעגירן די „ספּעלינג לעסאָנס" (אויסלייגונג לעקציעס) פון מײַנע פּריוואַטע שילערס; און זי האָט מיך איינמאָל אויפמערקזאם געמאַכט ווען איך האָב אין ריידן באַנוצט אַן „אַדווערב" ניט גראַמאַטיש. פאַר דער דאָזיגער אויסבעסערונג בין איך איר שטענדיג געווען זייער דאַנקבאַר.

ל. הינדעס

— מיין אידא — האָט דער אַלטער אָנגעקוואָלן ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן מיין פריוווּיליגע לערערין — איז שוין לאַנג פאַרהייראַט. ווען זי איז געווען דעם לעצטן יאָר אין קאַלעדזש, האָט זי זיך דאָרט באַקענט מיט אַ סטודענט און האָט חתונה געהאַט מיט אים, נאָך פאַר גראַדיואַיישאַן. איך האָב פאַר דעם פאָרל געעפנט אַ שוך־סטאָר אין פּראָווידענס און ס׳איז זיי אַוועק גוט. —

מר. מינעס האָט זיך פאַרטראַכט, פּרובירנדיג זיך דערמאָנען פון אַמאָליגע יאָרן אָדער פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

— איר ווייסט — מאַכט צו מיר דער זקן מיט אַ ברייטן שמייכל — מיין אידא איז איצט אומבאַשריען אַ מאַמע פון עלף קינדער און אַ באַבע פון עלף אייניקלאַך און זי געפינט נאָך צייט גענוג צו העלפן דעם מאַן אין די ביזנעס. ניט קיין שלעכטער פּראָצענט, האַ? —

בין איך מיט אים מסכים און ווינטש אים צו דערלעבן אייניקלאַך פון זיינע אייניקלאַך, ווי דער „מאַה׳דיגער„ אין באָסטאָנער מושב זקנים.

שמחות אַלע טאָג

קוקנדיג אויף זיין נייעם אויסגעפּרעסטן אָנצוג מיט׳ן שניי־ווייסן קאָלנער און געצאַצקעוועטן לאַנגן שניפּס, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, צי ער איז נאָר וואָס פון ערגעץ געקומען אָדער ער דאַרף באַלד גיין צו אַ שמחה.

— שמחות — שמייכלט ווידער דער נייַנציגער — שמחות זיינען באַ מיר דאָ אַלע טאָג — דערקלערנדיג, אַז פון אַלע זיינע פינף קינדער האָט ער אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך, און אַלע טאָג זיינען באַ זיי דאָ „פּאַרטיס״ — אַ חתונה, אַן „ענגיידזשמענט״ פּאַרטי (תנאים׳ס), אַ ברית, אַ מזל־טוב, אַ „בוירט־דעי״ (געבורטסטאָג) פּאַרטי, אַ בר מצווה פּאַרטי, אַ גראַדיואַיישאַן פּאַרטי — „פּאַרטיס און פּאַרטיס״, ניט פאַרזינדיגן, אָן אַ שיעור, און אומעטום שלעפּט מען דעם „גרענד פּאַ״; מיין אַלטיטשקע קען שוין ליידער ניט ארומגיין, דעריבער מוז איך שטענדיג זיין יום־טוב׳דיג אָנגעטאָן.״ . . .

געדיינקט דעם טעקסטיל סטרייק פון 1904-05

דער אַלטער מר. מינעס, וועלכער, ווי באַוואוסט, שטייט שוין אין דער־זעלביגער סטאַרקע איבער זעכציג יאָר, געדיינקט גוט דעם גענעראַל סטרייק פון די 23 טויזנט טעקסטיל אַרבעטער, וועלכער האָט אויסגעבראָכן ענדע 1904 און אָנגעהאַלטן גאַנצע 26 וואָכן. דורך דער גלעזערנער טיר און די פענצטער פון זיין

סטאָר, דערציילט ער, האָט ער געזען די „פּיקעט לאַינס", גרויסע גרופּעס אַר־בעטער לויפנדיג פון איין מיל צום צווייטן; ער האָט געזען ווי די פּאַרמערס און קליינע ביזנעסלייט האָבן געפירט שפּייז פּראָדוקטן צו דער „סופּ־קיטשן". אַלע האָבן געשטיצט די סטרייקערס מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט; און די גאַנצע שטאָט, זאָגט ער, איז געווען אויפגעבראַכט אויף די מיל מאַגנאַטן פאַר וואָס זיי האָבן אַ טאָג פאַר קריסטמעס דערלאַנגט זייערע אַרבעטער אַ „קריסטמעס פּרעזענט" — אַ שניט פון 10 פּראָצענט אין זייערע מאָגערע שכירות. די גאַנצע שטאָט איז געווען פול מיט צאָרן אויף זיי.

יאַנקל קראַוואַיעוו

דער צווייטער „אָלד טאַימער" און אַמאָליגער נאָענטער באַקאַנטער מיינער וועלכן איך בין געגאַנגען באַזוכן, איז געווען יאַנקל קראַוואַיעוו, וועלכער איז שוין קרוב אַכציג, כאָטש ער זעט אויס אַ סך אינגער פאַר זיינע יאָרן און האָט זיך קיין סך ניט געענדערט פאַר די דריי־צענדליג יאָרן וואָס איך האָב אים ניט געזען און אויך, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אין די לעצטע צוואַנציג יאָר האָט ער דורכגעלעבט צוויי פּערזענלעכע טראַגעדיעס — פאַרלאָרן זיין ליבע פרוי און אַ געראָטענעם זוהן, אַן אינזשעניר, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז דערזעלביגער יאַנקל קראַוואַיעוו, דער הויך־געוואַקסענער שלאַנקער בחור מיט בלויע אויגן אין זיין לענגלעכן פּנים, מיט אַביסל שיטערע גרויע האָר.

יאַנקל קראַוואַיעוו, אָדער דזשייק (דזשייקאָב) קראַוויוו, ווי ער איז היינט באַקאַנט אין שטאָט, איז שוין געווען אַ תושב אין פּאָל־ריווער נאָך איידער איך בין דאָרט אָנגעקומען אָנפאַנג פון 1909. כאָטש אַ היימישער ראַדיקאַל, איז ער אָבער ניט געווען קיין מיטגליד פון אַרבעטער רינג, און דע־ריבער האָט ער זיך ניט באַטייליגט אין די קולטורעלע אַקטיוויטעטן פון דאָרטיגן בּרענטש. אידעאָלאָגיש איז ער געווען אַ פּועלי־ציוניסט אָדער אַן „עס־עסאָוועץ". אַלענפאַלס, ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסטישער סאָציאַליסט. מ'האָט אים אויך קיין מאָל ניט געזען באַ די לעקציעס, די קאָנצערטן, אָדער אַנדערע קולטורעלע פאַרוויילונגען פון אַרבעטער רינג. די סיבה דערפון איז געווען דאָס וואָס ער איז שוין דאַן געווען אַ מאַנופעקטשורער (אַ קאָנטראַקטאָר, בעסער געזאָגט), און אַלס אַן אַרבעטס־געבער האָט ער זיך ניט געפילט באַ־קוועם אויף פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער און האָרעפּאַשנע פּעדלערס. . . .

יאַנקל איז אָבער געווען טאָלעראַנט צו אַלע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און אַן אמת'ער גוטער ברודער צו מיטגלידער פון די דאָזיגע קערפּערשאַפטן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט צו געבן אַ דאָלאַר פאַר ראַדיקאַלע צוועקן —

פאר סטרייקערס, פאר פאליטישע ארעסטירטע פירער, א.א.וו. י.ק. איז אויך געווען, וואס מען רופט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך, א „מעצענאַט"; מיט דער פולער האנט האט ער געשטיצט אידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס, צייט־שריפטן, ביכער־פארלאגן. ער איז געווען און איז ביז היינט צו טאג אן ערשט־קלאסיגער קונד בא ביכער־פארקויפער און בא די קלייבער פון אבאנימענטן פון וואכנטלעכע און מאנאטלעכע שריפטן. ער פארמאגט א גרויסע ביבליאטעק פון קלאסישע און מאדערנע אידישע שרייבער. אויף זיין שרייב־טיש ליגן אנגעווארפן זשורנאלן אין אידיש און ענגליש „פון דער גאנצער וועלט".

א מכנים אורח פון געבראכענע אידישע ליטעראַטן

דער אלטער יאנקל קראוואיעוו, דער עלטסטער פון זיינע ברידער, דזשאו און בעני, איז זייער פריינטלעך צו אידישע פּאעטן, סקיצן־שרייבער און דער־ציילער, וועלכע, צוליב פארשיידענע סיבות, קענען ניט קריגן קיין פארלעגער פאר זייערע ווערק, און מוזן דרוקן זייערע ביכער אויף אייגענעם רעכנונג און לאזן זיך ארוים איבער דער מדינה זוכן קונים פאר זייערע ליטעראַרישע סחורות. ווען איינער פון די דאזיגע רייזנדיגע שרייבער קומט קיין פאל־ריווער, נעמט ער אים אריין צו זיך אין הויז פאר נאכטלעגער און מאלצייטן, און גאנץ אפט שטייט אזא גאסט בא אים מער ווי איין טאג. און, פארשטייט זיך, ער לאזט אים ניט ארוים מיט ליידיגן, ער גיט אים עפעס צולייזן פאר א פאר ביכער. ווען ער האט דערזען אז זיין אורח נויטיגט זיך אין א נייעם מלבוש, איז ער ער ארוים איבערן שטאט, געשאפן די געלט און אים געקויפט א נייעם אנצוג.

— מיר איז באקאנט די ביטערע מערכה (מאראכע) פון די דאזיגע אידישע ליטעראַטן — זאגט ער מיר מיט באדויערן — קיין שטענדיגע שטעלעס אין די רעדאקציעס מיט וואכנטלעכע שכירות האבן זיי ניט, און קיין מאל ניט גע־האט, און שווער ארבעטן אין די שעפער קענען זיי אויך ניט; און אזוי מוזן זיי נעבעך ארומוואנדערן פון שטאט צו שטאט און באמיען זיך אפצוזעצן זייערע ליטעראַרישע ווערק. און ניט זעלטן טוען זיי אין א געוויסע שטאט „אזוי פיל ביזנעס", אז זיי האבן ניט מיט וואס א טאג איבערצולעבן. א ביטערער רחמנות אויף זיי.... —

נייע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין פ. ר.

פאר די איבער פיר־צענדליג יאר וואס איך בין ניט געווען אין פאל ריווער, דערציילט ער מיר, האט ער געגרינדעט א ברענטש פון „פארבאנד" (אידיש־נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד) און אויך א שלום עליכם קינדער שול. די לעצטע איז שוין מער ניטא; דער ברענטש עקזיסטירט נאך. ער האט אויך

דערמאָנט דעם גרויסן ברענטש פון דעם פראַטערנאַלן אידישן פאָלקס אָרדן, פון וועלכן דער פאַשיסטישער יוסטיץ־מיניסטער (אַטוירני־דזשענעראַל) בראַונעל, האָט אַ תל געמאַכט. (מיר ווייסן אָבער, אַז ער האָט ניט געמאַכט קיין תל פון די מיטגלידער. זיי זיינען גאַנץ לעבעדיג און זייער אַקטיוו אין אין קאַמף פאַר פרידן און די ציווילע רעכטן, און די פרויען עמאַ לאַזאַרוס קלוב טוט אויך גוטע אַרבעט).

מיין דעבאַטע מיט יאַנקלען איבער טרייד־יוניאָנס אין 1912

נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרענדיגט אונזער שמועס וועגן די אַמאָליגע געזעלשאַפטלעכע טוער אין שטאָט — די טויטע און לעבן־געבליבענע — און שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָב איך זיך דערמאָנט פון דער דעבאַטע, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים מיט יאָרן צוריק איבער טרייד יוניאָניזם. ער, אַ געוועזענער קאַטער בא קלאָוקס אָדער דרעסעס אין ניו־יאָרק, איז געווען אַ יוניאָן־מאַן, און קלאָר אין טרייד־יוניאָן פראַגן און פּראָבלעמען, און געהאַלטן „שטאָל און אייזן" פאַר דער אַמעריקאַן־פעדעריישאַן אָוו לייבאָר. איך, ווידער (ווי שוין באַוואוסט פון פריערדיגע קאַפּיטלען) ניט קיין לוין־אַרבעטער און ניט קיין יוניאָן מאַן, בין געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער נייער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דאַן געווען באַקאַנט אַלס די „אינדוסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד" (אַי־דאַבליו־דאַבליו, פאַרקירצט). מיין אָפּאָנענט האָט גע־האַלטן, אַז מען דאַרף ניט קיין נייע יוניאָנס אין אַמעריקע — „זיין" יוניאָן, אָנגעשלאָסן אָן דער אַמעריקן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, איז גוט גענוג — ס'טאָר ניט זיין קיין קאָנקורענץ צווישן אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

מיין טענה אָבער איז געווען, אַז "אַ.פ.אָ.ל." איז גאָר קיין יניאָן ניט, ווייל זי דערלויבט אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן צו שליסן קאָנטראַקטן מיט די באַלעבאַטים — קאָנטראַקטן וואָס ענדיגן זיך אין פאַרשיידענע דאַטומס, און עס קומט אויס, אַז ווען קאַטערס, למשל, פון אַ קליידער־פאַבריק גייען אַרויס אין סטרייק, בלייבן די אָפּערייטאָרס און די פרעסערס אַרבעטן, ווייל זייערע קאָנטראַקטן גייען אויס שפּעטער. דעם באַלעבאָס איז ניט שווער צו קריגן עטלעכע סקעבישע קאַטערס צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די סטרייקערס, און עס באַקומט זיך אַ טרויעריגע בילד: יוניאָניזירטע אָפּערייטאָרס, פרעסערס און אַנדערע אַרבעטער, אַרבעטן זייט בא זייט מיט סקעבס!

דאַגעגן, דערקלער איך אים, אין דער נייער יוניאָן ווייסט מען ניט פון באַזונדערע אַגרימענטס מיט די באַלעבאַטים. אַלע אַרבעטער אין דעם באַ־טרעפנדיגן שאַפּ — פון קוואַליפיצירטע און ניט־קוואַליפיצירטע, פון דעם העכסט

באַצאָלט ביז דעם נידריגסטן באַצאָלט — זיינען אָנגעשלאָסן אין דערזועלביגער יוניאָן און שליסן איין קאָנטראַקט מיט די באָסעס. ווען ארבעטער פון א גע־וויסן פאַך — אפילו די „פלאָר סוויפּערס" (וואָס קערן אויס די פלאָרס פון דער פאַבריק) — גייען ארויס אין סטרייק, גייען אַלע אנדערע ארבעטער ארויס מיט זיי — און „אַלע רעדער בלייבן שטיל".

קראַוואַיעוו האָט צוגעגעבן, אַז דאָס שליסן באַזונדערע קאָנטראַקטן מיט פאַרשיידענע דאַטומס איז טאַקע א גרויסער ערנסטער חסרון, אָבער דער דאָ־זיגער דעפעקט וועט מיט דער צייט ביסלעכווייז אויסגעבעסערט ווערן, און אַז איצט זיינען שוין די ארבעטער אין דער קויהלן־אינדוסטריע („מאַינינג"), ביר־ברויערס און די „קארמען" (טראַמוואַי ארבעטער), אָרגאַניזירט אויפ'ן אינ־דוסטריעלן באַזיס, און אינגיכן וועלן די ארבעטער פון אַלע אַנדערע אינדוס־טריעס נאָכפאָלגן זייער ביישפּיל.

אויף ווי ווייט יאַנקל'ס נבואה איז מקוים געוואָרן וועלן מיר שפּעטער זען.

סאָציאַליסטישע יוניאָנס און קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס

אין משך פון דער דעבאַטע, האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט די צו־הערער, אַז אַלס סאָציאַליסטן, וועלכע גלויבן אין אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, דאַרפן מיר, סאָציאַליסטן, שטיצן די „אַי דאַבליו דאַבליוניקעס", ווארום זייער פּראָגראַם אַנטהאַלט סאָציאַליסטישע פּונקטן; און זייערע רעדנער באַטאָנען זייער שטאַרק, אַז די פאַרבעסערונגען וואָס די ארבעטער קריגן דורך סטרייקן פאַר גרעסערע וויידזשעס און קירצערע ארבעטס־שטונדן, זיינען בלויז צייט־ווייליגע; איידער זיי זעען זיך ארום, ווערן די געווינסן אָפּגעווישט דורך די שטייגנדיגע קאָסטן פון די לעבנס־מיטלען, און זיי דאַרפן ווידער קעמפן; אַז דער ענדציל פון די ארבעטער דאַרף זיין דאָס אינגאַנצן אָפּצושאַפן די קאַ־פּיטאַליסטישע אָרדנונג און איינפירן סאָציאַליזם. און דאַן — און נאָר דאַן — וועט דער ארבעטער קריגן די פולע פּרוכט פון זיין פּראַצע.

ניט אַזוי, האָב איך געזאָגט די פאַרזאַמלטע, איז דער פאַל מיט דער אַמעריקן פעדעריישן אָוו לייבאָר. אירע באַאַמטע קריגן גרויסע געהאַלטן און פאַרמאָגן קאַפּיטאַליסטישע נשמות און בורזשואַזנע הערצער (אָדער פאַרקערט); זיי גלויבן באמונה שלמה אין קאַפּיטאַליזם — אין דער עקספּלואַטאַציע פון מענטשן דורך מענטשן. זיי דערלויבן ניט קריטיקירן די קאַפּיטאַליסטישע אָרד־נונג. זיי זיינען מער פאַראינטערעסירט אין די פּראָפיטן פון באָסעס איידער אין דעם וואוילזיין פון די ארבעטער; אַז די מערסטע פון די דאָזיגע אַזוי־גערופענע „לעיבאָר לידערס" זיינען א היפּש ביסל קאָרופּט. זיי ווילן ניט הערן

און ווילן ניט וויסן פון סאָציאַליזם. דערמאָנען זיי דעם וואָרט „סאָציאַליזם", איז ווי צו ווייזן אַ צעווילדעוועטן אָקס אַ רויטע טוך . . . און מיט רעכט האָט זיי דער פאַרשטאַרבענער דעניעל דעליאָן באַצייכנט אַלס „לעיבאָר פייקערס", און „לעיבאָר־ליוטענאַנטן פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס".

מיין געגנער איז אָבער געווען מיט דער מיינונג, אַז די אויפגאַבע פון מאַכן די אַרבעטער קלאַסנבאַוואוסט און קעמפעריש געהערט צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַנאַרכיסטישע גרופּן און אַנדערע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס, און ניט די טרייד־יוניאָניסטן.

יאַנקל געדיינקט אָבער לחלוטין ניט אונזער דעבאַטע וואָס איז פאָרגעקומען אומגעפער מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק; און איך אַליין געדיינק אויך ניט אַלע איינצלהייטן פון דעם אָוונט. איך וויים ניט אפילו ווער עס האָט די דעבאַטע איינגעאָרדנט; צי דאָס האָט מאַקס קאַפּלאַן אַראַנזשירט אויף זיין אייגענעם רעכנונג — אָן דער צושטימונג פון דער „עדיוקיישאַן קאָמיטע" פון אַרבעטער רינג — אָדער אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם פאַרטיידיגער פון דעם „אַלטן אָפּגעלעבטן טרייד יוניאָניזם", ווי פּראָגרעסיווע מענטשן האָבן דאַן אָנגערופן די „א. פ. אָוו ל." אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. איך געדיינק בלויז, אַז איך בין געקומען ספּעציעל פון ניו־בעדפּאָרד אין אַ ווינטערדיגן זונטאָג אָוונט פון דעם יאָר 1911 אָדער 1912; אַז די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ ברייטן פיר־עקיגן פּריש־אויסגעקאַלכטן ווייסן העל־באַלויכטענעם זאַל, איבער אַ סטאָר אויף דער סאַוט מעין סטריט; אַז צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען אַן עולם פון צוואַנציג אָדער דרייסיג יונגע מענער און פרויען, צווישן זיי אַ באַקאַנטער לאָיער, אַ געוועזענער רוסישער לערער, אַ גראַדויִרטער פון ווילנער אוטשיטעלסקי אינסטיטוט. ער האָט גענומען דאָס וואָרט (אין אידיש), איך געדיינק אָבער לײדער ניט וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס ער האָט גע־פּרעגט. איין יונגער בחור האָט זיך געוואונדערט: ווי קומט עס וואָס אַ מאַנופעקטשורער און אַ „ביזנעסמאַן" (איך בין דאַן געווען אַ פּעדלער) דיסקוטירט אַרבעטער־פּראָבלעמען. . . .

יאַנקל'ס נבואה — ניט מקוים געוואָרן
מיינע האָפנונגען — ניט פאַרווירקלעכט

דזשייק'ס נבואה, אַז די אַלטע „א. פ. ל." וועט זיך מיט דער צייט רע־פאָרמירן און איינפירן דעם אינדוסטריעלן סיסטעם אין אירע אָרגאַניזאַציעס און האַלטן די אַרבעטער פאַראייניגט אין איין גרויסע מעכטיגע יוניאָן אַנשטאַט צו האַלטן זיי צעטיילט — איז ניט מקוים געוואָרן. ניט נאָר זיינען די אַזוי

גערופענע „פירערס" (אָדער בעסער געזאָגט, פאַרפירער) פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער ניט „בעסער" געוואָרן, נאָר, פאַרקערט, זיי האָבן גענומען צוצעברעכן די געציילטע יוניאָנס וועלכע זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט אינדוסטריעל. די ערשטע האָבן זיי אויסגעשלאָסן די ברויערי אַרבעטער פון דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע; אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן זיי אָפּגעבראָכן די שטאָל־אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין דעם שטעטל סטילטאָן, פּענסילווייניע (אַ פאָרשטאָט פון העריסבורג), וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין איין יוניאָן; און אין דעם יאָר 1934 אָדער 1935 האָבן דיזעלבע רעאַקציאָנערע הויכע באַאַמטע פון דער „פעדערייששאַן" געמאַכט אַ פאַרזוך אָפּצוברעכן די אינדוסטריעלע מאַינערס יוניאָן. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די פאַרשיידענע אַרבעטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין די מאַינס, ווי די קאַרפּענטערס, עלעקטרישענס, מאַשיניסטן, הייצער, פייערלעשער, טראָק־דרייווערס (וואָס פירן פאַנאַנדער די קויהלן צו די שטאָטישע געברויכער) און אַנדערע, זאָלן אַרויס פון דער מאַינערס יוניאָן און זיך אָנשליסן אָן די לאָקאַלע יוניאָנס פון זייער פאַך אין די באַטרעפנדיגע שטעט. אָבער דאָ האָבן זיך די „מיסלידערס אָוו לייבאָר", ווי וויליאַם ז. פאָסטער רופט די מאַכערס פון דער א. פ. ל., אָנגעשטויסן אָן אַן אייזערנע וואַנט (ניט אַן „אייזערנעם פאָרהאַנג"). דזשאָן ל. לואיס, דער פּרעזידענט פון דער קויהלן גרעבערס יוניאָן, האָט דערזען אין דעם קרימינעלן פאַרזוך מצד זיינע „קאָלעגן" אַן אָפּשוואַכונג פון זיין יוניאָן — און אפשר נאָך ערגער: די פאַרניכטונג פון דער יוניאָן אינגאַנצן; און דערזעלביגער קאָנסערוואַטיווער אַרבעטער פירער, דזשאָן ל. לואיס, האָט געוויזן אַן עפעקטיוון ווידערשטאַנד צו זיינע פריערדיגע מיטאַרבעטער און האָט, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון אַנדערע פּראָגרעסיווע אַרבעטער פירער, אָרגאַניזירט די היינטיגע גוט־באַקאַנטע אַרבעטער יוניאָן, „סי־אַי־אָ" (קאָנגרעס אָוו אינדוסטריעל אָרגאַניזיישאַן, אין ענגליש). די דאָזיגע נייע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, ווי באַוואוסט, האָט זיך באַלד גענומען צו אָרגאַניזירן אַלע אומאָרגאַניזירטע אַרבעטער אויפ'ן אינדוסטריעלן באַזעס, און די גרונט אינדוסטריעס, ווי שטאָל, אויטאָמאָביל, ראָבער (גומי) טעקסטיל, שיף, לאָנג שאָרמען (אָנלאָדער און אויסלאָדער פון שיפן), און אַ צאָל אַנדערע צו וועלכע די לעיבאָר לייטענאַנטן פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס האָבן אפילו ניט געוואָלט זיך צורירן. (דורך דער צייט פון דער קאַמפּאַניע פון דער נייער „סי־אַי־אָ" צו אָרגאַניזירן די אויטאָמאָביל אַרבעטער איז אַרומגעגאַנגען אַן אַנעקדאָט וועגן אַן „אַרבעטער אָרגאַנייזער" פון דער א. פ. ל., וועלכער, וועלנדיג פאַרלויפן דעם וועג פון דעם אויטאָמאָביל אַרבעטער אָרגאַנייזער, איז אַריינגעפאָרן אין אַ שטעטל, אין מישיגען סטייט, צו אָרגאַניזירן די דאָרטיגע אויטאָמאָביל אַרבעטער, אָבער אַנשטאַט צו זען זיך מיט פאָרשטייער פון אַרבעטער,

פאַל ריווער — אַמאָל און היינט

איז ער גאָר אוועק צו די באַסעס פרעגן צי זיי וועלן אים דערלויבן צו אָרגאַניזירן זייערע ארבעטער אין א יוניאָן. . . .)

אַי־דאַבליו־דאַבליו — פאַרעטער

אָבער מיין האַפנונג, אז די „אַי־דאַבליו־דאַבליו" וועט אויסוואַקסן אין איין גרויסע מעכטיגע יוניאָן און וועט פירן דעם אמעריקאַנעם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף געגן קאַפּיטאַליזם און איינפירן א פרייע אַמעריקע אָן עקספּלואַטאַטאָרס און אָן עקספּלואַטירטע — סאָציאַליזם — איז אויך ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. „מיין" א. וו. וו., נאָכדעם ווי זי האָט אין די יאָרן 1912־13 אָנגעפירט מיט די גרויסע טעקסטיל סטרייקס אין לאָרענס, ניובעדפאָרד, מאַסאַטשוזעטס, אין פּאַסייק און פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי; מיט די סטרייקס פון די וואַלד־ארבעטער („לאָמבער דזשעקס") און שיף ארבעטער אין ווייטן וועסט (קאַמפן וואָס האָבן אויפגערודערט די גאַנצע וועלט) — איז זי צוליב פאַרשיידענע סיבות באַדייטנדיג אָפּגעשוואַכט געוואָרן. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אַנטשיידן זיך אָפּגעזאָגט צו אַנערקענען די רוסישע רעוואָלוציע פון נאָוועמבער 1917, און אַלע אירע הויפּט פירער, מיט דער אויסנאַם פון וויליאַם ד העיוואוד און עליזאַבעט גורלי פלין, זיינען אוועק האַק און פּאַק, אונטער דער מאַסקע פון אַנטי־סאָוועטיזם און אַנטי־באָלשעוויזם, צום קאַפּיטאַליסטישן לאַגער; און פון דער אַמאָליגער רעוואָלוציאָנערע אינדוסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד, איז גאָרנישט ניט געוואָרן. ניטאָ אַפילו קיין זכר פון איר.

וויליאַם ד. העיוואוד, ווי די עלטערע לייענער פון דער פּראָגרעסיווע פרעסע ווייסן, איז שוין לאַנג טויט. דער „בלינדער שמשון הגיבור, וועלכער האָט געוואָלט אַרונטערייסן די זיילן פון קאַפּיטאַליסטישן בנין" — ווי די בורזשואַזע צייטונגען האָבן באַצייכנט דעם איין־אויגיגן מוטיגן ארבעטער פירער — איז געשטאָרבן אין די דרייסיגער יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עליזאַבעט גורלי פלין לעבט נאָך און, ניט געקוקט אויף איר עלטער, ניט געקוקט אויף די פאַרפאָלגונגען פון דער רעאַקציע, די פיל יאָרן אין די טורמעס און די פערזענלעכע טראַגעדיע וואָס זי האָט געליטן אין דעם טויט פון איר 29 יאָריגן זוהן, פּרעד, איז זי נאָך אַלץ די זעלביגע אומדערמידלעכע, אומדערשראָקענע קעמפערין פאַר די אינטערעסן פון די ארבעטער און פאָלקס־מאַסן; פאַר פרידן און פאַר א פרייע און בעסערע וועלט — (ל. ה.)

ל. הינדעס

צוריק צו דער טעמע

איך פיל, אז איך בין שוין ווידער אוועק גאנץ ווייט פון דער טעמע — דאכט זיך, דעם דריטן מאָל שוין — און ווידער מוז איך בעטן אנטשולדיגונג בא די לייענער. עס איז שוין אזא שוואכקייט, ווייזט אויס, בא שרייבער און רעדנער אוועקצוגיין פון דער טעמע, האָפנדיג, אז אזא „אָפּנויג" („דעוויאיישאן", רופט מען דאָס אין ענגליש) וועט אָן צווייפל דערגאַנצן דעם געשריבענעם אָדער גערעדטן ענין. ווייס איך ניט, צי מיינע דריי אָפּנייגונגען האָבן דער־גרייכט דעם געוואונטשענעם ציל; און איך בין אויך ניט זיכער, צי די חשוב'ע לייענער וועלן אָננעמען מיינע אנטשולדיגונגען. אַלענפאַלס, עס קען שוין ניט געענדערט ווערן. אזוי איז אָנגעשריבן און אזוי מוז עס פארבלייבן; ווארום, ווי זאָגט דאָרט דער רוסישער גלייכווערטל: „טשטאָ נאפּיסאַל פּיעראָם ניע פּאַ־רוביש טאָפּאָראָם". (וואָס איז אָנגעשריבן מיט דער פעדער וועסט עס ניט אונ־טערהאַקן מיט דער האַק.)

אַ געשפּרעך מיט׳ן וועלט־באַרימטן בלינדן חזן משה׳לע סורקעס

פון מיין אַלטן פריינט, דזשייק קראַוואַיעוו, האָב איך געוואָלט אוועקגיין אַ קוק טאָן אויף דעם נייעם אידישן קוואַרטאַל, „אויף די בערג״, און זען דעם אונטערשייד פון דעם „אַמאָל און היינט״. כ׳האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז אויסער די פּאָר שולן און די שטאָטישע תלמוד־תורה געפינט זיך אויך אין פּאָל ריווער נאָך אַ „אידישע אינסטיטוציע״, און דאָס איז — דער וועלט באַרימטער חזן און כאָר־דיריגענט משה׳לע סורקעס, וועלכער איז שוין דאָרט אַ תושב זינט ער איז געקומען מיט דער גאַנצער סורקעס משפחה קיין אַמעריקע אין דעם יאָר 1923.

געהערט האָב איך משה׳לען דאַווענען אין באָסטאָן און אין אַ שטעטל לעבן באָסטאָן. די שולן זיינען געווען געפּאַקט מיט מענטשן, אַ סך פון וועלכע זיינען געקומען ניט תפילה טאָן, נאָר זען אויף טשיקאַוועס אַ בלינדן מענטשן, וועלכער האָט קיינמאָל די ליכטיגע וועלט ניט אָנגעזען — ווי אַזוי ער קען אַלע תפילות אויסווייניג און ווי אַזוי פירט ער אָן מיט׳ן כאָר. איך האָב געוואָלט כאַפּן מיט אים אַ שמועס נאָכ׳ן דאַווענען. ער האָט אָבער אויסגעזען צו זיין זייער מיד און איך האָב אים ניט געוואָלט באַלעסטיגן. זייענדיג אין פּאָל ריווער, האָב איך באַשלאָסן ניט דורכצולאָזן די געלעגנהייט צו אינטערוויואירן אים און אויסגעפינען ווי אַזוי ער האָט בלינדערהייד דערגרייכט אַזאַ פיינע מוזי־קאַלישע קאַריערע.

דורכן טעלעפאָן האָב איך אים געלאָזט וויסן, אַז איך קום אים באַלד זען; און אין אַ שיינעם אינדיאַנישן זומער פאַרמיטאָג האָט שוין דער בלינדער מוזי־קאַלישער גאון געוואַרט אויף מיר לעבן דער הויז פון זיין שוועסטער, מרס. אַלעקסאַנדער, אין אַ שטילע גוט־אויפגעפּאַסטע רעזידענץ־גאַס, שיטער פאַר־בויט פוןביידע זייטן מיט העל־גרויע הילצערנע דריי־שטאָקיגע הייזער, מיט גערטלאַך אין פראָנט, אַ צוואַנציג בלאָק פון שטאָט־צענטער, וואו ער און זיין עלטערע אומפאַרהייראַטע שוועסטער, פייגע, מאַכן זייער היים.

עפּעס אַ צען טריט פאַר דער הויז, האָט ער דערפילט מיין אָנקומען און לאַנגזאַם טאַפּנדיג מיט׳ן שטעקן, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר מיט אַ ברייטן

ל. הינדעס

שלום־עליכם און זיך געפריט וואָס אַ אידישער שרייבער קומט אים זען (אַגב, דער איינציגער אידישער שרייבער וואָס האָט זיך באַמיט צו באַזוכן אים אין זיין היים. — ל. ה.)

חזן סורקים, אין די ערשטע פופציגער, העכער פון מיטלוואוקס, מיט שווארצע האָר אויף זיין רונדלעכן קאָפּ, זייער נעט אָנגעטאָן, מיט די טונקל־בלויע ברילן, וואָס פארשטעלן די ליידיגע אויגן־גריבעלאָך — מאַכט ער זייער אַ גוטן איינדרוק אויף זייטיגע מענטשן. ווען איר רעדט צו אים, פארגעסט איר גאָר אַז איר רעדט צו אַ בלינדן . . . און ניט געקוקט וואָס ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אוקראַינע, רעדט ער מיט׳ן זאַפטיגן ביאַליסטאָקער אידישן אַקצענט.

אויף מיין פראַגע, צי ער וואָלט זיך וועלן באַמיען דערציילן עפּעס פון זיין ביאָגראַפיע, האָט ער געענטפערט: „מיט פארגעניגן!״

און זיצנדיג אין דעם שיין־פארפוצטן אויפנאַם צימער (פּאַרלאָר) אין זיין שוועסטער׳ס, מרס. אַלעקסאַנדער׳ס ליכטיגע און ציכטיגע הויז, האָט משה׳לע אין אַ לאַנגן אינטערוויאו איבערגעגעבן זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע — אַ גע־שיכטע וואָס איז ענלעך צו דער לעבנס געשיכטע פון העלען קעלער, די וועלט־באַרימטע אַמעריקאַנער שרייבערין, לעקטאָרין און געזעלשאַפטלעכע טוערין, וועלכע איז געבוירן געוואָרן טויב, שטום און בלינד — מיט אַלע איינצלהייטן און טאַקע פון אָנהויב־אָן.

אַ זוהן פון אַ דיריגענט

— אומאַן, קיעווער גובערניע — האָט ער אָנגעפאַנגען — איז די שטאָט וואו איך בין געבוירן געוואָרן, אין דעם יאָר 1900. מיין פאָטער, לייב סורקעס, איז געווען דער דיריגענט אין דער גרויסער אומאַנער שוהל. ער איז אויך געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר. ווען איך בין אַלט געווען צוויי חדשים, בין איך בלינד געוואָרן. און, ווי איר זעט, האָב איך די ליכטיגע וועלט ניט אָנגעזען, ווי מ׳זאָגט באַ אייך, זעעוודיגע. מיין פאָטער האָט אַנטדעקט אין מיר אַ טאַלאַנט צו זינגען און ער האָט באַשלאָסן דאָס צו אַנטוויקלען. און צו זעקס יאָר, האָב איך שוין געזונגען אין זיין כאָר אַלס אַלט. איך האָב געזונגען אין זיינע כאָרן ווען ער האָט פארנומען שטעלעס אין קרעמענטשוג, פּאָלטאַווער גובערניע, און אין כערסאָן. און צו אַכצן יאָר בין איך שוין געוואָרן אַ „פאָלנער״ חזן און אָנגעפירט מיט אַ כאָר. —

משה׳לעס האָפנונגען צו דערגרייכן אַ קאַריערע פון אַ גרויסן חזן אינ׳ם אַלטן רוסלאַנד, זיינען צעשטערט געוואָרן דורך דעם אויסברוך פון דער ערשטער

וועלט־מלחמה, אין 1914, און דורך דעם פּריציייטיגן טויט פון זיין פאָטער, וועלכער איז געשטאָרבן אין די מלחמה יאָרן אין בערסאָן. נאָך פיל ליידן און וואַנדערונגען, דערציילט ער, איז די גאַנצע סורקעס פאַמיליע, באַשטייענד פון דער אַלמנה, צוויי שוועסטער און דריי ברידער, אָנגעקומען קיין אמעריקע אין 1923 און זיך באַזעצט אין פּאָל־ריווער.

משה'לע'ס שוועסטער, פייגע, וועלכע האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, האָט, ווען איר ברודער איז אַרויס אויף אַ מינוט, דערציילט דעם שרייבער, אַז די ערשטע פּאָר יאָר נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד, איז דער בלינדער ברודער געווען אַ שווערע פּראָבלעם פאַר דער פאַמיליע. ער האָט אין פּאָל ריווער ניט געהאַט וואָס צו טאָן. די פּאָר קליינע שולכעלאך האָבן זיך ניט גענויטיגט אין שטענדיגע חזנים, און ער האָט ניט געקענט גענוג ענגליש איינצושטודירן „קוואַיערס" (כאָרן) פון יונגע אַמעריקאַנער בחורים, וועלכע האָבן כמעט ניט געקענט קיין אידיש; און צווייטנס, האָט זי געזאָגט, איז ניט געווען ווער זאָל זיך אָפּגעבן מיט אים, אַרומפירן אים און אַרומגיין מיט אים. די מוטער איז געווען צו שוואַך דאָס צו טאָן און מיר אַלע האָבן געדאַרפט גיין אַרבעטן. „הכלל", האָט מיס סורקעס געזאָגט מיט באַדויערן, „מיר האָבן פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. ענדלעך, האָט די פאַמיליע באַשלאָסן אַריינצוגעבן אים אין דער סקול פאַר די בלינדע — אין דער באַרימטער „פּוירקינ'ס סקול פאַר די בלאַינד", אין וואָלטהעם, מאַסאַטשוזעטס, צוועלף מייל פון באָסטאָן."

די „ברעיל סיסטעם" האָט אים געראַטעוועט

פאַרזעצנדיג דעם שמועס, האָט דער בלינדער מוזיקאַלישער גאון גערעדט וועגן די דריי יאָר וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער דערמאָנטער פּוירקינ'ס סקול פאַר בלינדע. דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט ריידן פּאַלקאָם ענגליש און לייענען דורך די „ברעיל" סיסטעם (אַ שריפט מיט געפינטלטע בולטע בוכשטאַבן, וועלכע בלינדע לייענען טאַפּנדיג מיט די פינגער), און ער האָט זיך אין דעם דאָזיגן אינסטיטוט אויך פאַרפאָלקאָמט אין זיין מוזיקאַלישע פּראָפעסיע, אויסלערנענדיג זיך צו לייענען נאָטן (אויך דורך דער „ברעיל" סיסטעם) און שפּילן פּיאַנאָ. און קומענדיג אַהיים איז ער שוין געווען אינגאַנצן אַן „אויסגעגריינטער". ער האָט אָבער באַשלאָסן צו נעמען זיך צוריק צו חזנות. ס'האָט אים „געצויגן צום עמוד", ווי שול־אידן זאָגן. צוערשט האָט ער געדאַוונט „ימים־נוראים" אין קליינע שטעטלאך אין ניו־ענגלאַנד מיט קליינע כאָרן, און ווען ער איז שוין באַרימט געוואָרן, האָט ער שוין געקראָגן ראש

ל. הינדעס

השנה יום כפור שטעלעס אין באסטאן, פילאדעלפיע, שיקאגא און אנדערע גרויסע שטעט.

געדיינקט אַלץ אויף אויסווייניג . . .

ווי שוין פריער באמערקט, בין איך זייער נייגעריג געוועזן צו וויסן ווי אזוי האט דער וואונדער־חזן זיך אויסגעלערנט צו געדיינקען די אַלע תפילות אויף אויסווייניג; ווארום, ווי באקאנט, טוט זיך א חזן, א רב, אדער אן איינ־פאכער בעל־תפילה „ניט א ריר" אָן א סידור אדער א מחזור בא דער האנט; און ער, דער בלינד־געבארענער, זאגט און זינגט אַלץ בעל־פה.

— גאנץ פשוט — האט משה'לע געענטפערט אויף דעם שרייבער'ס פראגעס — ווען מיין טאטע ע"ה האט אנטדעקט אין מיר מוזיקאלישן טאלאנט און, האט געוואוסט, אז איך וועל מיט דעם קענען דאוונען פאר'ן עמוד און אפשר ווערן אן ערשט־קלאסיגער חזן, האט ער פאר מיר געדונגען א לערער, וועלכער האט גאנצע צוויי יאר איינגעלערנט און איינגע'חזר'ט מיט מיר דעם גאנצן סידור, דעם גאנצן מחזור, די מגילות און אַלע שטיקלאך וואס א חזן דארף קענען, און די ווערטער האבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, און איך געדיינק זיי גוט. —

און דערביי באמערקט מיט א שמייכל: „קיינער דארף מיך ניט אונטער־כאפן אדער אונטערזאגן. איך וויים אַלע ווערטער."

שפילט פיאנא, לייענט די „ברעיל" זשורנאַלן

ווען ניט פארנומען מיט חזנות, זאגט ער, שפילט ער פיאנא און לייענט דעם אַלגעמיינעם ברעיל זשורנאַל און דעם אידישן ברעיל זשורנאַל, געדרוקט אין ענגליש. ער האט געהערט, אז מען קלייבט זיך ארויסצוגעבן א ברעיל זשורנאַל אין דער אידישער שפראך, און דאן וועט ער קענען לייענען די אידישע קלאסיקער — י. ל. פרץ, מענדעלע, שלום עליכם, שלום אש און אנדערע, אין דער אָריגינעלער שפראך, וואס איז זיין הייסער וואונטש.

אין דער „נייער געטאָ"

די לעצטע סטאַנציע פון מיין באַזוך אין מיין אַלטער היים

און אַט בין איך שוין אויף די בערג, די אַמאָליגע עקסקלוזיווע געגנט, וואו ס'האָט געוואוינט די „אַריסטאָקראַטיע" — די קאַטן מיל באַראָנען, די קאַטן־בראָוקערס, די באַנקירן, רייכע לאָיערס, דאָקטוירים, אינזשענירן און פאַרמעגלעכע געשעפטסלייט.

אין די רייכע פאַלאַצן פון די טעקסטיל מאַגנאַטן, וועלכע זיינען אוועק אין דער סאָוט, האָבן זיך אַריינגעצויגן אַ סך פון די „אַרויפגעאַרבעטע" אידן — אַלטע תושבים און אַריינגעקומענע פון ניו־יאָרק קליידער מאַנופעקטשורערס און קאָנטראַקטאָרס און ביזנעסלייט, וועלכע זיינען פאַרבונדן דירעקט און אומדירעקט מיט דער גאַרמענט אינדוסטריע. און אַזוי האָט זיך דאָרט פאַר־מירט אַ נייער אידישער קוואַרטאַל, אָדער, צו באַנוצן דר. הערצל'ס אויסדרוק, אַ „נייע געטאָ".

שפּאַצירנדיג לאַנגזאַם איבער די שטילע באַרגיגע גאַסן מיט די פאַר־פלאַנצטע ביימער באַ די טראָטוארן, איז מיר געקומען אויף די געדאַנקען אַ דערציילונג אונטער דעם נאָמען, „וואו מיין באָס וואוינט", וואָס איך האָב גע־לייענט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" מיט יאָרן צוריק.

אין דער דאָזיגער דערציילונג שילדערט דער שרייבער (איך געדיינק לײדער ניט זיין נאָמען) וואָס ער האָט געזען אין דעם געגנט וואו זיין אַרבעט־געבער וואוינט: די צוויי־שטאָקיגע וויים־געפאַרבטע „קאָטעדזשעס" מיט גרינע הילצערנע לאָדנס, מיט ברייטע לאָנקעס פון אַלע פיר זייטן, וואו רייך־געק־לײדעטע מענער און פרויען וויגן זיך אין די ברייטע וויג־שטולן; אין ווייסן־אָנגעטאָנענע „באָנעס" שטופנדיג וועגעלאך מיט עופה'לאך פון מיליאָנערסקע פאַמיליעס; גוואוערנאַנטקעס פירנדיג באַ דער האַנט דריי און פיר־יאָריגע שיין־פאַרפּוצטע קינדער; דאַמען פירנדיג גוט־אויסגעצוואָגענע הינטלאך אין בליש־טשענדיגע מעשענע האַלזבאַנדן; האַי־סקול סטודענטן און סטודענטקעס אין די דראָג־סטאָרס. טרינקענדיג זייערע אייז־קרים סאָדאס און טוישנדיג ביליגע „דזשאָוקס" (וויצן).

יאָ, איך האָב אַט די אַלע בילדער געזען אינ'ם נייען אידישן קוואַרטאַל. די פּאָר שעה וואָס איך האָב שפּאַצירט איבער די שטילע גאַסן האָב איך קיין

ל. הינדעס

אידן ניט באגעגנט, אבער אז דארטן וואוינען אידן זאגט עדות דער ניי־אויפ־געבויטער גרויסער טעמפל מיט די קײלעכדיגע ווייסע זיילן, מיט א צענדליג שטיינערנע טרעפ אין פראנט. איך האב געזוכט א אידישע דעליקאטעסן סטאר, האפנדיג צו באגעגענען דארטן א אידן, אבער אומזיסט! און אזוי זוכנדיג בין איך באהערשט געווארן פון א מאדנעם געפיל פון נאסטאלגיע, ס'האט זיך מיר פארביינקט נאך אמאל צו זען די טונקעלע וואשינגטאן סטריט און דעם אלטן אידישן קווארטאל, וואו הארעפאשנע אידן מיט געזונטע פארמאַ־זאליטע הענט האבן זיך מיט איבער פיר־צענדליג יאר צוריק צוזאמענגעקליבן און „ארומגערעדט די וועלט„; וואו דער שיכור'ער זייגער־מייסטער פלעגט שרייען צו די פארזאמלטע: „ווען איך בין שיכור, זייט איר בא מיר אלע מלאכים, און ווען איך בין ניכטער, זייט איר בא מיר טייוואלים." און ווען אימעצער האט זיך צו אים געטשעפעט, האט ער געהאט בלויז איין ענטפער: „וואס איך האב אויף דיר נעכטן געזאגט שיכורערהייד זאג איך היינט אויף דיר ניכטערערהייד" . . .

ס'האט זיך מיר געוואלט באגעגענען דעם „אידישן איירישמאן" פון דער אלטער געטא, וועלכער האט גערעדט אידיש „ווי א וואסער", אפילו מיט א „סין" אנשטאט א „שין"; סאבעס, אנשטאט שבת; „יום הסיסי", אנשטאט „יום השישי" — ווי עם ריידן קאוונער אידן. ווען ער האט צו מיר דעם ערשטן מאל גערעדט, האב איך גארניט געוואוסט אז ער איז אן איירישער. ער האט מיר דערציילט פון די גבאים און פרעזידענטן פון די שולן, פון די לאדזשעס, פון די כלי־קודש, און אנדערע קהל'שע אידן. און די גאנצע צייט וואס ער האט צו מיר גערעדט האב איך אפילו ניט פארדעכטיגט אז מיין מיטשמועסער איז א „גוי". נאר איין מאל טו איך אים א פרעג, אוים נייגעריקייט, פון וואנעט ער איז א לאנדסמאן.

— דא געבוירן — ענטפערט ער.

— דא געבוירן?! — וואונדער איך זיך — טא וואו האסטו זיך אויס־געלערנט צו ריידן אזוי גוט אידיש? —

— וועל — זאגט ער — איך גיי ארום מיט אידישע באיעס. —

ווידער קען איך אים ניט פארשטיין וואס ער זאגט: „איך גיי ארום מיט אידישע באיעס".

— איך בין ניט קיין איד — האט ער ארויסגעשמייכלט נאך איידער איך האב אים געפרעגט וואס ער איז — איך בין אן איירישמאן, מיין נאמען איז פעט (פעטריק) קעלי, איך טרינק ניט און איך קיינמאל ניט סיקער (אנשטאט שיכור).

דעם אידישן איירישמאנ'ס ענטפער האט מיך ווי פריטשמעליעט. . . .

ניטאָ קיין אידישע דעליקאַטעסן סטאָר

האָבנדיג זיך אויסגעטשוכעט פון מיין „חלום״ און בײנקעניש נאָך די בילדער פון דעם אַמאָליגן אידישן געגנט, אָדער, ווי מ׳האָט עס דאַן גערופן: די „פּאָל־ריוועװער איסט סייד״, האָב איך זיך ווידער אַוועקגעלאָזן דורך די בערגיגע גאַסן, וואו עס האָט געהערשט אַן אמת׳ע אידילישע, כמעט פאַרשלעפּערדיגע שטילקייט, זוכן אַ דעליקאַטעסן סטאָר, וואו איך האָב געהאָפט צו קריגן צו קויפן אַ אידישע ציַיטונג. אָבער, ווי געזאָגט, ניט געפונען. אַביסל באַרגאַראָפּ געפינען זיך עטלעכע שמאָלע שיינע גאַסן, שיטער פאַרבויט מיט דרייַשטאָקיגע הילצערנע הייזער מיט גערטלאַך אין פראָנט און באַ די זייטן. דאָ, אין די געסלאַך, האָב איך פאַרשטאַנען וואוינען מיטל־קלאַסיגע אידן, צווישן זיי היימישע אידיש־רײדנדיגע אידן, און איך האָב זיך געפרעגט: וואו טוען זיך אהין די דאָזיגע אידן די אָווענטן, די זונטאָגס, די קריסטלעכע יום־טובים? וואו קלייבן זיי זיך צוזאַמען כאָפּן אַ שמועס ווי באַלד אַז ס׳איז ניטאָ קיין דעליקאַטעסן סטאָר און ניט קיין קאָמיוניטי צענטער? און טאַקע וואו? איז דאָס מעגלעך אַז די ראַדיאָ און טעלעוויזיע האַלט זיי צוגעשמידט און זיי גייען ערגעץ ניט אַרויס?

די דאָזיגע פראַגע, אָדער פראַגעס, האָב איך, ווי געזאָגט, זיך געפרעגט און ניט קיין אַנדערן. איך האָב געפילט, אַז אַזאַ פראַגע וואָלט די באַטרעפנדיגע פערזאָנען געשטעלט אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט (עמבערעסמענט, אין ענגליש). איך האָב געפילט, אַז אַ סך פון די דאָזיגע אידן פאַרדריסט וואָס זיי האָבן ניט קיין קאָמיוניטי צענטער אין שטאָט, וואו פאָלקס־מענטשן וואָלטן געקאָנט צוזאַמענטרעפן זיך און ריידן פון „פּאָליטיקס״, אָדער פון פּערזענלעכע אַנגעלעגנהייטן. איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז מיט מיין פראַגע וואָלט איך „געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן״, וואָס עס וואָלט זיי געוויס אַריינגעבראַכט אין כעס. . . .

איין אָפּשניט אַזאַ האָב איך שוין געהאַט מיט דעם אַלטן מר. וויינער, וועלכער איז, ווי איר געדיינקט, גוט אין כעס געוואָרן אויף מיר ווען איך האָב אים געפרעגט די אומשולדיגע פראַגע ווי מ׳גייט צו דעם קאָמיוניטי צענטער — אַז אינסטיטוציע וואָס איז אין שטאָט גאָר ניטאָ.

שרייבנדיג די שורות דערמאָן איך זיך ווי איך בין איינמאָל „אַריינגעפאַלן״ מיט אַ פראַגע אין אַ שמועס מיט אַ אידישן אויפגעקומענעם מיליאָנער אין אַ קליין שטעטל אין פּענסילווייניע. דער דאָזיגער גביר האָט מיך איין מאָל איינגעלאַדן צו זיך אין זיין ניי־אויפגעבויטן פּאַלאַץ צו זען וואָס „ס׳טוט

ל. הינדעס

זיך דאָרט". זיין כוונה איז געווען, אז אזוי ווי איך אַרבעט פאַר אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, און איך קען פערזענלעך אַ גרויסע צאָל אידישע פאַמיליעס, וועל איך מסתמא ניט פארגעסן צו דערציילן וואָס איך האָב געזען אין זיינע שיינע זאַלן, די עס־צימערן, אויפנאַם־צימערן, די באָד־צימערן; געוויזן מיר די טייערע מעבל, די קאָסטבאַרע קאַלירפולע אָריענטאַלישע טעפּיכער — אימ־פּאָרטירט פון ניו־יאָרק. ער האָט מיך אויך געוויזן זיין נייע ביכער־שראַנק (בוק־קעיס), וועלכע, צו מיין איבעראַשונג, איז געווען אינגאַנצן ליידיג. . . .

— וואו זיינען די ביכער, מר. ל.? — פרעג איך אים.

מיין מכנים אורח איז רויט געוואָרן, און וואָלט זיך נאָך מער געדרויטלט ווען איך דערמאָן אים וואָס אַ באַרימטער ענגלישער שרייבער, וויליאַם בלעיק, האָט מיט הונדערט יאָר צוריק געזאָגט: „אַ הויז אָן ביכער איז געגליכן צו אַ שטאַל" („עי האוז וויטהאוט בוקס איז לאַיקנד טו עי סטייבל"). זעלבסט־פאַרשטענד־לעך, אז דער ענגלישער חכם האָט גערעדט וועגן ביכער, האָט ער זיכער ניט געמיינט די היינטיגע שונד־ראָמאַנען, די מאָרד און פּאָנאָגראַפישע „ליטעראַ־טור", מיט די געצאַצקעוועטע שער־בלעטער.

נאָך אַמאָל, איך האָב באַ קיינעם ניט געפרעגט. ווי אזוי די געציילטע אידיש־ריידנדיגע אידן אויף די בערג לעבן זיך אוים געזעלשאַפטלעך און קול־טורעל, איז פאַר מיר געבליבן אַ געהיימניש.

דער וואונדער שטיין פון דעם גלאַציער פּעריאָד

זעקס אָדער זיבן בלאָק פונ'ם טעמפּל געפינט זיך דער וואונדער־שטיין, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער געשיכטע פון פּאָל־ריווער און וואָס ווערט גע־וויזן אויף די סואווענירן קאַרטלעך פון דער שטאָט. דער שטיין, אָדער „בולדער", ווי ער איז באַקאַנט אין שטאָט. דער דאָזיגער „בולדער", איז אַ ריזיגער קיילעכ־דיגער ברוין־גרויער שטיין, איינגעפאַלן פון אויבן, אויסגעהובלט און שטע־כעדיג, אכציג פוס אין צירקל, אכט פוס טיף (אין דער גרעב) און וועגט 158 טאָן. לויט אַ דערקלערונג פון וויסנשאַפטלער, שטאַמט דער „שטיינדל" פון דער גלאַציער פּעריאָד, ווען אונזער פּלאַנעט, וואָס מיר רופן „ערד", איז נאָך געווען באַדעקט מיט אייז און קיין לעבן איז נאָך ניט געווען — מיט מיליאָנען און מיליאָנען יאָרן צוריק. דיזעלביגע אַרכעאָלאָגן גלויבן, אַז דער „ראָק" איז אַהער פאַרטראָגן געוואָרן דורך אַ וואַסער־פאַרפלייצונג. ווען די דאָזיגע פאַר־פלייצונג איז פאָרגעקומען איז ניט באַקאַנט.

דער זעלטענער פעלזן־שטיין איז אוועקגעשטעלט אויף אַ פיר־עקיגן העל־ברוינעם מאַרמאָרנעם פּעדעסטאַל, און טוריסטן פאַרפעלן קיין מאָל ניט צו־צוקומען אָנקוקן דעם דאָזיגן נאַטור־וואונדער.

איך, אַ געוועזענער תושב, בין אויף אַ קורצע ווײַלע אויך געווען אַ טוריסט . . . ווײַל פאַר די פאַר יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פ. ר. האָב איך די אַרכעאָלאָגישע זעלטנהייט ניט געזען און אפילו ניט געהערט פון איר.

אַרונטערקוקנדיג פון באַרג

אוועקגייענדיג פון דעם מיליאָנען יאָרן אַלטן שטיין, האָב איך פאַרבלאָנ־דזשעט צו אַ ליידיגן פּלאַץ אויפ'ן העכסטן פונקט פון באַרג, און אַרונטער־קוקנדיג האָב איך, צו מיין איבעראַשונג, דערזען די שטאָט — די אַלטע שטאָט. לינקס האָב איך געזען די גלאַטע און משפּחה'דיגע דעכער פון די הייזער אין דער פלינט געגנט. אין מיטן — די באַקאַנטע גאַסן און די געביידעס פון צענטער; און פון דער רעכטער זייט — די לאַנגע, זייער טונקעלע דריי־גאָרנדיגע הילצערנע טענעמענט הייזער, מיט וועש אויפגעהאַנגען אויף די לאַנגע שטריק צו טריקענען, וואו עס וואוינען כמעט אויסשליסלעך קאַטן מיל אַרבעטער.

ל. הינדעס

קוקנדיג אויף דער, אזוי צו זאָגן, פּאַנאָראַמאַ, זײַנען מיר געקומען אויף די געדאַנקען דרײַ מאָדנע איבערלעבונגען פון אַמאָל, וואָס האָבן מיר פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל האַרץ־ווייטאָג און פאַרדרוס.

איינמאָל בין איך געגאַנגען אין אַ גוס־רעגנדיגן־אָוונט, אָן אַ פּאַראַסאָל, אין דער פּלינט, צו געבן אַ לעקציע מײַנעם אַ שילער, איז ער, דער תלמיד, גראָד ניט געווען אַהיים, און כ'האָב ניט געקענט קריגן דעם האַלבן דאָלאַר, וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן (און שוין איין מאָל געדאַרפט!). באַ די שטוביגע האָב איך זיך געשעמט צו בעטן און בין אַוועק, ווידער אין גוס־רעגן, מיט דער „שווערסטער משא" — הײַנע'ס באַקאַנטער נאָמען פאַר אַ ליידיגע קעשענע. . . .

ווען איך בין געוואָרן אַן אינשורענס אַגענט, האָט מען זיך אין צענטער און אין אידישן קוואַרטאַל געשושקעט, אַז איך זוך אויסצונוצן מײַן באַקאַנטשאַפט צווישן ראַדיקאַלן און נאָענטע פרײַנט צו קריגן „פּאָליסים", דאָס הייסט, קליענטן ווען מ'דאַרף שטאַרק אײַנריידן זיך צו פאַרסטראַכירן. און איין מאָל טרעפט מיך אויף דער מעין סטריט אַן ענגליש־שפּרעכנדער בחור, וועלכן איך האָב געקענט פון דערווײַטנס, און פרעגט מיך: „האַו איז די האָנעסט ביזנעס?" (ווי גייען די (דײַנע) אָרנטלעכע געשעפטן?)

אין יענע יאָרן האָבן די פאָלקס־מאַסן, באַזונדערס די אימיגראַנטישע, ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז אַזוינס „לאַיף־אינשורענס", דאָס הייסט, לעבנס־פאַרזיכערונג. (פון פייער־פאַרזיכערונג האָבן זיי נאָך געהערט אין דער אַלטער היים.) און די דאָזיגע ניי־אָריבערגעקומענע רוסיש־פּוילישע מענטשן האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס אומצוטרוי צו די אינשורענס אַגענטן און געקוקט אויף זיי ווי אויף שווינדלער, אָבער פאַר וואָס דער אַמעריקאַנער־געבוירענער חברה־מאַן, וועלכער האָט יאָ געוואוסט פון אינשורענס ביזנעס, האָט מיך געפרעגט אַזאַ שטעכעדיגע פראַגע , איז פאַר מיר געווען אומפאַרשטענדלעך; מסתמא איז דאָס געווען אויס קנאה־שנאה . . . אַלענפאַלס, זײַן ציניש באַמערקונג האָט מיר פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש. און אָרונטערקוקנדיג, רעכטס, אויף די טונקל־גרויע הײַזער, איז מיר געקומען אויף די געדאַנקען דער מאָדנער „אינצידענט" וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט ווען איך האָב געפעדלט מיט „פּיקטשורס", און געזוכט קונדן אויף צו פאַרגרעסען קליינע פאָטאָגראַפיעס און אַרײַנפּאַסן אין אַ נייעם ראַם אַלטע. אַן עלטערע פרומע קאַטהוילישע פרוי האָט מיר געגעבן אַ באַשטעלונג אײַנצופרעימען אַ בילד פון אַ „הייליגן" אין אַ נייע פרעים; און איך, אַלס שטרייגגער מיליטאַנטישער אַטהעאיסט, האָבן געטראָגן דעם בילד פון דעם „סעינט", דורך די גאַסן אָפענערהייד, אויפן וועג צום פרעימער. עס האָט מיר געפלאַמט דער פנים פון בושה. קריסטן האָבן מיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די „קונסט־ווערק", זיך גע'צלמ'ט און מיך באַטראַכט אַלס איינער וואָס

פּאָל ריווער — אַמאָל און היינט

איז באַשעפטיגט אין אַ קירך . . . עס האָט מיר געשווינדלט אין קאָפּ און איך בין שיר ניט געפאַלן אין אנמאַכט פון דער דאָזיגער דערפאַרונג. . . .

וואָס געווען וועט שוין מער ניט זיין

אַרונטערקוקנדיג אַזוי פונ'ם הויכן באַרג און טראַכטנדיג וועגן די דער־מאָנטע דריי פּאַסירונגען און פון פריערדיגע איבערלעבונגען, בין איך, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די סעפּטעמבער נאָכמיטאָגדיגע זון האָט געשיינט אין איר פולער פּראַכט און געוואָרפן אירע ליכטיגע שטראַלן אויף די דעכער, אויף די פעלדער, אויף די ביימער, אויף דעם דורכפּליסנדיגן שמאָלן טייכל — אַריינ־געפאַלן אין אַ זייער אומעטיגע שטימונג, און ס'האָט מיר אַזש פאַרקלעמט דאָס האַרץ . . . כ'בין אָבער באַלד צו זיך געקומען און זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז ס'גייט צו אַ בעסערע וועלט, פון וועלכע איך האָב גע'חלומ'ט און פאַר וועלכע איך האָב געקעמפּט איבער אַ האַלבן יאָר־הונדערט — אַ וועלט וואו מיליאָנען געזונטע אַרבעטלאָזע מענטשן וועלן ניט זיין געצוואונגען זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ שווערע, נודנע און אַבסאָלוט אומנוצלעכע באַשעפטי־גונג ווי פעדלעריי און קענוועסעריי — צו ווערן „טירן קלאַפּערס" — קלאַפּן מיט'ן צונג, בעטן און שרייען: קויפט אַ פּאָר זאָקן! קויפט אַ פּיקטשע! קויפט אַן אינשורענס פּאַליסי! גיט אַריין אַ רעקלאַמע! (אַדווערטייזמענט), גיט אַ נדבה פאַר פאַרוואָגלטע אידישע אימיגראַנטן! גיט אַ נדבה פאַר קראַנקע אידן! — און נאָך אַזעלכע דערנידריגנדיגע, נערוון־צעברעכנדיגע פּרנסות! די מענטש־הייט מאַרשירט מיט שנעלע טריט צו אַ פרייע פרידלעכע וועלט, וואו יעדער איינער וועט קאָנען — און מוזן — טאָן נוצלעכע קרעאַטיווע אַרבעט, מיט אַ געזיכערטע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ — צו אַ ליכטיגע צוקונפט, צום סאָציאַליזם.